STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06332

DI ANTLOYFERS

Rachmil Bryks

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschhorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Leif D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די אַנטלויפּערס

*

פון גסיסה צום לעבן

מעמואַרן פון געטאָס און קאַצעטן

פון

ירחמיאל בריקס

מאַנוסקריפּט צוגעגרייט צום דרוק:
בערל כהן

ארויסגעגעבן דורך הינדע בריקס
ניו־יאָרק, 1975

RACHMIL BRYKS

DI ANTLOYFERS

*

FUN GSISE TSUM LEBN

Copyright 1975
by IRENE BRYKS
New York, N. Y.

KNIGHT PRINTING CORPORATION
382 Lafayette Street, New York, N. Y. 10003
96

ירחמיאל בריקס, אַפּריל 12, 1912—אָקט' 2, 1974

געצייכנט דורך ראַפֿאַעל סאָיער

אין ליכטיקן אָנדענק
פון מיין אומפאַרגעסלעכן מאַן
ירחמיאל בריקס ז״ל
וואָס איז אַזוי פּלוצעם און פריצייטיק
אַוועקגעריסן געוואָרן פון מיר
אין זיינע בעסטע שאַפערישע יאָרן.

הינדע בריקס

אַרײַנפֿיר

ירחמיאל בריקס איז געווען אַ הויך-שטרעבנדיקער, יונגער פּאָעט, פֿול מיט לעבנספֿרייד, ווען ס'איז אויסגעבראָכן דער צווייטער וועלטקריג און אים אויסגעשטעלט צו אַלע גרוילן פֿון לאָדזשער געטאָ און אוישוויצער טויטלאַגער. ער האָט דורכגעטראָגן די אַלע אוממענטשלעכע נסיונות אַ דאַנק אַ שטאַרקן ווילן צו לעבן און אַ מערקווערדיקער נאַטירלעכער אינטעליגענץ צו דערשמעקן סכנות און זיי אויסצומיידן דורך קלוגער איינפֿאַלערישקייט. דאָס האָט אים געהאָלפֿן איבערצוטראָגן הונגער און פֿיזישע צרות.

בריקס האָט אויך געהאַט מזל אין צונויפֿטרעפֿענישן מיט גוטע מענטשן אין יענע ביטערע צייטן: דייטשן, וואָס זײַנען ניט אין גאַנצן געוואָרן פֿאַרחיהשט; פּאָליאַקן, וואָס האָבן ניט פֿאַרלאָרן זייערע רחמנות-געפֿילן, ניט געקוקט אויפֿן פֿאַרשפּרייטן אַנטיסע־מיטיזם פֿון זייערע לאַנדסלייט, און קודם-כּל יידן, וואָס האָבן אָפּגע־שאַצט זײַן ליטעראַרישע און אַרטיסטישע טאַלענטירטקייט און אים געהאָלפֿן זיך דורכצושלאָגן די ביטערע צייט דורך דערמעגלעכן אים פֿון צייט צו צייט אַ ביסל לײַכטערע אַרבעט אָדער אַ ביסל מער שפּייז.

נאָך דער באַפֿרייאונג איז בריקס געווען עטלעכע יאָר אין שוועדן. אין 1949 האָט ער זיך באַזעצט אין ניו-יאָרק, וואו ער האָט אַ פֿערטל יאָרהונדערט, ביז זײַן פּלוצעמדיקן טויט אין 1974, זיך אָפּ־געגעבן מיט באַשרײַבן זײַנע איבערלעבענישן אין געטאָ און קאַצעט דורך בעלעטריסטישע און מעמואַריסטישע ווערק.

זײַן דערציילונג „אַ קאַץ אין געטאָ" (אין 1959) האָט אים געשאַפֿן אַ נאָמען פֿון אַ טאַלענטירטן שרײַבער פֿון היטלער-חורבן. זי איז איבערגעזעצט געוואָרן אויף העברעאיש, ענגליש און פֿראַגמענטאַריש אויך אין אַנדערע שפּראַכן — און איז אינסצעני־רט געוואָרן ווי אַ טראַגי-קאָמעדיע. דורך איר פֿולן רעאַליזם און ביטערן הומאָר האָט בריקס באַוויזן, אַז די בעסטע עפֿעקטן ווערן בעסער דערגרייכט ניט דורך גענעראַליזאַציעס וועגן דער מאַרטי־

רערשאפט פון מיליאנען, נאר גיכער דורך איינפאכער און אויפ־ריכטיקער נאראציע וועגן די מחשבות, געפילן און גסיסה־קאנ־וואולסיעס פון יחידים, וואס קענען דינען ווי א סימבאל פאר אלעמען.

די צוויי נאוועלעס פון י. בריקסן „דער קייסער פון געטא" און „די פאפירענע קרוין" שילדערן בעיקר מרדכי חיים רומקאווסקי, דעם פארזיצער פון לאדזשער יודנראט, וואס האט די דייטשן אי־בערגעגעבן צענדליקער טויזנטער יידן צום טויט. כאטש בריקס אליין איז ארויפגעשטעלט געווארן אויף איינער פון די טראנספאר־טאציע־ליסטעס אין די טויטלאגערן, האט ער ארויסגעוויזן מיטגעפיל און פארשטענדעניש פאר רומקאווסקין און אים געשילדערט ווי א געפאנגענעם אין א פאסטקע, איבערגעוועלטיקט פון קאשמארן, צעבראכן דורך דעם דרוק פון זיין געוויסן, און צום סוף צוגעבנדיק זיין אייגענעם נאמען צו דער רשימה פון דעפארטירטע אין די קרעמאטאריעס.

אין „די פאפירענע קרוין" לאזט זיך לייכט דערקענען דער מחבר אין דער פערזאן פון פאעט בלוישטיין, וואס פאר זיינע אויגן גייען פארביי די איינוואוינערס פון געטא, יעדערער מיט זיין פיין, ספעציפישן סארט הומאר, מיט זיינע מאטערנישן און יסורים, ניצנדיק פארשיידענע איינפאלן צו שטילן דעם טעגלעכן הונגער און ניט ספקנדיק אין איבערקומען דעם שונא. בריקס דערציילט וועגן סאציאלע קאמפן אין לאדזשער געטא, וועגן קולטור־ און דערציאונג־ארבעט און וועגן איינשטעלן זיך פון די טויט־פארמיש־פטע פאר גערעכטיקייט און ארנטלעכקייט.

אין זיין ווערק „די וואס זיינען נישט געבליבן"" (1972) וויקלט בריקס פונאנדער א פאנאראמע פון א פויליש שטעטל צווישן ראדעם און קעלץ, סקארזשיסק, וואס איר יידישע קהילה איז אומגעבראכט געווארן אין 1942 דורך די נאציס. דאס נאסטאלגישע דערציילן וועגן דער שיינקייט און אינעווייניקסטע יידיש לעבן אין די פוילישע שטעטלעך, ווייט פון דעם הויפטשטראם פון דער אייראפעאישער קולטור, געהערט צום ליטעראַרישן זשאנער, וואס איז איניציאירט געווארן דורך שלום אשם אידילישן „דאס שטעטל". אבער בעת אשם דערציילונג ענדיקט זיך מיט פייערלעכקייט און אפטימיזם, ענדיקט זיך די באשרייבונג פון בריקסן מיטן מארד פון זיין מישפחה און די אנדערע יידן. דאס ביסל יידן, וואס זיינען געבליבן לעבן אין סקאר־זשיסק נאך די שחיטות, זיינען שפעטער דעפארטירט געווארן אין טרעבלינקער טויטלאגער.

די אויפטרייסלענדיקסטע געשיכטע אין בריקס ווערק, געדרוקט צו ערשט אין זיין „אויף קידוש השם", איז די מעשה וועגן אַן עלף־יאָריק קינד, וואָס איז פרייוויליק אַרוים פון זיין באַהעלטעניש אין אוישוויץ אומגעבראַכט צו ווערן אין קרעמאַטאָריע, כדי צו ראַטע־ווען די לעבנס פון די אַנדערע קינדער.

די צווייטע ווערק, וואָס ווערן פאַרעפנטלעכט אין דאָזיקן באַנד, זיינען מעמוארן וועגן מחברס איבערלעבענישן, אין אָנהייב קריג און שפּעטער אין אוישוויץ, ווי אויך די ערשטע צייט נאָך זיין באַפריי־אונג. טיילן פון די דאָזיקע ווערק, אונטער פאַרשיידענע נעמען, זיינען געדרוקט געוואָרן אין יידישע צייטשריפטן, אָבער אין זייער גאַנצקייט ווערן זיי איצט פאַרעפנטלעכט צום ערשטן מאָל.

בריקס מאַכט אַ טיפן עמאָציאָנעלן איינדרוק אויפן לייענער, ווייל זיין נאַראַציע איז אויטענטיש, זייער לעבעדיק און איז רייך אין סאַרדאָנישן הומאָר. דאָס שטראָמט פון אַ האַרץ, וואָס איז פול רחמנות פאַר די באַשעפענישן אין גאָטס געשטאַלט און שווין צו אַפּפּ פאַרשוועכן זיי דעם „צלם אלהים". דאָס אידענטיפיצירט דעם מחבר — וואָס האָט דורכגעמאַכט אַזוי פיל עינויים און פּיין און איז פאַרבליבן ביי זיין מענטשלעכער מאָראַל — מיט אַלע יידן, וואָס ליידן פון אוממענטשלעכקייט און וואָס בלייבן לעבן ווייטער פאַר דער גאולה פון זייער פאָלק און פאַר אַ מער מאָראַלישן מאָרגן פון דער גאַנצער מענטשהייט.

סאָל ליפּצין

מיין הייליקער חוב

ווי די אלמנה פון ירחמיאל בריקס קען איך עדות זאָגן, אַז מיין מאַן ע״ה איז ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן אין 1974 ניט געווען אַרויס פון געטאָ. נאָך זיין ראַטעווען זיך פון געטאָ און קאַצעטן האָט ער ווייטער געלעבט מיט די שאָטנס פון זיינע גע־שילדערטע קרבנות, וואָס זיינען אומגעקומען מיט אַלע מיתות משונות.

ביים לייענען די שריפטן פון ירחמיאל בריקס פילט דער ליי־ענער דעם ציטער פון דעם מחבר ביים באַשרייבן די גרויליקע צייט פון היטלער־חורבן.

דורך מאָלן איין בערעלע — האָט ער געמאָלן דעם פאַרשני־טענעם מיליאָן יידישע קינדער; דורך מאָלן איין מישפחה — האָט ער געשילדערט אַלע אומגעבראַכטע יידישע מישפחות אין די געטאָס און גאַזקאַמערן.

ירחמיאל בריקס האָט אָפּגעגעבן זיינע כוחות צו לאָזן אַ שריפטשטעלערישן דענקמאָל דעם גרעסטן חורבן אין דער יידישער געשיכטע. איך גלייב, אַז זיין אַרבעט איז ניט געווען אומזיסט און אַז ער האָט צוגעטראָגן זיין חלק אין אָנהייבן שטעלן די ליטע־ראַרישע מצבה נאָכן אומגעבראַכטן יידנטום אין אייראָפּע, צוזאַמען מיט אַנדערע יידישע שרייבערס וועגן חורבן.

מיין מאַן האָט געקעמפט פאַרן אמת, ווי ער האָט עס פאַר־שטאַנען. ער האָט געקעמפט מיט אַ ריינעם געוויסן און ער איז געווען אָפּגעהיט ניט צו זינדיקן מיט זיין פעדער.

ירחמיאל האָט געפירט אַ יידישע שטוב, און דורך זייער עכטער יידישער דערציאונג זיינען זיינע פאַרבליבענע טעכטער מרים־סערל און ביילע־רבקה אַ המשך פון זייער טאַטן.

איך און מיינע קינדער וועלן אייביק געדענקען ירחמיאלן מיט ליבשאַפט און בענקשאַפט.

איך האָב באַטראַכט פאַר מיין הייליקן חוב צו מאַכן אַלע אָנשטרענגונגען אַרויסצוגעבן די געבליבענע שריפטן פון מיין ליבן מאַן ע״ה, וואָס זיין שאַפונג איז אַזוי פריצייטיק איבערגעריסן געוואָרן.

הינדע בריקס

אַ פּאָר באַמערקונגען

טײלן פון די צװײ מעמואַריסטישע אַרבעטן אין דאָזיקן בוך זײַנען געװען געדרוקט אין פאַרשײדענע צײַטשריפטן. הײַנט יידישע זשורנאַלן און צײַטונגען ניצן נאָך ניט קײן כוללדיקן אױסלײַג, האָט די אָרטאָגראַפיע געמוזט פאַראײנהײטלעכט װערן. דאָס זעלביקע איז חל אויך אויף דער פּונקטואַציע.

הײַנט דער מחבר האָט שױן ניט באַװיזן גרײנטלעך דורכצוקוקן דעם ענדגילטיקן טעקסט, האָבן מיר געמוזט אויסגלײַכן געװיסע סתירהדיקע געשעענישן, אויסלאָזן איבערחזרונגען און אַנדערשן דאָ און דאָרט דעם אַרכיטעקטאָנישן געבוי פון טײל קאַפּיטלען.

דאָס אײַנטײלן אין קאַפּיטלעך און זײ באַקעפּלען איז כמעט אין גאַנצן געמאַכט געװאָרן דורך אונדז.

כדי אויפצוהיטן דעם קאָלאָריט פון די באַשרײַבונגען, זײַנען איבערגעלאָזן געװאָרן ספּעציפֿישע אױסדרוקן, װאָס זײַנען געניצט געװאָרן אין לאָדזש, געטאָ און קאַצעט.

בערל כהן

אַזוי האָט זיך עס אָנגעהויבן

פרייטיק, ערשטן סעפּטעמבער, יאָר 1939, פּינקטלעך צוועלף ביי טאָג, האָט דער וואַרשעווער ראַדיאָ געמאָלדן: „ס'איז מילחמה! היטלער האָט אָנגעזאָגט פּוילן מילחמה!"

די וועלט האָט נאָך פריער געוואוסט, אַז ס'איז מילחמה, אָבער נישט דאָס פּוילישע פאָלק. נאָך נעכטן ביי נאַכט זיינען די דייטשן אָנגעפאַלן אויף פּוילן, זיי האָבן באַוואָרפן מיט צינדבאָמבעס שטעטלעך און דערפער, נאָענט צו דער גרענעץ און די דאָזיקע יישובים זיינען אַוועק מיטן פייער. די דייטשע אַרמיי האָט נאָך נעכטן ביי נאַכט אָקופּירט פּוילישע טעריטאָריע און היינט אין דער פרי אָקופּירט וולוין (וויעלון), אַ שטאָט מיט טויזנטער יידן, און פון אין דער פרי אָן פליען דייטשע עראָפּלאַנען פראַנק־און־פריי איבער גאַנץ פּוילן און באָמבאַרדירן וויכטיקע פּונקטן. די פּוילישע רעגירונג האָט פון דעם געמאַכט אַ סוד, ערשט אַצינד האָט זי אַרויסגעגעבן די נייעס וועגן דער מילחמה.

אַזוי ווי נישט אין יעדער היים איז געווען אַ ראַדיאָ, איז די שרעקלעכע נייעס נישט באַלד צו יעדן דערגאַנגען. נישט יעדער האָט דאָס געוואָלט גלייבן, כאָטש מען האָט דאָס שוין אַ לענגערע צייט דערוואַרט, ווייל היטלער, ימ"ש, האָט דאָך שוין לאַנג געדראָט פּוילן מיט מילחמה.

איך בין דעמאָלט געווען אין מיין היימשטאָט לאָדזש, דער „פּוילישער מאַנטשעסטער", די צווייט־גרעסטע שטאָט אין פּוילן, וואָס יידן האָבן געהאָלפן אויפבויען. דאָס איז געווען די פאָלקסטימלעכסטע יידישע שטאָט אין פּוילן. ווען דער ראַדיאָ האָט איבערגעגעבן די אומגליקלעכסטע נייעס אין דער וועלט־געשיכטע, האָב איך מיך געפונען ביי מיין עלטערער שוועסטער טאָבטשע, וואָס האָט מיט פיר וואָכן צוריק חתונה געהאָט.

איך בין געבוירן אין סקאַרזשיסקאָ־קאַמיענאַ, אַ שטעטל צווישן ראַדאָם און קעלץ. איך בין געווען דער דריטער פון אַכט קינדער. ווען איך בין נאָך געווען אַ יינגל, האָבן מיר זיך צוליב פּרנסה און צו „מאַכן" די קינדער פאַר אַ „לייט" אַריבערגעצויגן קיין לאָדזש, אָבער עטלעכע

יאָר פאַר דער מילחמה האָבן זיך די עלטערן מיט די ייִנגערע פינף קינ־
דער צוריקגעצויגן אין שטעטל אַריין, מחמת ס׳איז דאָרטן געוואָרן לייכ־
טער צו האָבן פּרנסה, ווייל ס׳איז דאָרטן אויסגעוואַקסן אַן אינדוסטריע.

איך האָב פון קינדווייז־אָן שווער געאַרבעט און אַ סך געהונגערט.
יענעם האַרבסט האָב איך צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן געזאָלט אַרויס־
פאָרן אין אַ פּענסיאָנאַט אַריין אויף איבער די ימים נוראים און איבער
סוכּות. נישטאָ קיין מזל כאַטש איין מאָל הנאה צו האָבן אין מיין לעבן.
האָב איך געטראַכט. די ראַדיאָ־ידיעה האָט מיך אויפגעשוידערט. איך
האָב מיר שוין קיין אָרט נישט געקענט געפינען. איך בין באַלד אַראָפּ־
געלאָפן אין גאַס אַריין. דאָס לעבן איז אָנגעגאַנגען נאָרמאַל, ווייל דער
גרעסטער טייל מענטשן האָט נאָך נישט געוווּסט פון דעם אומגליק.
קיינער האָט מיר נישט געוואָלט גלייבן, אַז דער קריג איז שוין אויס־
געבראָכן. אַלע האָבן געמיינט, אַז איך וויצל זיך. ווען איך האָב מיינס
אַ פריינד איבערצייגט, אַז דאָס איז נישט קיין וויץ, האָט ער אויפגעשוי־
דערט, זיין מראה איז געענדערט געוואָרן און ער האָט צוגעגעבן: „דאָס איז
אַזוי שנעל געשען, ווייל סטאַלין האָט געשלאָסן אַ פּאַקט מיט היטלערן.
נו, יאָ, דער עפּל פאַלט נישט ווייט פון בוים. אַ מערדער חברט זיך מיט
אַ מערדער. אָבער הערט אַ מעשה: אין 1914 איז „פּאַניע חזיר" געגאַנ־
גען קעגן דייטש און היינט גייט „פּאַניע חזיר" מיטן דייטש."

איינער האָט אים געענטפערט: „די קאַפּיטאַליסטישע וועלט האָט
אויפגעבויט היטלערס ממשלה און אים געהאָלפן ווערן די שטאַרקסטע
מיליטערישע מאַכט, כּדי ער זאָל פאַרניכטן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. האָט
זיי סטאַלין ׳איבערגעוואָרפן׳, ער האָט געטאָן ווי אַ חכם — קיין אַנדערע
עצה האָט ער נישט געהאַט. אָבער דער שידוך וועט נישט עולה־יפה־זיין.
פון ׳גרויס ליבע׳ וועלן זיי זיך ׳צעקושן׳ מיט אַזאַ גרויס פייער, וואָס די
וועלט האָט נאָך דאָס נישט געהאַט".

אויף אייניקע עק גאַסן זיינען אויף גיך אינסטאַלירט געוואָרן ראַדיאָ־
הילכערס און די ראַדיאָ־סטאַציע פון וואַרשע האָט איצט איבערגעגעבן
בלויז פריילעכע פוילישע פאָלקסמוזיק, כּדי צו פאַרטומלען די מוחות.

איך האָב איבערגעלאָזט מיינע פריינד און כ׳בין ווייטער געגאַנגען.
אויף די גאַסן איז נאָך אַלץ געווען אַ נאָרמאַלע באַוועגונג. די פאַבריקן
האָבן געאַרבעט נאָרמאַל, די געשעפטן זיינען געווען אָפן, אָבער שוואַך
געלייזט אַזוי ווי אין די לעצטע עטלעכע וואָכן, זינט די מילחמה איז גע־
האַנגען אין דער לופט; די גאַסן זיינען געווען פול מיט מענטשן; טראַמ־

וויען זיינען געפאָרן מיט אַ געמיש פון די שטאָלענע רעדער אין די רעלסן. זיי האָבן געקלונגען, דראָזשקעס מיט איינגעשפּאַנטע פּערד זיינען געשטאַנען אין די גאַסן און געוואַרט אויף פּאַסאַזשירן. געציילטע דראָזש־קעס זיינען געפאָרן; זעלטן האָט מען געזען אַ טאַקסיאווקע.

איך האָב זיך איצט געפונען אין האַנדלס־צענטער, וואָס איז גע־ווען באַוואוינט פון בלויז יידן. איך האָב מיך געאיילט צו מיין עלטסטער שוועסטער אסתר. זי האָט געוואוינט אויף דער אַלטשטאָט. איך בין גע־קומען אויפן פרייהייטספּלאַץ, אַ צירקל, וואו אין דער מיט איז געשטאַ־נען אַ סטאַטוע פון פּוילישן פרייהייטס־קעמפער טאַדעאוש קאָשטשושקאָ. פון ראַדיאָ־הילכערס האָט זיך געהערט פריילעכע מוזיק. דאָ שטייט דער מאַגיסטראַט און אויף דעם טורעם האָט דער גרויסער שטאָטזייגער אויס־געקלונגען און געוויזן 12:30.

אויף דעם פּלאַץ זיינען געווען די גרעסטע קאָנפעקציע־געשעפטן, וואָס האָבן געהערט צו יידן. „רופערס" האָבן אַריינגערופן קונים. אַז זיי האָבן זיך נישט געלאָזט צוריידן מיט שיינע ווערטער, האָבן זיי ממש מיט כּוח אַריינגעשלעפּט אין די געשעפטן. „פּאַניע, ביי אונדז באַקומט איר דעם בעסטן אַנצוג, דעם בעסטן מאַנטל. ביליק, פּאַר חצי חינם! קומט מיט מיר, וועט איר זיך איבערצייגן!"

איך האָב זיך אַריינגעדרייט אויף דער נאַוואָמיעיסקער גאַס און אויף דער זגיערזשער גאַס פון הורטאָווניקעס פון שניט־סחורות, קאָנפעקציע און שפּייז. עס איז דאָ געווען אַ שטאַרקע באַוועגונג, ווי אין די נאָר־מאַלע צייטן. די מלחמה איז שוין אָנגעגאַנגען און די מענטשן האָבן נישט געוואוסט. פלוצלינג האָט זיך דערהערט אַן אַלאַרם, און די פּאָליציי האָט אַריינגעיאָגט די מענטשן אין די טויערן. דער גאַנצער פאַרקער איז אָפּגעשטעלט געוואָרן: די טראַמוואַיען, די אויטאָמאָבילן, די לאַסטוועגענער, די דראָזשקעס זיינען געבליבן שטיין ביי די טראָ־טואַרן. די פּערד אויסגעשפּאַנט און אַריינגעפירט מיט די מאָרדעס צווישן די דישלס און די הינטנס צום פראָנט.

די גאַסן זיינען אָפּגעליידיקט געוואָרן. די מענטשן, וואָס זיינען גע־פאָרן, האָבן אויך געמוזט אַריין אין די טויערן. יעדער האָט געזוכט אַ „סכראָן" (אַ שוצקעלער), אָבער עס איז נישט געווען — איז מען גע־שטאַנען אין אַ טויער, אָדער ביי די מויערן פון די אָפּיציינעס. די הייף זיינען געווען פול מיט די אַריינגעיאָגטע מענטשן. די פּוילישע רעגירונג

האָט נישט צוגעגרייט קיין שום באַשיצונג פאַר דעם פאָלק — קיין שום „סכראָנעס". דאָס גאַנצע לאַנד איז געבליבן הפקר פאַר דעם שונא.

ס'איז נישט געווען קיין שום שוץ, ווייל דאָס ביסל שוואַכע עראָפּלאַנען, וואָס פּוילן האָט מ'שטיינס פאַרמאָגט, האָבן די דייטשן באַלד אין דער פרי צעשמעטערט אויף די לופטפעלדער. ווי נאָר דעם שונאס עראָפּלאַנען זיינען דורכגעפלויגן די שטאָט לאָדזש (לאָדזש האָבן זיי געוואָלט נעמען אַ גאַנצע, אַן אומבאַרירטע, ווייל זי איז געווען און איז פאַרבליבן אַן אינדוסטריע-שטאָט און עס האָבן דאָ געוואוינט אַ סך דייטשן), האָט דער ראַדיאָ געמאָלדן, אַז דאָס איז געווען אַ „פּראָבנע" אַלאַרעם. אַזוי האָבן זיך כסדר איבערגעחזרט די כלומרשט „פּראָבנע" אַלאַרעמס אַ גאַנצן טאָג. ערשט פאַר נאַכט, ווען עס איז פאַרגעקומען אַן אַלאַרעם, האָט דער ראַדיאָ געמאָלדן: „דאָס איז נישט קיין פּראָבע, נאָר אַ ריכטיקער אַלאַרעם. מיר האָבן איינגעאָרדנט אַ פּראָבע, אָבער דער שונא פליט איבערן לאַנד".

די אַלטשטאָט האָבן יידן גערופן ירושלים, מחמת דאָ האָבן געוואוינט די פאָלקסטימלעכסטע יידן; דאָ האָט זיך געפונען די גרעסטע, העכסטע און שענסטע שול פון גאַנץ אייראָפּע. דאָס איז געווען אַן אָרטאָדאָקסישע שול, וואָס די יידישע גמינע האָט אויסגעהאַלטן מיט אַ חזן און אַ כאָר, וואָס האָט געזונגען אַ גאַנץ יאָר. אויף דעם שולהויף זיינען אויך געווען: דאָס גרעסטע בית-מדרש, אַ ישיבה און אַ תלמוד-תורה. אויף דער אַלטשטאָט האָבן געוואוינט בלויז יידן, אויסער די סטרושעס פון די הייזער, וואָס זיינען געווען פּאָליאַקן. די הייזער דאָ, הויכשטאָקיקע, זיינען געווען אַלטע, אָפּגעלאָזטע, מיט הילצערנע טרעפּן און הילצערנע לאַנגע באַלקאָנען איבער דער גאַנצער לענג פון די מויערן.

ווען כ'בין אַרויפגעקומען אויפן פינפטן שטאָק צו מיין שוועסטער אסתר, האָב איך זי געטראָפן אַ פאַרוויינטע. לעבן איר זיינען געשטאַנען אירע צוויי קינדער: מאָניעקל (משהלע) און רוזשקעלע (רחל). דאָס ייִנגעלע איז אַלט געווען זעקס יאָר, מיט אַ קאָפּ לאַנגע געקרייזלטע האָר. ער איז געווען אַ בלאָנדער מיט שוואַרצע אויגן. דאָס מיידעלע איז אַלט געווען פיר יאָר. זי האָט געהאַט לאַנגע שוואַרצע האָר מיט שוואַרצע אויגן. זייערע פּנימלעך, ווייס ווי מילך, זיינען געווען באַחנט אַזוי ווי מלאכימלעך, וואָס מען זעט אויף בילדער.

מאָניעקל האָט געהאַט אַ קלינגענדיק סאָפּראַנדל. ער האָט מיט האַרץ

געזונגען תפילות און פּאָלקסלידער. מיט דעם האָט ער אַריינגעגראָטן אין זיין טאַטע־מאַמע און אין דער מישפּחה פון אסתרס צד.

אסתר איז געווען אַ ביסל העכער פון מיטעלן וואוקס. זי איז געווען שיין און באַחנט. זי האָט געהאַט שוואַרצע האָר און בלויע אויגן. איר מאַן יחיאל האָט מען מיט צוויי וואָכן צוריק אין מיטן דער נאַכט אַרויסגענומען פון בעט אין מיליטער אַריין. ער האָט אסתרן מיט די קינדער איבערגעלאָזט כמעט אָן אַ גראָשן, ווייל ער האָט געלעבט פון האַנט צום מויל, און עס איז נישט געווען ווער עס זאָל זיך אומקוקן אויף איר מיט די קינדער. איר געוויין האָט מיר צעריסן ס׳האַרץ. מיט וואָס איך און מיין שוועסטער טאַבטשע האָבן געקאָנט, האָבן מיר געהאָלפן ביז אַצינד, אָבער אַז ס׳איז מילחמה, פון וואַנען וועלן מיר פאַרדינען? אסתר האָט שוין היינט געגעבן די קינדער דאָס לעצטע שטיקל ברויט. מער קיין געלט האָט זי נישט. איך קוק אויף די צוויי לעבעדיקע יתומימלעך און אויף דער לעבעדיקער אלמנה און כ׳טראַכט: אַ בראָך איז צו דער פּוילישער רעגירונג, וואָס זי לאָזט אויף הפקר די פרויען און די קינדער פון די מענער, וואָס פאַרטיידיקן אויפן פראָנט דאָס לאַנד.

אין 1917 האָט יחיאל געדינט אין פּוילישן מיליטער און פון דעמאָלט אָן האָט ער אַפילו נישט געזען, ווי אַזוי עס זעט אויס אַ ביקס. האָבן אים די פּאָליאַקן, צוויי־און־צוואַנציק יאָר שפּעטער, געשיקט אויפן פראָנט. עס זיינען מאָביליזירט געוואָרן אויך עלטערע, שוין נישט־מיליטער־פּייאַקע, און דרייצן־פערצן יאָריקע יינגלעך, וואָס זיינען געווען איינגעשריבן אין „פשיסאָביעניע וואָיסקאָווע" (מיליטער ־ צוגרייטונג). זיי האָבן אַפילו נישט געוואוסט, ווי אַזוי מען האַלט אַ ביקס אין דער האַנט. זיי האָט מען געשיקט אויפן פראָנט איינצוהאַלטן דעם שונא, וואָס האָט געהאַט די בעסטע מאָדערן־מעכאַניזירטע אַרמיי אין דער וועלט אין יענער צייט.

דער קעלצער וואָיעוואָדע, פון דער גרעסטער וואָיעוואָדסטווע, האָט פאַראָרדנט די מאָביליזאַציע מיט גאַנצע פיר־און־צוואַנציק שעה שפּעטער אין אַ צייט, ווען יעדע מינוט האָט געשפּילט אַ ראָלע און ס׳איז געווען סכנות נפשות.

ווען די אַרבעטערס און פּויערים האָבן זיך צוגעשטעלט צו פאַרטיידיקן ס׳לאַנד, האָט מען זיי נישט געהאַט וואו צו האַלטן. זיי זיינען געלעגן טעג און נעכט אין דרויסן און עס איז נישט געווען פאַר זיי נישט קיין מונדירן, נישט קיין שינעלן, נישט קיין שיך (טייל האָבן באַקומען

צו־ענגע שיך, טייל צו־גרויסע), נישט קיין ביקסן, נישט קיין קוילן און נישט קיין עסן.

מיין ברודער שמחה, ע״ה, וואָס איז געווען אַן אונטעראָפיציר אין דער פּוילישער אַרמיי און האָט פאַרטיידיקט ס׳לאַנד אונטער וואַרשע און אין וואַרשע גופא, האָט דערציילט: „ווען זיי האָבן געעפנט אַ קאַסטן אַרויסצונעמען קוילן, האָבן זיי געטראָפן ביכער, און ווען זיי האָבן שוין יאָ געטראָפן קוילן, האָבן זיי נישט געפּאַסט אין די ביקסן״. די פירערס פון פוילן זיינען געווען פאַרנומען מיט העצן קעגן יידן. אַלץ, וואָס געבעלס און ראָזענבערג האָבן געפּרעדיקט קעגן יידן אין בערלין, האָבן זיי נאָכגעזאָגט; אַ חיהשן אַנטיסעמיטיזם האָבן זיי איינגעפּלאַנצט אין פּוילישן פאָלק.

מיין שוואָגער יחיאל וויינבערג איז געווען אַן אָרעמאַן. פּרנסה בדוחק האָט ער געצויגן פון פאַרקויפן אַ גלאָז טיי צו די קרעמערס פון דאָבראָ־ביצקיס האַלע אויף דער נאָוואָמיעיסקע גאַס. דאָרטן זיינען געווען עטלעכע הונדערט יידישע קראָמען פון שניט־סחורה און פון גאַלאַנטעריע; האָט יחיאל געקאָכט טיי פאַר צען גראָשן. געוואוינט האָבן זיי אין איין צימער. אסתר האָט געפירט אַ באַלעבאַטיש הויז. צוויי מאָל טעגלעך צו דער צייט האָט זי צוגעגרייט געקאָכטע מאָלצייטן. יעדן טאָג איז געווען אַ שטיקל פלייש. זי איז געווען אַ גוטהאַרציקע, זי האָט זיך געטיילט מיטן ביסן. איין מיידל, אַ קוזינקע, איז געקומען צו פאָרן פון סקאַרזשיסק אָן אָנ־פרעגן זי. זי איז אַריין צו איר מיט דער וואַליזע. זי האָט דאָרט גע־וואוינט, געגעסן און געשלאָפן אָן באַצאָלט.

אַזוי ווי מען האָט יחיאלן אַרויסגענומען ביי נאַכט פון בעט און אים ערגעץ אַוועקגעשיקט אין מיליטער, בין איך באַלד צו מאָרגנס אַריינגע־פאָרן אויף דער זומער־וואוינונג אין ווישניאָווע גורע, נישט ווייט פון לאָדזש, אַהיימצוברענגען אסתרן מיט די צוויי קינדער. עס איז מיר שווער געווען איר צו זאָגן, פאַר וואָס איך נעם זי פלוצלינג אַהיים נאָך איי־דער דער זומער האָט זיך געענדיקט. זי האָט מיך געפרעגט: „פאַר וואָס איז יחיאל נאָך מיר נישט געקומען?״ אַזוי ווי זי האָט זיך שטאַרק דער־שראָקן און געקלערט אויף דעם ערגסטן, האָב איך איר געזאָגט: „דו האָסט דיך, חלילה, נישט וואָס צו שרעקן. עס האָט, חלילה, נישט פּאַ־סירט קיין אומגליק. יחיאל איז מאָביליזירט געוואָרן. איך גלייב, אַז ס׳איז געווען אַ טעות און זיי וועלן אים באַלד אַהיימלאָזן״. איך האָב זי גע־טרייסט מיט דעם, וואָס איך אַליין האָב נישט געגלייבט. כ׳האָב אויך גע־

וואוסט, אַז קיין שום טרייסטווערטער קענען דאָ נישט העלפן צו איר אַנגעוויטיקט האַרץ. איך האָב געדונגען אַ יידישן באַלעגאָלע. מיר האָבן אַרויפגעלייגט די זאַכן, זיך אַלע אַרויפגעזעצט אויף דער „רוסאָרקע“.

אין אָוונט איז מיין עלטערע שוועסטער טאָבטשע געקומען. מיר ביידע האָבן געגעבן אסתרן עפּעס געלט לויט אונדזערע כּוחות. אסתר איז געשטאַנען און געוויינט און די קינדער האָבן זיך צו איר געטוליעט. האָב איך זי געטרייסט און האָב איר ווידער געגעבן עטלעכע זלאָטעס. זי איז באַלד אַראָפּגעגאַנגען איינקויפן, אָבער עס זיינען שוין געשטאַנען לאַנגע רייען ביי די שפּייזגעוועלבער. די רייכע האָבן איינגעקויפט צו גאַנצע זעק שפּייז: צוקער, מעל, אַרבעס אאַז״וו. פאַר די אָרעמע איז שוין גאָרנישט געבליבן. סוחרים האָבן באַהאַלטן די שפּייז און אַרויפגעשרויפט די פּרייזן. אָרעמע זיינען באַלד אויסגעשטעלט געוואָרן צו הונגער. טייל יידישע סוחרים האָבן איינגעטיילט די שפּייז צו איין אָדער צו צוויי פּאָר אַ מישפּחה. אסתר האָט אַהיימגעבראַכט אַ ביסל שפּייז.

פאַר נאַכט, ביים ליכטצינדן, בין איך געווען ביי מיין שוועסטער טאָבטשע. יידן האָבן אַצינד נישט מקבל־שבת געווען מיט אַ מנין, נאָר יעדער האָט געדאַוונט ביי זיך אין דער היים ביחידות. מיר האָבן זיך געזעצט צום טיש. מיין שוועסטער האָט נאָך באַוויזן אָנצוגרייטן נאָרמאַלע שבתדיקע מאָלצייטן. אין מיטן עסן איז ווידער פאָרגעקומען אַן אַלאַרעם. אין אַלע שטיבער האָט געברענט די עלעקטרישע ליכט. אויפן הויף האָבן מענטשן געשריגן: „אויסלעשן די ליכט! אויסלעשן די ליכט!“

איך בין אַראָפּגעגאַנגען אין גאַס. זייער ווייניק מענטשן זיינען געגאַנגען. די גאַנצע שטאָט איז געלעגן אין פינצטערניש. מען האָט נישט געזען קיין איין אויטאָמאָביל, קיין איין דראָזשקע. פון צייט צו צייט איז דורכגעגאַנגען אַ טראַמוואַי, אַן איינציקער ליידיקער וואַגאָן, אַ מאָל אויך מיט אַ צוויי־דריי פּאַסאַזשירן, באַלויכטן מיט טונקעלע ליכט. די עלעקטרישע לעמפּלעך זיינען געווען אַרומגענומען מיט טונקל־בלויער ביבולע.

אַלע געשעפטן זיינען געווען פאַרהאַקט אויף שלעסער און איינגעהילט אין פינצטערניש. בלויז די אַפּטייקן זיינען געווען אָפן, און אַלע עלעקטרישע לעמפּלעך זיינען געווען איינגעהילט אין טונקל־בלויער ביבולע. מענטשן האָבן געקויפט אין די אַפּטייקן קליינע טאָרבעלעך מיט ביקאַרבאָנאַט־זאָדע, אויסצומישן אין וואַסער און מיט דעם זיך צו ראַטעווען פון די דייטשישע צינדבאָמבעס, דעמאָליר־באָמבעס און מעגלעכע גיפטיקע גאַזן. האָב איך אויך געקויפט אַ טאָרבעלע ביקאַרבאָנאַט־זאָדע.

איך האָב אַריינגעשאָטן אַ ביסל אין אַ פלעשעלע מיט וואַסער. איך האָב פון גאַזע מיר אויפגעניית אַ „טאַמפּאָן" — אַ היטעלע צו דער נאָז — און שטענדיק געטראָגן מיט מיר.

דער ראַדיאָ האָלט אין איין איבערחזרן: „מיר זיינען שטאַרק! אונ־דזער מאַרשאַלעק (מיליטערישער מאַרשאַל, וואָס יידן האָבן אים גערופן: „מעשענער קאָפּ") האָט געזאָגט: „אַני גוזשיקאַ ביע דאַמי!" (אַפילו קיין איין קנעפּל וועלן מיר נישט אָוועקגעבן!) דער דאָזיקער לאָזונג גייט פון מויל צו מויל. דאָס גאַנצע פאָלק איז האַפּערדיק פון דער דעמאַגאָ־גישער פּראָפּאַגאַנדע: „פּוילן איז אַ סך שטאַרקער פון דייטשלאַנד! אין עטלעכע טעג וועלן מיר צעשמעטערן דייטשלאַנד! די דייטשן האָבן נישט וואָס צו עסן! די דייטשן האָבן נישט מיט וואָס צו פירן דעם קריג! מיר זיינען נישט אַליין — ענגלאַנד און פראַנקרייך וועלן אונדז העלפן!"

האָב איך געטראַכט: ביז די דייטשן וועלן איבערטרעטן די גרע־נעץ וועט לאַנג לאַנג דויערן, און אויב די מילחמה וועט זיך פאַרציען, וועל איך אַוועק אויף די קרעסן נאָענט צו דער רוסישער גרענעץ און דאָרט איבערוואַרטן ביזן סוף פון דער מילחמה. גייענדיק אַזוי מיט די האַפּערדיקע געדאַנקען — דאָס איז געווען אויפן „פרייהייטספּלאַץ" — אינעם האַרץ פון דער שטאָט — האָב איך פּלוצלינג דערהערט אַ געוויין פון אַ פרוי. איך האָב זיך דערנענטערט צום געוויין און כ'האָב געזען אַ גרויסע יידישע מישפּחה. עס איז צוגעקומען אַ יידישע פרוי, פון דער גאַס, און האָט געפרעגט: „יידן, ווער זענט עץ?" האָט די וויינענדיקע פרוי געענטפערט: „מיר זיינען פון ווּלויין. נאָך נעכטן האָבן די דייטשן באָמבאַרדירט אונדזער שטאָט. אַ באָמבע איז אַריינגעפאַלן צו אונדז. מיר זיינען קוים אַרויס מיטן לעבן אין איין העמד. די דייטשן באָמבאַרדירן ס'גאַנצע לאַנד. מיר האָבן זיך קוים מיטן לעבן דאָ אַהער דערשלאָגן".

די פרוי האָט זי געפרעגט, צי זיי האָבן דאָ קרובים. האָט זי גע־ענטפערט: „יאָ, זייער ווייט פון דאַנען, אויף גייערס מאַרק".

די פרוי האָט זיי מיט טרערן אין די אויגן פאַרבעטן צו זיך: „קומט מיט מיר, וועט איר קודם־כל עפּעס עסן און איבערנעכטיקן און אין דער פרי וועט מען זען..."

אַ באָבע מיט אַ זיידן, אַ טאַטע מיט אַ מאַמען און זעקס קינדער זיינען מיט איר מיטגעגאַנגען. זיי זיינען אַריין אין נאָענטסטן טויער. איך האָב נאָך אויפגעכאַפּט, וואָס דער זיידע האָט געזאָגט: „נעכטן אַכט

אונטו ־זײנען שוין די דײטשן געװען אין װלױן, דאָ בײ איך אין לאַדזש
װײסט מען גאָרנישט פון „מלחמה״. איך האָב נישט געקענט פאַרשטײן,
װאָס עס באַטײטן די דאָזיקע װערטער, און איך האָב נאָך אַלץ געגלײבט
אין דער ליגנערישער פּראָפּאַגאַנדע, װאָס די פּױלישע רעגירונג האָט
געפירט דורך דעם ראַדיאָ. און אַזױ װי איך, האָט דאָס פאָלק אױך
געגלײבט.

אַנטלױפערס

שבת, דעם צװײטן טאָג מלחמה, זײנען איבער די גאַסן געװען
אױסגעקלעפּט גרױסע פּלאַקאַטן מיט צװײ גרױסע שורות, װאָס האָבן
געשריגן: „עס איז מלחמה! עס איז קריגצושטאַנד! יוזעף מאָשטשיצקי,
פּרעזידענט פון דער פּױלישער רעפּובליק״.

די ײדן האָבן זיך געהאַלטן צוזאַמען, אױף דעם הױף, װאו מײן שװעס־
טער טאָבטשע האָט געװאױנט און װאו איך האָב מיך אױפגעהאַלטן,
האָבן געװאױנט בלױז ײדן, אַרום פערציק־פופציק משפחות. אין אַ װינקל
בײם טױער האָט געװאױנט אײן קריסט. דאָס איז געװען דער סטרוזש
פון דעם הױף. צװעלף אַ זײגער האָט ער אָנגעשטעלט דעם ראַדיאָ צו
הערן די נײעס. צענדליקער ײדן זײנען געשטאַנען בײם אָפענעם פענצ־
טער, װאו דער ראַדיאָ־אַפּאַראַט איז געשטאַנען און האָבן זיך צוגעהערט
מיט גרױס שפּאַנונג. „האַלאָ! האַלאָ! ראַדיאָ װאַרשאַװאָ! בלוטיקע און
העלדישע קאַמפן אין װעסטערפּלאַטאָ! [הינטער דאַנציק]. אונדזערע סאָל־
דאַטן קעמפן העלדיש מיט ביקסן און די דײטשן קרײזן מיט עראָפּלאַ־
נען איבער זײערע קעפּ און באַװאַרפן זײ מיט צינדבאָמבעס! זײ האָגלען
מיט פײער, די באַרבאַרן!״ „די דײטשן באַשיסן מיט מאַשינביקסן פון
עראָפּלאַנען די פּױערים, װאָס אַרבעטן אױף די פעלדער! זײ װאַרפן
אַראָפּ צוקערלעך מיט סם, כדי צו פאַרסמען אונדזערע קינדער! אַן
אמתער באַרבאַריזם! די דײטשן װאַרפן צינדבאָמבעס אױף די שפּיטע־
לער. די שפּיטעלער שטײען אין פלאַמען! די באַרבאַרן לאָזן אױך גיפ־
טיקע גאַזן אױף דער ציװילער באַפעלקערונג. באַהאַלט איך אין די

קעלערן און אין די גריבער. נעצט־איין די טאַמפּאָנען מיט וואַסער און ביקאַרבאָנאַט־זאָדע און לייגט דאָס צו צו דער נאָז!״

— פשוט אַ געלעכטער, מיט וואָס די פּוילישע רעגירונג הייסט אונדז קעמפן און באַשירעמען זיך קעגן די דייטשישע באָמבעס און גיפ־טיקע גאַזן.

דעם לעצטן זונטיק פאַר דער מילחמה האָבן זיך מענער ספּאָנטאַניש אַליין אָרגאַניזירט. זיי האָבן גרופּנווייז אויסגעגראָבן לאַנגע, שמאָלע גריבער אין די פּאַרקן און אויף די פעלדער.

איך בין געגאַנגען צו מיין שוועסטער אסתר זען, וואָס זי און די קינדער מאַכן. די פּאָליציי האָט זיך איצט געדרייט מיט אָנגעלאָדענע ביקסן מיט שאַרפע שפּיזן. די בירגערס זיינען געווען באַהערשט פון צווייערליי מוראס: סיי פון דער מילחמה און סיי פון דער אייגענער רעגירונג; עס איז דאָך קריגצושטאַנד, פאַר אַ ליאַדע קלייניקייט קען מען ווערן באַשולדיקט אין פאַרראַט. ווען כ׳בין שוין געווען נאָענט צו מיין שוועסטער, איז פאַרגעקומען אַן אַלאַרעם. די סירענע האָט געווײנט און די פּאָליציי האָט מיט ביקסן אַריינגעיאָגט די מענטשן אין די טויערן; דער גאַנצער פאַרקער איז אָפּגעשטעלט געוואָרן. עס זיינען אַצינד געווען ווייניק מענטשן אויף די גאַסן: אי צוליב שבת, ווייל די געשעפטן זיינען פאַרמאַכט אום שבת, אי ווייל מען האָט שוין געוואוסט, אַז ס׳איז מילחמה. אין דעם הויף, וואו איך בין אַריינגעיאָגט געוואָרן, האָבן די מענטשן געזוכט אַ שוצקעלער, אָבער עס איז נישט געווען — האָבן מיר זיך געשטעלט הינטער די ווענט.

ווען ס׳איז געוואָרן רואיק, האָב איך זיך געלאָזט צום הויף, וואו מיין שוועסטער אסתר האָט געוואוינט. די קינדער האָבן זיך געשפּילט, צווישן זיי אויך אסתרסביידע קינדער. קינדער זיינען קינדער. זיי פאַרגעסן שנעל די צרות און זיי פאַרשפּילן זיך. אָבער פּלוצלינג האָט זיך צעוויינט די סירענע, אַן אַלאַרעם. די קינדער זיינען זיך גיך צעלאָפן מיט שרעקלעכער מורא, אסתרס פיר־יאָריקע רוזשקעלע איז מיט אַ יאָמערלעך געוויין צוגעלאָפן הינטער אַ מויער. זי האָט מיך באַמערקט — און מורא געהאַט צו מיר צוצולויפן. איך בין צוגעלאָפן, זי גענומען אויף די הענט, צודריקנדיק צו מיין האַרץ. זי האָט מיך אַרומגענומען פעסט מיט די הענטעלעך, געוויינט און געהעשעט. און אַזוי בין איך מיט איר אַראָפּ אין קעלער.

אויף דעם הויף האָבן געוואוינט אַריבער זיבעציק יידישע משפּחות. אַזוי ווי דאָ איז געווען אַ האַנדלס־צענטער, איז יעדער פּיצל פּלאַץ, יעדער

לאַך, געווען באַוואוינט: אָדער ס'איז געווען אַ געשעפט אָדער אַ ווערק־שטעל; אין איין אָפיצינע האָט זיך געפונען אַ קעלער פון איין צימער, וואו די טיר און דאָס פענצטער זיינען געווען אַרויסגעריסן. דאָס האָט באַדאַרפט זיין דער שוצפלאַץ פאַר די אַריבער זיבעציק מישפחות קעגן די באָמבעס און גיפטיקע גאַזן. ס'איז דאָ געווען אַ ראַדיאָ. אויף דער ערד איז געלעגן איין שטרויזאַק. אסתר האָט מיר דערציילט: „דאָס האָב איך אַראָפּגעבראַכט. איך בין דאָ געשלאָפן מיט די קינדער. איך האָב נישט קיין כוח צו לויפן אין דער פינצטער פון פינפטן שטאָק איבער די פינצ־טערע טרעפן און פינצטערן הויף אין קעלער אַריין". ביידע קינדער, רוזשקעלע און משהלע, האָבן זיך געטוליעט צו מיר. זיי האָבן געבענקט נאָכן פאָטער, וואָס איז אַצינד געווען אויפן פראָנט.

אסתר האָט מיך געפרעגט: „וואָס הערט זיך מיט ברויט?" איך האָב איר געזאָגט: „דער בעקער, ביי וועמען טאָבטשע וואוינט, האָט איר צו־געזאָגט צו פאַרקויפן צוויי ברויט אויסער דער ריי. וועט איינס זיין פאַר אונדז און איינס פאַר דיר". איך האָב געוואָלט מיטן גאַנצן האַרצן זיין דער פאַרזאָרגער פון מיין שוועסטער און די צוויי קינדער.

דער ראַדיאָ האָט אַצינד די גאַנצע צייט געשפּילט פוילישע פאָלקס־מוזיק. פאַר דער מילחמה האָט מען דאָס זעלטן געהערט. זיי האָבן נאָר געגעבן ווילדע דזשאַזמוזיק; דעם ראַדיאָ האָט מען געהאַלטן אָפן כסדר: טאָמער קומט־אָן וויכטיקע נייעס. נאָכן אַלאַרעם האָט מען ווידער געהערט שרייאיקע רייד פון ראַדיאָ: „האַלאָ, האַלאָ! פּאָלסקיע ראַדיאָ וואַרשאַוואַ! די דייטשע באַרבאַרן האָבן נעכטן באָמבאַרדירט: ראַדאָם, קעלץ, וואַרשע, פּעטריקאָוו, טאָמאַשאָוו; זיי האָבן באָמבאַרדירט צוגן מיט פרויען און קינדער, וואָס זיינען אַהיים געגאַנגען פון זומער־וואוינונג. די דייטשע באַרבאַרן באַשיסן פון עראָפּלאַנען די ציווילע באַפעלקערונג אין די שטעט און דערפער! די דייטשע באַרבאַרן באָמבאַרדירן שפּיטעלער! מיר וואָרע־נען נאָך אַ מאָל: גיט אַכטונג אייערע קינדער זאָלן זיך נישט אָפּסמען מיט דער פאַרסמטער שאָקאָלאַד און צוקערלעך, וואָס די דייטשן וואַרפן אַראָפּ! קיינער זאָל דאָס נישט אויפהייבן!"

די צוהערערס זיינען אויפגעצאַרנט געוואָרן. עס האָט מיך באַהערשט אַ בושה צו וואָס דאָס פאָלק פון געטע, שילער און קאַנט איז פעאיק. דערנאָך האָט גערעדט אויף דייטש צום דייטשן פאָלק דער פּע־פּע־עסניק (פּוילישער סאָציאַל־דעמאָקראַט) סטאַנטשיק, אַ סיים־דעפּוטאַט: ער האָט געשילדערט וואָס פאַר אַ גרוילטאַטן און שווידערלעכקייטן די דייטשן האָבן

שוין אָנגעטאָן אין פּוילן דורך דער קורצער צייט. ער האָט אַפּעלירט צום דייטשישן פאָלק זיך נישט צו לאָזן מער פאַרפירן פון נאַציזם. ער האָט גערעדט מיט אַ סך געפיל און האָט פאַרענדיקט מיט אַ האַרצרייסנ־דיקן אַפּעל: „דויטשעס פאָלק, ערוואַכע!" די וואָס האָבן פאַרשטאַנען דייטש האָבן אים שטאַרק אַפּלאָדירט.

כדי צו הייבן דעם מוט פון פאָלק, האָט מען אַציינד געלייענט אויפן ראַדיאָ שאַפּונגען פון פּוילנס גרעסטע נאַציאָנאַלע דיכטערס, וואָס זיינען די לעצטע יאָרן בכיוון פאַרשוויגן געוואָרן. דערנאָך האָט מען אי־בערן ראַדיאָ איבערגעגעבן אַ רעפּאָרטאַזש, דירעקט פון דער גרע־סטער אַמוניציע־פאַבריק, פון סקאַרזשיסק: מען האָט געהערט רוישן די מאַשינען, קלאַפּן האַמערס און דער „ספּיקער" האָט צוגעגעבן: „מיר זיינען גוט צוגעגרייט און גרייטן זיך ווייטער צו צעשמעטערן דעם שונא. דאָס פּוילישע פאָלק קאָן זיין רואיק, ווייל עס קאָן זיך פאַרלאָזן אויף זיין גרויסן פירער, דעם מאַרשאַל שמיגלי רידז. אונדזער געניאַלער פירער זאָגט: 'אַפילו קיין איין קנעפּל וועלן מיר נישט אַוועקגעבן!' זאָל לעבן פּוילן!" און אַ סך שטימען האָבן געענטפערט: „זאָל לעבן! זאָל לעבן!" און עס האָט אויפגעשפּילט דער פּוילישער נאַציאָנאַלער הימן. מענטשן האָבן זיך פאַרזאַמלט ביי די ראַדיאָ־הילכערס אויף די גאַסן און זיינען באַהערשט געוואָרן מיט גלויבן אין פּוילנס זיג.

אַ פאַר וואָס האָבן די אַמוניציע־פאַבריקן געאַרבעט באַרמאַל? די דייטשן האָבן געוואָלט נעמען די פאַבריקן אָן איין שאָס און זיי האָבן זיי טאַקע איינגענומען אָן איין שאָס — פולשטענדיק גאַנץ, און די פאַבריקן האָבן באַלד ווייטער געאַרבעט פאַר די דייטשן. אַלע אינזשינירן און טעכניקערס זיינען געווען פאָלקסדייטשן אָדער רייכסדייטשן. זיי האָבן דאָס אָנגעפירט די פאַבריקן פון דער ערשטער מינוט אָן. די פּוילישע רעגירונג האָט פאַר זיי ספּעציעל אויפגעבויט גאַנצע קאָלאָניעס, הייזער מיט די מאָדערנסטע באַקוועמלעכקייטן. זיי פלעגן אָפט אַהיימפאָרן קיין דייטשלאַנד; האָט דייטשלאַנד געווּסט, וואָס דאָ גייט אָן. די פּאָ־ליאַקן האָבן אין די פאַבריקן נאָר געטאָן די שוואַרצע אַרבעט, אָדער די געפערלעכע אַרבעט ביים אויסאַרבעטן פּולווער אָדער גיפטיקע גאַזן. אַפילו ביים אויפבויען שאָסייען האָבן אָנגעפירט דייטשע אינזשינירן, און די פּוילישע אינזשינירן זיינען געווען אַרבעטסלאָז. די דייטשע אינזשינירן האָבן צוגעאיילט און האָבן אויפגעבויט ערשטקלאַסיקע שאָסייען פון די

דייטשישע גרענעצן ביז וואַרשע, איבער קראָקע ביז לעמבערג, כדי היט־לערס אַרמיי זאָל קאָנען שנעל באַזעצן דאָס לאַנד.

אַ יונגערמאַן האָט געזאָגט: „לאָמיר הערן, וואָס דער נידערטרעכטי־קער מאַלאַזש [היטלער] זאָגט". און ער האָט אַ שטעל אָן געגעבן די ראַדיאָ־סטאַנציע בערלין און מיר האָבן געהערט: „די פּוילישע אַרמיי איז צעשמעטערט! די דייטשע אַרמיי גייט פאָרויס! קראָקע איז שוין פאַרנו־מען! טשענסטאָכאָוו איז שוין פאַרנומען! הייל זיג! הייל זיג!" ער האָט גיך צוגעמאַכט דעם ראַדיאָ, זאָגנדיק מיט כעס: „דאָס איז ליגן! דאָס איז פּראָפּאַגאַנדע!"

„זיכער! זיכער!" האָבן אַלע באַשטעטיקט, איך אויך; אָבער אין מיין האַרץ האָט זיך אַריינגעכאַפּט אַ צווייפל: מסתּם איז אין דעם דאָ אַ שטיקל אמת, האָב איך געטראַכט.

ווען דער ראַדיאָ האָט געמאָלדן, אַז ענגלאַנד האָט דערקלערט פּולן קריג, זיינען אַלע געוואָרן האַפּערדיקער. באַלד האָט זיך פאַרמירט אַ מאַניפעסטאַציע צום ענגלישן קאָנסולאַט אויסצודריקן דאַנקבאַרקייט. די מאַניפעסטאַנטן האָבן געוואָרפן לאָזונגען: „זאָל לעבן ענגלאַנד; אַ טויט דייטשלאַנד!"

אַזוי ווי כ'בין נאָר אַריינגעקומען צו מיר אין שטוב, איז באַלד פאַר־געקומען אַן אַלאַרעם. איך בין שנעל אַראָפּגעלאָפן אויפן הויף צו געפינען אַ באַהעלטעניש אין קעלער. אין אַן אָפענעם קעלער זיינען געלעגן שכנים אויף קוילן; עטלעכע זיינען געשטאַנען הינטער די ווענט. עס האָט זיך געהערט רוישן אין עראָפּלאַן. באַלד האָבן מיר אים געזען פליען איבער אונדזער הויף. האָבן אַלע געשריגן: „אָן אונדזערער! אָן אונדזערער!" ווען מיר האָבן אָבער געהערט שאָסן און געזען, אַז נאָך יעדן שאָס צעגייען זיך קליינע ווייסע וואָלקנדלעך לעבן עראָפּלאַן, האָבן מיר פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַ דייטשישער. אונדזער אַפּווער האָט כסדר אַרויפגעשאָסן און דער עראָפּלאַן איז זיך געפלויגן, ווי ער וואָלט געזאָגט: קענסט מיר שיסן זאַלץ אויפן עק.

אויף דער נאַכט האָט מען דערציילט, אַז נאָך אין מיטן טאָג האָבן די דייטשן באָמבאַרדירט דאָס ראַדאָגאָשטשער שפּיטאָל און אויך דאָס שפּי־טאָל אויף דער ראַדווינסקאַ גאַס. דאָס נאָענטסטע הויז איז צעשמעטערט געוואָרן פון די באָמבעס.

איך האָב אין אָוונט צוגעטראָגן אסתּרן אַ ווייס ברויטל פון אײַן קילאָ. עס איז נאָר געווען ווייצנמעל, האָט מען נאָר געבאַקן אַזעלכע קליינע

ברייטלעך. פאַרקויפט האָט מען נאָר צו די, וואָס זיינען געשטאַנען אין דער ריי. די נאַכט איז אין לאָדזש אַדורך רויִק.

צו מאָרגנס, זונטיק אין דער פרי, בין איך מיט מיין שוועסטער טאָבטשע געגאַנגען אין „קיבוץ באָראָכאָוו" אָפּנעמען די וועש אין דער קיבוץ־וועשערײַ. אין דעם קיבוץ זיינען געווען איבער פיר הונדערט חלוצים, בחורים און מיידלעך. כמעט אַלע זיינען זיי געווען פון די קרעסן. דער קיבוץ האָט געהאַט אַן אייגענע בעקערײַ, אַן אייגענע שוסטערײַ, אַ סטאָלערײַ און אַ גרויסע שניידערײַ אויפן לעצטן טעכנישן אופן פון יענער צייט. יידישע פאַבריקאַנטן האָבן דאָרטן אויסגעאַרבעט זייערע צייגענע מלבושים, וואָס זיינען עקספּאָרטירט געוואָרן אין די ענגלישע קאָלאָניעס. דער קיבוץ האָט אויך געהאַט אַ גרויסע כעמישע וועשערײַ. דער עסזאַל, וואָס איז אויך געווען דער פאַרווײַלונגס־זאַל, האָט זיך געפונען אויפן העכסטן שטאָק, וואָס האָט פאַרנומען די גאַנצע לענג און די גאַנצע ברייט פון דעם גרויסן בנין.

אין אַ ווינקל איז געשטאַנען אַ גרויסער ראַדיאָ, וואו מען האָט געקענט הערן „די גאַנצע וועלט". דאָ איז אויך געווען אַ בינע. אין דעם זאַל האָב איך ערשט נישט לאַנג געהאַט אַ ליטעראַרישן אָוונט פאַר די קיבוצניקעס. איך האָב פאַרגעלייענט אונדזערע קלאַסיקערס און די מאָדערנע יידישע דיכטערס. דאָס איז געווען אין אַ פרייטיק־צו־נאַכטס. דער נאַציאָנאַלער דיכטער, דער קדוש יצחק קאַצענעלסאָן ז"ל, איז געווען אַן אָפטער גאַסט אין דעם קיבוץ מיט רעפעראַטן און פאַרלייענונגען פון זיינע שאַפונגען.

דער גרעסטער טייל קיבוצניקעס האָבן זיך געלאָזט גיין צו פוס אַרויס אין זייערע שטעטלעך אַריין, און די, וואָס זיינען נאָך דאָ געבליבן, האָבן געמאַכט שוצגריבער לעבן די מויערן.

אויפן וועג צוריק פון קיבוץ האָט אונדז פאַרכאַפּט אַן אַלאַרעם און אויפן געפערלעכסטן אָרט: אויפן פּלאַץ האַלעראַ, לעבן די קאַשאַרן און דער קאַלישער באַנסטאַנציע. מיר האָבן נישט געהאַט וואוהין אַריינצולויפן. מיר האָבן געהערט דונערן פון באָמבעס; די ערד האָט אונטער אונדז גע־ציטערט. דערנאָך האָבן מיר געהערט שאָסן. ווען מיר האָבן זיך דערשלאָגן אויף דער זשעלאַנע גאַס, האָבן זיך געהערט ווײַנענדיקע סירענעס, אַן אַלאַרעם, אַ קלינגערײַ פון קירכגלאָקן. די טראַמווייען און דראָזשקעס זיינען געבליבן שטיין. מענטשן זיינען געלאָפן אין גרויס בהלה.

מיר זיינען אַריינגעלאָפן אין נאָענטסטן טויער. די פּאָליצײַ האָט אָבער קיינעם נישט אַראָפּגעיאָגט פון די גאַסן. ווען די סירענעס האָבן אויפ־

געהערט, זייַנען מיר אַרויס. מיר האָבן געוואָלט וואָס שנעלער זיין אין דער היים. דורך היִנטערגעסלעך האָבן מיר זיך אַהיימגעשלאָגן האַלב־לעבעדיקע.

אַ קאָשמאַר פון גאַז

דעם דריטן סעפּטעמבער 1939 נאָך מיטאָג האָט אַן אַלאַרעם מיך געכאַפּט אין מיטן גאַס. די סירענעס האָבן זיך צעוואָיעט און די קירכ־גלאָקן האָבן זיך צעקלונגען. דאָס האָט אָנגעוואָרפן אַ שוידערלעכע מורא. מענטשן זייַנען געלאָפן אין גרויס שרעק אין די טויערן אַריין. איך בין אַרייַנגעלאָפן אין ערשטן טויער און זיך באַהאַלטן אין ערשטן קעלער. דאָס איז געווען אַ קאָרקן־פאַבריק, וואָס איז שוין געווען אָנגעפּאַקט מיט ייִדן. איך האָב דאָרט קיינעם נישט געקענט, אָבער כ׳האָב מיך באַלד גע־פילט, ווי צווישן אַלטע באַקאַנטע. די פענצטערס זייַנען געווען גוט צו־געמאַכט. די לופט איז געווען אַ געדיכטע, שווער צו אָטעמען. אויפן ווערק־שטעל איז געשטאַנען אַ ראַדיאָ, ביי וועלכן עס איז געזעסן אַ מיטליאָריקער ייִד, אַ הדרת פּנים מיט אַ לאַנגער ברייטער באָרד. דאָס איז געווען דער באַלעבאָס פון דעם פאַבריקל. דער ראַדיאָ האָט אונדז אַלעמען געהאַלטן געשפּאַנט. דאָס איז געווען דער איינציקער קאָנטאַקט מיט דער וועלט.

דער ראַדיאָ האָט אַצינד איבערגעגעבן: „נאַדכאָדזשי! (ער קומט אָן) דאָראַ דוואַדזשיעשטשאַ אָוואַ! (דאָרט צוויי און צוואַנציק!) נאַדשעדל!" (ער איז אָנגעקומען). נו, נו, מער האָבן מיר נישט געדאַרפט: מיר האָבן גע־פילט, ווי דעם שונאס באָמבאַרדירערס פליען איבער אונדז, אָט, אָט פאַלן אויף אונדז די באָמבעס. אַ פרויענשטים אין ראַדיאָ האָט געקלונגען נאָך מער דראַמאַטיש: „אַכטונג! אַכטונג, גאַז! טוט שוין אָן די גאַזמאַסקעס!" דאָס האָט קיינער נישט געהאַט, חוץ אַ קלייַנער טייל פון דער O. P. L., די באַשיצערס קעגן לופטאָנגריפן. און אַ ווילע שפּעטער ווידער אַ וואָרענונג פון ראַדיאָ: „אין קאַראָלעוו (פאָרשטאָט פון לאָדזש) האָבן די דייטשן אָפּגעלאָזט גיפטיקן גאַז! אַכטונג, גאַז! גאַז!"

אַזוי ווי אין דעם אָנגעפּאַקטן קעלער איז די לופט געוואָרן אַלץ שטיקנדיקער, האָבן די פרויען ספּאַזמירט: אוי וויי, גאַז! גאַאַז!"

— גיעוואַלד, כ'בין שוין פאַרגאַזט! — ווי איז מיר, מיין קינד איז שוין פאַרגאַזט!

— גאַז! גאַז! כ'וועל דערשטיקט! — לאָזט מיך אַרויס, דער גאַז שטיקט מיך!

— עפנט נישט די טיר, אין דרויסן איז נאָך ערגער! אין דרויסן איז דאָ נאָך מער גאַז!

— נעמט די טאַמפּאָנען, נעצט איין מיט וואַסער און טייסאָדע און פאַרשטאָפּט די נאָז מיטן מויל!

אַלע האָבן גלייך אַזוי געטאָן און איך אויך.

— גיעוואַלד, יידן, זאָגט מיט מיר ווידוי! — האָט זיך געבעטן אַ זקן — שוין, שוין, שוין, דער גאַז האָט מיך שוין דערשטיקט!

איך האָב אויך געפילט, אַז כ'וועל דערשטיקט. פּלוצלינג האָט זיך דערהערט אַ גיעוואַלדיקער קראַך. די ערד האָט געגעבן אַ ציטער. עס איז פינצטער געוואָרן, דער ראַדיאָ איז שטיל געבליבן. אַלץ וואָס עס האָט געהאָנגען אויף די ווענט איז אַראָפּגעפאַלן מיט אַ טראַסקעריי. די שויבן זיינען אַרויסגעפאַלן און צעשפּרונגען אויף פיצלעך. אַז דער ראַדיאָ אַרבעט נישט איז מען שוין געווען אין גאַנצן אָפּגעשניטן פון דער וועלט. די קינדער און עופעלעך האָבן יאָמערלעך געוויינט, פרויען האָבן נאָך שטאַרקער ספּאַזמירט. איך האָב געזען, אַז כ'וועל דאָ אומקומען. האָב איך מיט נאָך עטלעכע יונגע מענער זיך אַנגענומען מיט מוט און אַרויס אויפן הויף.

מיר האָבן געזען ווי פון דרום־זייט טראָגט זיך צו אונדז אַ שוואַרצער נעפּל. האָבן מיר באַשטעטיקט: יאָ! דאָס איז ער — דער גאַז. עס האָט מיך אָנגעכאַפּט אַ גרויל: מיין קערפּער וועט ווערן צעפרעסן פון גאַז, דאָס איז אַ גרויזאַמער טויט! עס האָט געהערשט אַ טויטע שטילקייט. פּלוצלינג האָט זיך געהערט אויף אונדזער גאַס אַ שנעל פאָרן און קלינגען פון פייער־לעשערס, וואָס האָט אָנגעוואָרפן נאָך מער פּחד. איך האָב געזען, אַז דער שוואַרצער נעפּל קומט אַלץ נאָענטער. וואָס דאַרף איך טאָן? קיין גאַז־מאַסקע האָב איך נישט. סיי דאָ, סיי אין קעלער וועט דער גאַז דערגיין. איך האָב באַין ברירה געהאַלטן דעם טאַמפּאָן מיט וואַסער און טיי־סאָדע צו פאַרדעקן דאָס מויל און די נאָז. „אָבער וואָס וועט זיין, אַז דאָס איז אַ גאַז, וואָס דערשטיקט נישט, נאָר פרעסט אויף דעם קערפּער מיט אַ לאַנגזאַמען טויט?" האָט עס מיך אַלץ געעגבערט. איך האָב באַדאַרפט אַלץ טאָן צו קענען קויפן אַן אַנטיגאַז־מונדיר מיט אַ גאַזמאַסקע. און איך

האָב געשאָלטן די פּוילישע רעגירונג, פאַר וואָס זי האָט נישט יעדן בירגער פאַרזאָרגט מיט דער דאָזיקער באַוואָרעניש. (צו מאָרגנס האָב איך מיך דערוואוסט, אַז די דייטשן האָבן קיין גאַז נישט געלאָזט, אַז דער שרעק־לעכער דונער איז געווען פון אַ באָמבע, וואָס זיי האָבן געוואָרפן אויף דער עלעקטראָווניע און דאָס האָט אויסגעלאָשן די עלעקטרע אין דער גאַנצער אומגעגנט. דאָס האָט אויך געשאַפן דעם שוואַרצן נעפּל, וואָס האָט זיך געטראָגן איבער לאָדזש.) כ׳בין צוריק אַראָפּ אין קעלער. ס׳האָבן זיך נאָך אַלץ געהערט די זעלבע ספּאַזמאַטישע געשרייען, ווי פריער:

— שוין, כ׳בין שוין פאַרגאַזט!

— באַוויַיז אַ נס, רבונו של עולם!

צו מאָרגנס, מאָנטיק פאַר מיטאָג, בין איך צוגעגאַנגען צו מיין שוועס־טער אסתר, אויף דער אַלטשטאָט. האָב איך געזען פון דער וויַיטנס, ווי די וואסכאָדניאַ גאַס, לעבן „גאַדלודקאָם״, איז שוואַרץ פון מענטשן. ווען כ׳בין צוגעקומען, האָב איך געזען, אַז דאָס זיינען בלויז יידן. זיי האָבן געפירט אַ שפּיאָן, וואָס זיי האָבן געכאַפּט אויף אַ דאַך אין יידישן קוואַר־טאַל. ער האָט געגעבן סימנים מיט אַ שפּיגעלע צום שונא. דאָס איז גע־ווען אַ קרעפּטיקער, עטלעכע צוואַנציק־יאָריקער קריסט, מעגלעך אַ פאָלקס־דייטש, פאַרקליידט אין אָרעמע מלבושים. ער איז געגאַנגען שטיל און רואיק, אַרומגערינגלט פון הונדערטער יידן איבער דער גאַנצער ברייט פון דער גאַס און ביידע טראָטואַרן. ער האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין שרעק. עס זיינען אָנגעקומען צוויי פּאָליציאַנטן מיט ביקסן. די יידן האָבן גע־שריגן: „שפּיעג! אַ שפּיאָן! אַ שפּיאָן!״ די פּאָליציי האָט אים איבערגע־נומען און די יידן האָבן זיי באַגלייט ביז צום קאָמיסאַריאַט.

דער טאָג איז דורך רואיק, אָן שום אַלאַרעם. מען האָט געהאַט די געלעגנהייט זיך צו פאַרשאַפן אַ ביסל שפּייז.

די דינסטיקדיקע נאַכט איז אויך אַדורך רואיק. אַצינד זיינען מיר נאָך שטאַרקער געווען איבערצייגט, אַז די פּוילישע „מעכטיקע״ אַרמיי האָט צעשמעטערט די דייטשע אַרמיי. בין איך אַראָפּ אויף דער גאַס פול מיט אָפּטימיזם. מענטשן זיינען געשטאַנען ביי די טויערן, זיך געוויצלט. מיר זיינען געווען זיכער, אַז דער ניצחון איז אויף אונדזער זייט. אויף דער גאַס זיינען געגאַנגען איינצלנע אָדער צו צוויי־דריי זעלנערס. מיר זיינען נאָך געווען פול מיט נאַאיוון אָפּטימיזם און האָבן אויסגעדריקט אונדזער דאַנק־באַרקייט דער פּוילישער אַרמיי, באַגריסנדיק זיי מיט פרייד:

— זאָל לעבן דער מעכטיקער פּוילישער זעלנער!

— זאָל לעבן די זיגערישע פוילישע אַרמיי!
— זאָלן לעבן אונדזערע רעטערס!

די זעלנערס האָבן זיך נישט געמאַכט וויסנדיק, זיי האָבן זיך, נעבעך, געשעמט די אויגן אויפצוהייבן. איך האָב געמיינט, אַז דאָס איז צוליב עניוות, אָבער די זעלנערס האָבן זיך זיכער געטראַכט: איר ווייסט, נעבעך, נישט אין וואָס פאַר אַ סכנה איר געפינט זיך.

סוף־סוף האָט זיך די עלעקטרישע ליכט צוריק אָנגעצונדן און דער ראַדיאָ האָט צוריק געאַרבעט. ס'איז אונדז אַ ביסל לייכטער געוואָרן. אַ ביסל שפּעטער האָט דער ראַדיאָ געמאָלדן: „דער אַלאַרעם איז געענ־דיקט!" האָבן מיר זיך אַ ביסל באַרואיקט און אַרויס פון די קעלערס.

דער פוילישער ראַדיאָ האָט געפירט גרויל פּראָפּאַגאַנדע. די מענטשן זיינען ממש אַראָפּ פון זינען, זיי זיינען שוין גרייט געווען אויף אַלעם, אַבי עס זאָלן זיך שוין ענדיקן די אַלאַרמען מיט די גיפטיקע גאַזן: „זאָל מען זיי באַכגעבן! זאָל מען אויפהערן צו קעמפן מיט זיי! מיר האָבן שוין נישט קיין כוח אויסצוהאַלטן!" — האָבן אַ סך פּאָליאַקן און אַפילו טייל יידן געזאָגט. די דייטשן האָבן דאָס זייעריקע דערגרייכט דורכן ראַדיאָ. דאָס פוילישע פאָלק האָט זיך גיך איינגעבראָכן.

אין אָוונט האָט דער פוילישער ראַדיאָ איבערגעגעבן: „דער מעכ־טיקער פוילישער לופטשוץ האָט היינט פאַרטריבן די דייטשע עראָפּלאַנען! אונדזער אַרמיי איז שטאַרק און מעכטיק! אונדזער גרויסער און מעכטיקער פירער, מאַרשאַל שמיגלי רידזש, איז מיט אונדז! מיר קעמפן און וועלן קעמפן ביז דעם לעצטן טראָפּן בלוט! קיין איין שפּאַן ערד וועלן מיר נישט אָוועקגעבן!" דאָס האָט אַ ביסל דערמוטיקט.

מען האָט געטראַכט: ס'איז נאָך נישט אַזוי שלעכט. אַזוי ווי מען האָט זיך געריכט אויף אַ שלעכטער נאַכט און ס'איז אַפילו נישט פאָרגעקומען קיין איין אַלאַרעם און מען איז דורכגעשלאָפן רואיק, איז מען געווען זי־כער, אַז דאָס איז אַ דאַנק דער „מעכטיקער" פוילישער אַרמיי מיט איר „מעכטיקן" לופטפלאָט.

* * *

צום בעקער, ביי וועמען מיין שוועסטער טאָבטשע האָט געוואוינט, איז געקומען אַ זעלנער, אַ פּאָליאַק. ער האָט דעזערטירט פון דער אַרמיי. דער זעלנערישער מונדיר איז געווען אַ טוכענער פון גראָזקאָליר, מיט גרויסע, מעשענע קנעפּ און מיט אַן אָדלער. דאָס איז דער פוילישער עמבלעם.

דאָס היטל אויך פון דעם זעלבן טוך, מיט אַ שטייפער פיר־עקעדיקער דענקע פון פיר פערטלען, מיט אַ הויכער פרענטע, מיט אַ לאַנגן דאַשעק, אַרומגעזוימט ביים עק מיט ווייסן גלאַנציקן מעטאַל. די פיס זיינען געווען אַרומגעוויקלט מיט וויקלעס פון זעלבן גרינעם טוך, אין וועלכן די שמאָלע עקן פון די הויזן זיינען געווען אַריינגעלאָזט. ער האָט געטראָגן יוכטענע שיך, געשנורעוועט מיט לעדערנע „שנורעוואַדלעס" (בענדלעך) מיט טאָפּל־טע לעדערנע זוילן, אונטערגעקאָוועט מיט שטאָלענע טשוועקעס, מיט ברייטע קעפּעלעך. דאָס האָט געטראָגן די „פּיעכאָטע" (פוסגייערס). די שיך זיינען אים געווען צו־ענג. ער האָט דאָ געאַרבעט ווי אַ בעקער־געזעלן, האָט ער דורכגייענדיק באַזוכט זיין געוועזענעם באַלעבאָס. דער בעקער האָט אים מכבד געווען מיט אַ גאַנץ ברויט. אין דער לינקער האַנט האָט ער די גאַנצע צייט געהאַלטן דאָס ברויט און מיט דער רעכטער האָט ער כסדר אָפּגעבראָכן שטיקלעך און געוואָרפן אין מויל אַריין, דער־ציילנדיק כמעט אין איין אָטעם וועגן זיינע טראַגישע איבערלעבונגען אויפן פראָנט מיט אַזאַ פריילעכקייט, אַזוי ווי מען דערציילט אַ פריילעך קאָמישע מעשה אָדער וויצן און ער האָט כסדר צוגעלאַכט:

„פּשאַקרעוו, כאָלעראַ! די שוואַבן (דייטשן) שיסן אויף אונדז פון די עראָפּלאַנען, וואַרפן אויף אונדז באָמבעס און מיר דאַרפן קעמפן מיט די קוילן" — וויזט ער אויף דעם פּעקעלע קוילן, וואָס ער טראָגט אויף דעם לעדערנעם רימען — „וואָס פּאַסן זיך נישט צו דער ביקס!" — און ער וויזט אויף זיין ביקס. — „אַז מיר דערהערן רוישן אַן עראָפּלאַן פון ווי־וויט,אַנטלויפן מיר ווי די האָזן. כאַ, כאַ, כאַ. די שוואַבן פאַרברענען מיט צינדבאָמבעס גאַנצע שטעטלעך און גאַנצע דערפער, כאַ, כאַ, כאַ. זיי פליען אַזוי ווי דער שוואַרצער טייוול. קיינער שטערט זיי נישט, עס ברענט אַזוי ווי אַ ווייסער דונער! כאַ, כאַ, כאַ. די ציווילע באַפעלקערונג אַנטלויפט צוזאַמען מיט דעם מיליטער. כאַ, כאַ, כאַ. דאָס פייער איז ווי איין גיהנום, פּשאַקרעוו, כאָלעראַ! די אַרמיי איז אַזוי צעשעקערט ווי אַ הייפטל קרויט! און די שטשעניאַקעס (פּופּצן, ־זעכצן, ־פערצן־יאָריקע סקויטן) אַנטלויפן מיט אָנגעמאַכטע הויזן. כאַ, כאַ, כאַ. דער שאָסיי איז אויסגעלייגט מיט טויטע שטשעניאַקעס. די שטשעניאַקעס קאָנען אַפילו קיין ביקס נישט האַלטן אין דער האַנט. כאַ, כאַ, כאַ. קיין ברויט האָב איך שוין דריי טעג פאַר מיינע אויגן נישט געזען. איך האָב געפרעסן דאָס, וואָס כ'האָב געגנבעט פון די פעלדער און פון דיביימער. פּשאַקרעוו!"

אַזוי דערציילנדיק, האָט ער איינגעשלונגען דאָס גאַנצע ברויט. אַזוי

ווי ער האָט דאָס דערציילט אויף אַזאַ נישט ערנסטן אופן און מיר זייגען געווען אַנגעשטאָפּט מיט דער פאַלשער פּראָפּאַגאַנדע פון ראַדיאָ, האָבן מיר נישט געקענט פאַרשטיין, וואָס פאַר אַ בראָך איז עס צו פוילן, לויט זיין שילדערן.

אַ האַלבע שעה שפּעטער איז אַרויפגעקומען אַ יידישער זעלנער, דעם בעקערס אַ ברודערס זון. ער איז געווען אין גאַנצן צעבראָכן. ער האָט דערציילט מיט אַ געבראָכן קול מיט וויטיק און שרעק: „די דייטשן זיגן. זיי גייען מיט אַ שרעקלעך פייער, וואָס ווישט אָפּ דערפער און שטעטלעך. די פוילישע אַרמיי איז צעשמעטערט. די זעלנערס זיינען ווי פאַרלוירענע שאָף אָן אַ פּאַסטעך. פוילן איז גאָרנישט צוגעגרייט צו אַזאַ מלחמה. זיי גייען מיט עראָפּלאַנען און מיר גייען מיט מידע, אויסגעהונגערטע פערד. דו זעסט, פעטער, די קוילן, וואָס איך טראָג דאָ אויף מיין פּאַסיק. זיי פּאַסן נישט אין מיין ביקס". ער איז שטיל געוואָרן. טרויער און פּחד האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אויף זיין פּנים.

די מומע האָט אויסגעשפּרייט אַ טישטעך ביים עק טיש. זי האָט אַנידערגעשטעלט דאָס עסן, וואָס זי האָט אויף גיך פאַר אים צוגעגרייט. דער זעלנער האָט זיך געוואַשן צום עסן, געמאַכט אַ ברכה און גענומען עסן. אָבער דער ביסן איז אים געבליבן שטיין אין האַלדז. „איך מוז מיך וואָס שנעלער צושטעלן — האָט ער געזאָגט — איך בין דאָך אַ ייד... נישט גוט, פעטער, נישט גוט! מיר יידן זיינען פאַרלוירן! די פוילישע פירערס האָבן פאַרראַטן!" זיינע רייד האָבן אונדז צענומען, אַ טרויעריקייט איז אויף אונדז געפאַלן. ער האָט זיך אויפגעשטעלט, גרייט צום גיין. ער האָט געבענטשט שטייענדיק אָן אומרואיקער, ווי אויף איין פוס. דער פעטער האָט אים געגעבן עטלעכע זלאָטעס און ער האָט אים געטרייסט: „פאַרליר נישט דעם ביטחון. מיר יידן האָבן אַ גרויסן גאָט, ער וועט העלפן!" — און ער האָט אים געוואונטשן, מיט אַן אָנגעשטעלטן, פריילעכן טאָן: „זאָלסט זיין אַ ייד אין דער היים און אַ גוי ביי די זעלנערס. זאָלסט אַהיימקומען אַ גאַנצער ייד..."

דער זעלנער איז אַלץ געבליבן טרויעריק. מיר האָבן זיך מיט אים געזעגנט מיט די בעסטע ברכות. דער פעטער האָט אים אַראָפּבאַגלייט. איך האָב דעמאָלט פאַרגליכן דעם פוילישן מיט דעם יידישן זעלנער: דער פּאָליאַק, כאָטש מען מאַכט חרוב זיין לאַנד, בלייבט ער אין זיין לאַנד און אין זיין היים, דערפאַר איז ער נישט צעבראָכן. אָבער דער ייד, ווע־מען מען האָט נישט איין מאָל געגעבן צו פילן, אַז ער איז דאָ אַ פרעמדער,

האָט פאַרויס געפּילט, וואָס עס דערוואַרט די יידן מיט דעם אַריינקומען פון די דייטשן. ער האָט דאָך געוואוסט, וואָס היטלער האָט געטאָן צו די יידן אין דייטשלאַנד און אויף די געביטן, וואָס ער האָט אָקופּירט און ער האָט דאָך אויך אַליין געזען, וואָס די דייטשן טוען אָפּ אַצינד אויף דעם פראָנט. פון גאַנצן לאַנד האָבן זיי געמאַכט איין פראָנט.

מיר, וואָס האָבן נישט דורכגעלעבט דעם פראָנט און וואָס אונדזער שטאָט לאָדזש איז נישט באָמבאַרדירט געוואָרן, זיינען פונדעסטוועגן אַלץ געווען פאַרשיכורט פון דער פאַלשער פּראָפּאַגאַנדע דורכן ראַדיאָ, אַז די „מעכטיקע" פּוילישע אַרמיי זיגט.

איך אַנטלויף

דעם 6סטן טאָג פון אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מילחמה, אַרום צוויי אַ זייגער נאָך מיטאָג, בין איך אַריינגעקומען אין אַ כשרן רעסטאָראַן, אויף דער ווסכאָדניע גאַס. צווישן די געסט האָט זיך געפונען אַ מיטליאָריקער ייד, וואָס איז קוים מיטן לעבן אַנטלאָפן פון בעלכאַטאָוו, אַ שטעטל נישט ווייט פון לאָדזש. דאָ האָט מען נאָך סערווירט אַ מיטאָג ווי אין די נאָרמאַלע צייטן. מיר האָבן זיך צוגעהערט צום ראַדיאָ: „אונ־דזער מעכטיקע אַרמיי האָט געפאַנגען צוואַנציק טויזנט דייטשע סאָלדאַטן. די דייטשן אַנטלויפן. מיר האָבן ווידער פאַרכאַפּט צוויי הונדערט דייטשע טאַנקען. אונדזער זיג איז אַ זיכערער! זאָל לעבן די מעכטיקע פּוילישע אַרמיי! זאָל לעבן אונדזער גענעראַלער מאַרשאַל, שמיגלי רידז!"

דער בעלכאַטאָווער ייד האָט זיך מיט דער לינקער האַנט געגלעט דאָס בערדל און מיט דער רעכטער אָוועקגעמאַכט די דאָזיקע רעדע: „ע! וואָס ער זאָגט דאָרטן! די דייטשן זיינען נאָך נעכטן געווען אין בעלכאַטאָוו, מאָרגן, שפּעטסטנס איבער מאָרגן, וועלן זיי זיין אין לאָדזש. קיין גיפטיקן גאַז וועט היטלער נישט לאָזן נוצן, ווייל עס וואוינען דאָ אַ סך דייטשן. ער וועט איינבעמען לאָדזש אָן איין שאָס. איר מעגט מיך גלייבן, אַז אין לאָדזש איז שוין צוגעגרייט אַ דייטשישע רעגירונג מיט אַלע קלימפּערלעך. היינט איז נאָך דאָ הי וואָס צו עסן. היינט האָב איך נאָך אַ פּאָר זלאָטעס.

איך בין אַנטלאָפן אין איין העמד. וואָס וועט זיין מאָרגן, איבער מאָרגן? וואָס היטלער, ימח שמו, באַטייט פאַר יידן, ווייסן מיר שוין."

עס איז די צוהערערס טרויעריק געוואָרן אויף דער נשמה פון זיינע רייד. די אומרואיקייט האָט מיך אַרויסגעיאָגט און אַריינגעיאָגט. איך האָב מיר נישט געקאָנט קיין אָרט געפינען.

דער גאַנצער טאָג, אַ גאַנצע נאַכט און מיטוואָך דעם גאַנצן טאָג זיינען אַדורך שטיל אָן אַן אַלאַרעם. אַ ביסל טומלדיק איז נאָר געווען, ווען יידן האָבן געכאַפּט נאָך אַ שפּיאָן. אויף די גאַסן איז געווען אַ נאָרמאַלע באַוועגונג.

פאַר נאַכט זיינען די ראַדיאָ־ידיעות איבערגעגעבן געוואָרן רואיק און געמיטלעך: "אין קראָקע איז רואיק. אין טשענסטאָכאָוו איז די הייליקע מאַריע גאַנץ. אַלץ איז אין אָרדענונג, איבער גאַנץ פּוילן איז שטיל און רואיק."

"ניין, אַצינד געפעלט עס מיר שוין גאָרנישט! — האָב איך אויסגעשריגן צו די צוהערערס — דער בראָך איז שוין גאָר, גאָר גרויס!"

"גייט שוין, גייט שוין, וואָס איר רעדט!" — איז מען אויף מיר אַרויפגעפאַלן.

עס האָט טאַקע זעלטן ווער באַגריפן, וואָס דער דאָזיקער באַריכט האָט באַטייט, אויך איך נישט.

איך האָב זיך געלייגט שלאָפן אַרום צען אַ זייגער אין אָוונט ביי מיין שוועסטער אסתר. זי האָט זיך געלייגט מיט די קינדער אויפן שטרויזאַק אין קעלער, ווייל טאָמער וועט פּאַסירן אַן אַלאַרעם, זאָל זי נישט מוזן אַראָפּלויפן פינפטן שטאָק אין דער פינצטער. איך בין באַלד איינגעשלאָפן און גוט געשלאָפן. צוויי אַ זייגער ביי נאַכט האָט מיך אסתר אויפגעוועקט.

גיכער טו דיך אָן! — האָט זי געזאָגט אַ צום־טויט דערשראָקענע. — די דייטשן קומען, זיי וועלן אונדז אַלעמען אויסשעכטן! קום שנעלער, לאָמיר אַנטלויפן! דער ראַדיאָ האָט איבערגעגעבן אַ פאַראָרדענונג פון דער רעגירונג, אַז אַלע מענער זאָלן לויפן קיין וואַרשע!"

איך האָב מיך גיך אָנגעטאָן און אסתר האָט מיך געפרעגט: "זאָל איך מיט די קינדער אויך מיטגיין?"

איך האָב מורא געהאַט זיי אַליין איבערצולאָזן. האָב איך איר געענטפערט: "וואָס דען? ווי אַזוי קען איך איבערלאָזן דיך מיט די קינדער אין אַזאַ געפאַר?" דאָ איז אויך געשלאָפן די קוזינקע פון סקאַרזשיסק. זי האָט זיך אויך גיך אָנגעטאָן. איך האָב אויף זיך אַרויפגעכאַפּט מיין שוואָ־

גערס ווינטער־מאַנטל און אין דער קעשענע האָב איך אַרײַנגעלייגט אַ דריי שפּיציקן סקאָרמיץ מיט אַ פּערטל קילאָ מעלצוקער, וואָס איך האָב נעכטן געקויפט אין דער ריי. און מיר אַלע זײַנען אין דער פינצטער פון די פינף שטאָק אַראָפּגעלאָפן. איך האָב געטראָגן איין קינד און אסתר דאָס צווייטע. אויף דער גאַס איז געווען שטאָק פינצטער. אַלע גאַסן זײַנען געווען אָנגעפּראָפּט מיט מענטשן, וואָס זײַנען געלאָפן קיין וואַרשע. פּאָליאַקן און יידן האָבן אויסגעטאָן די אָרעמבענדער מיט דער אויפשריפט O. P. L. (פּאַרטיידיקונג קעגן לופטאָנגריף), וואָס זיי האָבן געטראָגן. די אַרבעט פון די דאָזיקע וואָלונטירן איז געווען: צו פאַרלעשן שריפות פון באָמבעס און צו היטן קעגן שפּיאָנען און דעזערטירן. מען האָט כסדר געהערט:

— די דייטשן וועלן אונדז אויסשעכטן!

— זיי וועלן אונדז נעמען אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן!

— לאָמיר זיך ראַטעווען! לאָמיר אַנטלויפן!

גאַנץ פּיאָטריקאָווער גאַס, נאָוואָמיעיסקאַ, זגיערזשער, אַלטשטאָט און באַלוט און אַלע הויפּטגאַסן זײַנען געווען אָנגעפּראָפּט מיט מענטשן, וואָס האָבן געאיילט צו דער בזשעזשינער גאַס אויף דעם וועג, וואָס פירט קיין וואַרשע. עס האָט אויסגעזען, אַז נישט נאָר לאָדזש אַנטלויפט דאָ, נאָר גאַנץ פּוילן אַנטלויפט. דאָ לויפן נישט בלויז מענער, נאָר אויך גאַנצע מישפּחות. איינער וויל איבעריאָגן דעם צווייטן אין דער שטאָק־פינצטערער נאַכט. דאָ זײַנען געלאָפן מענטשן פון שטעט, שטעטלעך און דערפער, אַזש פון דער דייטשישער גרענעץ אָן. מיר פינף האָבן זיך געהיט מיר זאָלן זיך נישט פאַרלירן אין דעם מענטשנשטראָם. מאָניעקל, דאָס עלטערע קינד, איז אַליין געגאַנגען זיך אָנהאַלטנדיק ביי דער מוטער אָדער אָן מיר. רוזשקעלען האָט אַ ביסל געטראָגן אסתר און אַ ביסל איך. איך האָב באַשלאָסן אויסצומיידן וואַרשע, אָנצוקומען ערגעץ אויף די קרעסן. דאָרטן אין די דערפער וועלן מיר זיך שוין אַן עצה געבן. נאָך עטלעכע שעה גיין האָט אָנגעהויבן טאָגן.

מענטשן זאָגן: „דער ראַדיאָ האָט איבערגעגעבן: אַלע מענער מוזן גיין פאַרטיידיקן וואַרשע. קיין לאָדזש וועט די דייטשע אַרמיי נאָר אַרײַנגענאַרט. דאָ וועט די מעכטיקע פּוילישע אַרמיי זי אַרומרינגלען און אומברענגען.״

די זון איז שוין אַרויסגעקומען. די מאַסן זײַנען איר אַקעגן געגאַנגען. מענטשן האָבן אַרויסגענומען ברויט, טייל גאַנצע ברייטלעך און געגעסן גייענדיק. אַ ייד, וואָס איז געגאַנגען לעבן מיר, האָב איך געזען, ווי ער

ברעכט אָפּ שטיקלעך פון אַ גאַנץ ראַזאָווע ברייטל און לייגט גלייך אין מויל אַריין. איך האָב מיך אָנגענומען מיט מוט און אים געבעטן אַ שטיקל ברויט פאַר די קינדער. האָט ער מיר אָפּגעזאָגט. בין איך צו אים שטאַרקער צוגעשטאַנען און נישט אָפּגעלאָזט, — האָט ער מיט כעס אָפּגעבראָכן איין פּיצל און מיר געגעבן. איך האָב דאָס נישט געקענט צעטיילן, האָב איך דאָס פּיצעלע ברויט געגעבן מאַניעקלען. דערנאָך האָב איך אים געבעטן, אַז ער זאָל מיר געבן אַ פּיצל אויף פאַר רוזשקעלען. האָט ער זיך אויף מיר געבייזערט און געבייזערט. צום סוף האָט ער אָפּגעבראָכן נאָך אַ קלענער פּיצל ווי פריער און ער האָט עס מיר געגעבן.

איך האָב געטראַכט: ווי גיך מילחמה מאַכט שלעכט דעם מענטש, אַז ער האָט אַפילו נישט רחמנות אויף קליינע קינדער. איך האָב געוואָרפן אַ רחמנות־בליק אויף די קינדער און געטראַכט: אייער פאָטער איז מאָביליזירט געוואָרן פון די ערשטע צו קעמפן קעגן שונא. ווער ווייסט צי איר זענט שוין, חלילה, נישט קיין יתומימלעך.

עס פאָרן: דראָזשקעס, ראַלוועגענער, לאַסטוועגענער, פויערישע וועגענער. פון מאָל צו מאָל רייסן זיך דורך איינצלנע אויטאָמאָבילן אָדער אַ לאַסטאויטאָ פול אָנגעפּאַקטע און נאַכהענגענדיקע מענטשן. עס פאָרן לאַנגזאַם פּוילישע וועגענער מיט גאַנצע מישפּחות, מיטן טויטן און לעבעדיקן אינווענטאַר. עס גייען נאָך בהמות, קעלבלעך, און עס לויפט נאָך אַ הונט. אויף טייל פורן שטייען שטייגן מיט הינער. עס לויפן דאָ זעלנערס צוזאַמען מיט ציווילע. עס אַנטלויפן מלוכה־באַאַמטע, עס אַנטלויפט די פּאָסט, די פּאָליציי... אַלע מיט די אַרכיוון, אַלץ שלעפּט זיך אויף פערד. זעלטן מען זעט אַן אויטאָמאָביל. עס אַנטלויפן די פייער־לעשערס אויף זייערע מאַשינען.

די זון האָט זיך שוין אַרויפגערוקט העכער. אַצינד האָב איך און אסתר געטראָגן ביידע קינדער, ווייל זיי זיינען שוין געווען מיד און מיר זיינען שוין אויך געווען פאַרמאַטערט. האָב איך ביידע קינדער אַרויפגעזעצט הינטן אויף אַ פויערישן וואָגן און מיר זיינען נאָכגעגאַנגען. דעם פויער האָט עס נישט געאַרט. די קינדער זיינען אַזוי געפאָרן עטלעכע מינוט, איז צוגעקומען אַ שיין געקליידטער שטאָטישער פּאָליאַק און ער האָט דעם פויער עפּעס איינגערוימט אין אויער. דער פויער האָט זיך נישט־ווויסנדיק געמאַכט און ווייטער געפאָרן. האָט דער שטאָטישער פּאָליאַק אויסגעשריגן צו די שקצים, וואָס זיינען געגאַנגען לעבן וואָגן: „כלאָפּצי, דאָס זיינען זשידקעס!" אָנווייזנדיק אויף די צוויי קינדער.

„זייער פּאָטער — האָב איך מיך אָנגערופן — קעמפט אַצינד אויפן פראָנט פאַר אונדזער אַלעמענס פרייהייט, ער פאַרטיידיקט אונדזער לאַנד".

נאָך איידער איך האָב פאַרענדיקט מיינע רייד, האָבן שוין די שקצים געהאַט אַראָפּגעוואָרפן די קינדער פון וואָגן.

„אין אַ צייט, ווען סיי מיר יידן און סיי איר פּאָליאַקן זיינען באַדראָט פון דעם זעלבן שונא, האָט איר נאָך דעם קאָפּ צו טאָן אַזעלכע זאַכן ? וואָס פאַר אַ קריסטן זייט איר ?"

די שקצים האָבן זיך געוואָרפן אויף מיר שלאָגן, נאָר מיין שוועסטער האָט זיי צוריקגעהאַלטן. מיר האָבן גענומען אויף זיך די קינדער און ווייטער געגאַנגען.

די זון איז שוין אַרויף העכער אויפן הימל. עס איז שוין געווען נאָך אַכט אַ זייגער. דער טוי פון די גריבע פעלדער האָט שוין אָנגעהויבן אויסטריקענען. מיר האָבן זיך אָפּגערוט אויפן פעלד און דערנאָך ווידער אַריין צווישן די לויפערס אויפן שאָסיי. ווי ווייט דאָס אויג קען דערגרייכן פון ביידע זייטן שאָסיי, זעט מען לויפערס. מען זאָגט, אַז דאָס ציט זיך אויף צענדליקער קילאָמעטערס. עס האָט נישט געדויערט לאַנג, זיינען אָנגעקומען צענדליקער שווערע באָמבאַרדיר־עראָפּלאַנען איבער אונדזערע קעפּ. די ערד האָט געציטערט אונטער אונדזערע פיס. באַלד האָט עס געדונערט פון אַלע זייטן. די לויפערס זיינען באַוואָרפן געוואָרן מיט באָמבעס. מאַסן זיינען אַראָפּגעלאָפן אויף די פעלדער און אין די וועלדער. איך בין אַראָפּגעלאָפן פון שאָסיי אין פעלד אַריין, מיט איין קינד אויף די הענט. צענדליקער באָמבעס האָבן זיך צעדונערט. די מענטשן, וואָס זיינען געשטאַנען, זיינען אַנידערגעשליידערט געוואָרן. מיר האָבן זיך געלייגט צווישן די הויכע קוסטעס פון קאַרטאָפל. די קינדער האָבן יאָמערלעך געוויינט. די עראָפּלאַנען האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט גאַנץ נידעריק און געשאָסן מיט מאַשין־געווער אויף די באַהאַלטענע צווישן די קוסטעס. מיר האָבן געהערט ווי די עראָפּלאַנען קרייזן איבער אונדז. און ווידער האָבן זיך באָמבעס צעדונערט. דאָס האָט זיך געצויגן ווי אַן אייביקייט. ווען עס איז שטיל געוואָרן, האָב איך זיך אויפגעהויבן. מען האָט נאָר געזען פייער און רויך און פון ווייטן אַ שוואַרצן וואָלקן רויך פון דער ערד ביז צום הימל. עס האָט אויסגעזען, אַז דאָס גאַנצע לאַנד איז אַצינד חרוב געוואָרן. אָבער מיר זיינען ווייטער געגאַנגען. אין אַ צען־פופצן מינוט אַרום זיינען ווידער אָנגעפלויגן עראָפּלאַנען. מיר זיינען ווידער אַריין אין די קוסטעס און ווידער האָבן זיך צעדונערט באָמבעס. דאָס פּוילישע מיליטער האָט

געפירט קאַסטנס דינאַמיט אויף אַ ראַלוואַגן, געשלעפּט פון פערד, האָבן אין דעם די דייטשן אַריינגעוואָרפן אַ באָמבע און דער אויפרייס פון דעם איז געווען פייער, רויך און שטויב.

אַלע הייזער אויפן שאַסיי האָבן די דייטשן אונטערגעצונדן מיט צינד־באָמבעס, כדי די פּאַרטיזאַנער זאָלן נישט האָבן וואו זיך צו באַהאַלטן און זיי זאָלן קענען בשלום אַריינמאַרשירן. ווען דאָס באָמבאַרדירן האָט זיך אָפּגעשטעלט זיינען מיר ווייטער געגאַנגען. מיר האָבן שוין נישט געהאַט קיין כוח צו טראָגן די קינדער, האָבן מיר זיי געפירט ביי די הענט־טעלעך. אין אַ האַלבער שעה אַרום זיינען ווידער אָנגעקומען עראָפּלאַנען און האָבן געוואָרפן באָמבעס. די קינדער האָבן שוין אַצינד אַליין גע־וואוסט אַראָפּצולויפן פון שאַסיי אויפן פעלד און זיי האָבן זיך אַליין באַ־זונדער באַהאַלטן צווישן די קוסטעס פון קאַרטאָפל, ווייל איך האָב זיי פריער אָנגעזאָגט, אַז זיי זאָלן נישט ליגן צוזאַמען. ווידער האָבן, נישט ווייט פון אונדז, אויפגעריסן באָמבעס, ווידער האָבן עראָפּלאַנען געקרייזט איבער אונדז, ווידער שאָסן פון מאַשינבּיקסן פון דעם שונאס עראָפּלאַנען און ווידער פייער און וואָלקנס רויך.

סוף־סוף האָט זיך אָפּגעשטעלט דאָס אַטאַקירן און מיר האָבן באַוויזן אַריינצוקומען קיין בזשעזשין. עס האָט מיר שטאַרק באַנג געטאָן, וואָס איך האָב מיטגענומען מיין שוועסטער מיט די קינדער. איך האָב זיי נישט געוואָלט האָבן אויף מיין געוויסן. אויב, חלילה, אומקומען, איז שוין גלייכער אין דער היים. אסתרן האָט אויך פאַרדראָסן. זי האָט שוין געוואָלט צוריק זיין אין דער היים. מיר האָבן באַשלאָסן, אַז אסתר מיט די קינדער זאָלן בלייבן אין בזשעזשין ביי אַ באַקאַנטן ייד, ביז זיי וועלן קענען צו־ריקגיין קיין לאָדזש.

מיר האָבן געמיינט, אַז מיר אַנטלויפן פון שונא, אָבער ער איז אונדז באַפאַלן פון אַלע זייטן. אין לאָדזש האָט די נאַצישע אַרמיי מקבל פּנים געווען אַ פּון פאַרויס געשאַפענע רעגירונג פון פאָלקסדייטשן, וואָס האָבן דאָרטן געוואוינט.

מיר לויפֿן קיין וואַרשע

עס איז מיטאָגצייט. די צענדליקער טויזנטער מענטשן לויפֿן הונגעריקע, דורשטיקע. עס קרייזן נישט אַצינד קיין עראָפּלאַנען איבער אונדז. די לופֿט שמעקט מיט וואַלד, פֿעלד און גערטנער. דער הימל איז בלוי, לויטער, אָן איין פּגם, און די זון שיינט רחבותדיק. אַך, ווי מיך פֿאַרדריסט דאָס. ס׳דערמאָנט מיך אין ח. נ. ביאַליקס ווערטער „אין שחיטה־שטאָט״: „די זון האָט געלויכטן און דער שוחט האָט געשחטן.״

מיר, די לויפֿערס, גייען אַריין אין די כאַטעס, בעטן עפּעס צו עסן און טרינקען. אַלע כאַטעס שטייען אָפֿן, די פּויערים זיינען אַנטלאָפֿן, האָבן אַלץ איבערגעלאָזט אויף הפקר. טייל לויפֿערס האָבן געכאַפּט, וואָס זיי האָבן געקענט: ברויט, זויערמילך, קעז, פּרוכטן, גרינצייג. איך האָב אויך געזוכט עפּעס צו שטילן דעם הונגער און דורשט.

איך בין אַריינגעקומען אין אַ כאַטע מיט אַ פֿופֿצן־צוואַנציק לויפֿערס. קיינער איז דאָ נישט געווען: די פּויערים זיינען אַנטלאָפֿן, נאָר אויפֿן טיש און אויף די בענק זיינען געשטאַנען אָנגעגרייט עמערס, גרויסע שיסלען און גרויסע טעפּ מיט זויערמילך. יעדער האָט אין איילעניש געטרונקען צו עטלעכע טעפּלעך זויערמילך און ווייטער געלאָפֿן. כמעט אַלע פּויערים פֿון דעם דאָרף זיינען אַנטלאָפֿן.

פֿון איין כאַטע איז אַרויסגעקומען אַן אַלטער פּויער מיט אַ טאָכטער. זיי האָבן געבעטן, אַז לויפֿערס זאָלן צו זיי אַריינגיין. איך מיט מיין קוזינקע און נאָך עטלעכע לויפֿערס זיינען צו זיי אַריינגעגאַנגען. זיי האָבן אונדז מכבד געווען מיט גרויסע שטיקער אייגן־געבאַקן ראָזשווע ברויט און מיט פֿרישער מילך. דער אַלטער האָט געזאָגט: „עסט, עסט! אויב איר וועט נישט אויפֿעסן, וועט דאָס דער דייטש צונעמען״.

אַזוי ווי דער שונא האָט אַצינד נישט באָמבאַרדירט, האָבן די לויפֿערס אויסגענוצט די געלעגנהייט זיך אָפּצורוען. איך מיט מיין קוזינקע האָבן זיך אַנידערגעזעצט אויפֿן גראָז אין שאָטן פֿון געדיכטע ביימער, וואו עס זיינען געזעסן עטלעכע פּוילישע זעלנערס. איין זעלנער האָט צעשניטן עטלעכע פֿרישע גרינע אוגערקעס און ער האָט זיך געטיילט מיט די אַנדערע זעלנערס. מיך מיט מיין קוזינקע האָט ער אויך מכבד־געווען.

מיר האָבן געשמועסט פֿאַרשיידנס. די זעלנערס האָבן דערקענט, אַז מיר זיינען יידן און זיי האָבן זיך געטיילט מיט אונדז מיט דעם לעצטן ביסן.

אַ טרויעריקייט איז געלעגן אויף זייערע פּנימער. אַלע האָבן גערעדט מיט אַ געבראָכן קול.

די זעלנערס האָבן געליטן פון הונגער גלייך פון דעם ערשטן טאָג פון דער מילחמה, ווייל מען האָט זיי נישט געקענט צושטעלן שפּייז ביי אַזעלכע באָמבאַרדירונגען. אַזוי ווי מיר זיינען אַזוי געזעסן און געמיט־לעך געשמועסט, האָט זיך פּלוצלינג אַ לאָז אַראָפּ געגעבן אַן איין־מאָ־טאָריקער עראָפּלאַן און ער האָט אַרומגעקרייזט אַרום אונדז.

„נעם די ביקס און שיס אים אַראָפּ!" — האָט איין זעלנער געזאָגט צו דעם, וואָס האָט צעטיילט די אוגערקעס.

„ניין! ניין! אפשר איז דאָס אַן אונדזעריקער".

„אָ, יעזוס מאַריאַ! מיר ווייסן אפילו נישט, צי דאָס איז אַן אונ־דזעריקער צי דעם שונאס", האָט געזאָגט מיט האַרצוויטיק דער זעל־נער פון די אוגערקעס. די סאָלדאַטן האָבן זיך געפילט אָפּגענאַרט און פאַרלאָזט פון די אָנפירערס. זיי האָבן זיך שוין מייאש געווען.

ווען מיר האָבן זיך אַ ביסל אָפּגערוט, האָבן מיר זיך ווידער געלאָזט אין וועג אַריין קיין וואַרשע. דריי אַ זייגער זיינען ווידער אָנגעקומען די באָמבאַרדירערס. אַזוי ווי עס האָט זיך נאָר דערהערט דאָס רוישן פון עראָפּלאַנען, האָט אַ זעלנער אויסגעשאָסן אין דער לופט: דאָס איז גע־ווען דער סימן, אַז דער שונא קומט. זיינען מיר באַלד אַראָפּגעלאָפן פון שאָסיי אויף די פעלדער אָדער אין אַ וואַלד אַריין. טויזנטער לויפערס האָבן זיך אַנידערגעוואָרפן אין די רינשטאָקן פוןביידע זייטן שאָסיי, האָבן זיך די דייטשע עראָפּלאַנען אַראָפּגעלאָזט גאַנץ נידעריק און אויף זיי געשאָסן מיט מאַשינביקסן. די עראָפּלאַנען האָבן זיך אויך אַראָפּגעלאָזט גאַנץ נידעריק איבער די פעלדער און איבער די וועלדער און געשאָסן די, וועמען זיי האָבן געזען.

מען האָט דערציילט, אַז פאָלקסדייטשן, וואָס וואוינען אין פּוילן, ליגן באַהאַלטן אין די וועלדער צווישן די געדיכטע צווייגן פון די ביי־מער, גיבן סימנים דעם שונא און זיי שיסן אויך אויף די פּוילישע זעלנערס.

איך מיט מיין קוזינקע זיינען אַצינד געלעגן אויפן גראָז אין אַ יונג סאָסנאָווע וועלדל, ווייט פון שאָסיי, לעבן אַ פליסנדיק טייכל. איבער אונדז האָט געקרייזט אַן עראָפּלאַן און פון דער ווייטנס האָבן אויפגעריסן באָמ־בעס. עס איז צו אונדז צוגעקומען אַן אָפיציר מיט אַ שיין ברוין פערד, וואָס ער האָט געפירט ביים צוים. דאָס פערד איז געווען פאַרמאַסקירט

מיט גרינע צווייגן. ער האָט אָפּגעבראָכן צווייגן און עס נאָך מערער מאַסקירט. ער האָט זיך באַהאַלטן מיט דעם פּערד אונטער אַ געדיכטן בוים. דער עראָפּלאַן האָט כסדר געקרייזט איבער דעם וועלדל. דער אָפּי־ציר האָט שרייענדיק געפרעגט: „וואָס וויל ער דאָ? פאַר וואָס טרעט ער נישט אָפּ?! פּשאַ־קרעוו, כאָלערא!" און ער האָט געזאָגט צו אַ פרוי, וואָס האָט געטראָגן אַ ווייס קלייד, זי זאָל זיך פאַרדעקן מיט צווייגן, ווייל ווייס זעט מען פון ווי וויַט. ער האָט אויך געזאָגט: „ווער פון די פרויען עס האָט אַ בייטל מיט אַ ווייסן מעטאַלענעם שלאָס, זאָל אים צודעקן מיט גראָז, ווייל דער מעטאַל גלאַנצט און דער שונא קאָן מיט אַ קליינער לאָרנעטע פון אויבן אַלצדינג זען".

דער עראָפּלאַן האָט פיר מאָל אַרומגעקרייזט איבער דעם וועלדל. מען האָט געפילט, אַז ער זוכט אונדז. סוף־סוף איז ער פאַרשוואונדן און אונדזער טויטשרעק אויך.

מיר האָבן זיך ווייטער געלאָזט אין וועג אַריין. אַצינד האָבן מיר זיך אַריינגעפלאָכטן אין אַ גרופּע יונגע פּאָליאַקן. אַ צוואַנציק־יאָריקער פון העכערן וואוקס, מיט אַ לאַנגער בלאָנדער טשופּרינע, האָט געהאַלטן אין איין שרייען: „זיי האָבן פאַרראַטן! אין אונדזער געשיכטע איז דאָס נישט קיין נייס. נישט איין מאָל האָבן די פּוילישע פירערס פאַרקויפט דאָס לאַנד און פאַרראַטן דאָס פאָלק! דער קייסער סטאַניסלאַוו אויגוסט פּאָ־ניאַטאָווסקי האָט זיך איבערגעשלאָפן מיט יעקאַטערינאַ די זונה און ער האָט איר דערפאַר אָוועקגעגעבן פּוילן. זיי האָבן פאַרקויפט דאָס פאָטער־לאַנד! הינטישע זין!"

די גרופּע האָט צוגעשטימט: „פּראַוודאַ!"

ער האָט אַרויסגענומען פון פּאַפּיר אַ שלשלתדיקן בייגל, חזיר־וואורשט, אָפּגעבראָכן שטיקער און געטיילט: „כלאָפּצי!" — האָט ער געזאָגט וואוי־לעריש — פּרעסט! פאַקט אַריין! עס וועט נאָך גוט זיין! זאָרגט נישט!" — ער האָט אָפּגעבראָכן אַן ערך אַ פונט און מיר דערלאַנגט. — „דאָ האָט איר, טיילט אייך ביידע" — האָט ער אָנגעוויזן אויף מיין קוזינע, וואָס איז געגאַנגען לעבן מיר. — „ביי מיר איז נישט קיין אונטערשייד, אַ ייד צי אַ פּאָליאַק".

איך האָב דעם וואורשט אפילו נישט געוואָלט נעמען אין האַנט אַריין. די קוזינקע האָט אָפּגעריסן אַ שטיק און געגעסן מיט אַ גרויסן אַפּעטיט.

מיר זיינען געגאַנגען ווייטער. אונטערוועגס האָב איך געטראָפן דעם בונדישן טוער שמואל מילמאַן, אַ געוועזענער מיטגליד פון לאָדזשער

שטאָטראַט; דעם פירער פון די לינקע פועלי־ציון אין לאָדזש, „מיעטעק", חיים בראַנד, אַ פייערדיקער פאַלקסרעדנער; און „יאַנעק", אַ פירער ביי די יידישע קאָמוניסטן אין לאָדזש. קוקנדיק אויף זיי האָב איך געטראַכט: ביי היטלערן זיינען זיי אַלע גלייך — יידן. מיעטעק האָט זיך מיט מיר באַגריסט און מיט אַ טרויעריק קול געפרעגט: „נו, חברל, דאַרפן מיר יידן האָבן פּאַלעסטינע? יאָ צי ניין?"

„שוין די זעכסטע צייט, מיין ליבער חבר מיעטעק!"

מיעטעק האָט אַ שווערן זיפץ געגעבן און אַלע זיינען מיר ווייטער געלאָפן.

איך בין געפאַלן אויפן שכל: איך בין שוין מער נישט געגאַנגען אויפן שאָסיי מיט דעם מיליטער, נאָר הינטן אַרום דורך די פעלדער און וועלדער, ווייט פון שאָסיי.

ווען די זון איז שוין געשטאַנען נידעריק, האָבן מיר זיך אָפּגערוט אין אַ סאָסנעוואַלד. די לופט האָט דאָ געשמעקט מיט זשיוויצע. דער וואַלד איז געווען אויף אַ באַרג און מיר האָבן געזען אַרום ליגן דערפער. צווישן אונדזער גרופּע האָט זיך געפונען אַ פאַרלוירענער יונגער זעלנער, אַ פּאָליאַק. ער האָט געטראָגן דעם גרינעם זעלנערישן מונדיר און איז גע־גאַנגען באָרוועס, די זעלנערישע שיך האָט ער צוזאַמענגעבונדן מיט ביידע „שנורעוואַדלעס" און זיי אויפגעהאַנגען איבערן האַלדז. ער האָט זיך באַקלאָגט, וואָס מען האָט אים אין מיליטער געגעבן ענגע שיך — ער קאָן נישט אין זיי גיין; ער צעקלאַפּט זיך די פיס אין די וואָרצלען פון די ביימער, וואָס סטאַרטשען אַרויס פון דער ערד און אין די שטיינער.

„וואו האָסטו די ביקס?", האָב איך אים געפרעגט.

„איך האָב נישט באַקומען", האָט ער מיר תמימותדיק געענטפערט.

ווען די זון האָט זיך געזעצט, האָט די גרופּע פון דעם וואַלד זיך אַרויסגעלאָזט גיין צום נאָענטסטן דאָרף, פאַרשאַפן זיך עפּעס צו עסן און אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט זיך צו לאָזן ווייטער ביז וואַר־שע. ווען מיר זיינען שוין געווען אויפן האַלבן וועג צום דאָרף, איז שוין געווען טונקל און פּלוצלינג האָט זיך דערהערט דאָס רוישן פון אַן עראָ־פּלאַן. עס איז אויף אונדז אַנגעפאַלן אַ טויטשרעק. מיר האָבן זיך אויס־געצויגן אויף דער ערד. דאָס איז געווען אַ שווערער באָמבער; פון זיין כוח האָט די ערד געציטערט. מיר האָבן געהערט אויפרייסן אַ באָמבע, אין אַ האַלבער מינוט שפּעטער נאָך אַ באָמבע, אין אַ מינוט שפּעטער נאָך צוויי דונערן. מיר זיינען אויפגעשטאַנען און ווי ווייט דאָס אויג קאָן

דערגרייכן, האָבן מיר געזען אַרום־און־אַרום פייער. דאָס האָבן געברענט דערפער. די דאָרפישע כאַלופּעס זיינען געווען פון האָלץ און די דעכער פון שטרוי. האָט דער דייטש פון עראָפּלאַן אַראָפּגעוואָרפן איין צינדבאָמבע אין אָנהייב פון דער רעכטער זייט דאָרף און איין צינדבאָמבע אין אָנהייב לינקער זייט דאָרף, איז דער גאַנצער דאָרף אַוועק אין פלאַמען. דער איין־און־איינציקער עראָפּלאַן האָט אונטערגעצונדן צענדליקער דערפער. ווען עס איז פינצטער געוואָרן, האָט עס אויסגעזען, אַז די גאַנצע וועלט ברענט.

איך מיט מיין קוזינקע און אונדזער גרופּע זיינען צוגעגאַנגען צום שאָסיי און זיך אויסגעמישט מיט די לויפערס. יעדער האָט געוואָלט אין דער נאַכט וואָס מער וועג מאַכן און ביי טאָג ערגעץ זיך אויסבאַהאַלטן פאַר דעם שונאס עראָפּלאַנען. מיר זיינען געגאַנגען עטלעכע שעה. אַרום צוועלף ביי נאַכט זיינען מיר צוגעקומען צו ראַווע מאַזאָוויעצק: אַ בראַך! אַ שרעקלעך פייער! דער גאַנצער הימל איז רויט. מיר האָבן ממש געזען, אַז די גאַנצע שטאָט ברענט. די לויפערס האָבן מורא אַריינצוגיין אין שטאָט. ווער וועט דאָס אַריינגיין אין פלאַמען פייער? אָבער כדי צו גיין קיין וואַרשע, מוז מען דורכגיין דורך דער שטאָט.

איך האָב מיך דאָ געטראָפן מיט מיינעם אַ קוזין, ירחמיאל פעלדמאַן, אַ זון פון משהן פון ראַדאָם. ער האָט אויך געוואוינט אין לאָדזש. ער איז אַלט געווען 30 יאָר.

פון אויסגעשעפּטקייט איז ער געגאַנגען איינגעבויגן, אָנגעלענט אויף אַ שטעקן, וואָס ער האָט זיך געמאַכט פון אַ יונגביימעלע. ער האָט מיר געזאָגט: „איך לויף שוין פון נעכטן ביי נאַכט. איך וויל אַריינגיין אין ניי־שטעטל (נאָווע מיאַסטאָ) און דאָרטן בלייבן. איך האָב דאָרטן מישפּחה. קום־מיט מיט מיר".

„איך האָב אַ צווייטן פּלאַן — האָב איך אים געענטפערט — וואָס ווייטער אַוועק פון דער דאָזיקער ערד — איך וויל לויפן ביז צו די קרעסן און דאָרטן ערגעץ אין אַ דאָרף איבערלעבן די מילחמה. ביז די דייטשן וועלן אַהין צוקומען, וועט עס דויערן יאָרן".

מיר האָבן זיך צעשיידט, מיטגעבנדיק ברכות איינער דעם צווייטן.

איך בין געבליבן מיט מיין קוזינקע. צו אונדז האָט זיך צוגעבונדן אַ יידיש מיידל פון לאָדזש. מיר האָבן זי געזען צום ערשטן מאָל. זי האָט געוואָלט גיין מיט אונדז צוזאַמען. איך האָב מסכים געווען: עס וועט זיין היימלעכער. פּלוצלינג האָט אַ בליץ געגעבן און עס איז ליכטיק גע־

ווארן אַזוי ווי ביי טאָג. דאָס האָבן די דייטשן געוואָרפן אַ ראַקעט, כדי זיי זאָלן קאָנען זען, וואָס אויף די וועגן אין פוילן גייט־אָן. ראַקעטן האָבן אויפגעבליצט איינער נאָך דעם צווייטן. אַזוי ווי אין פייער אַריין קאָן מען נישט אַריינגיין, האָבן מיר באַשלאָסן דאָ איבערשלאָפן די נאַכט.

פאָר טאָג זיינען מיר אויפגעשטאַנען. פון וואַלד האָט די זון זיך באַוויזן און זיך גערוקט אויף דרום. דער הימל איז ווידער געוועזן לויטער, אָן איין וואָלקנדל. אַלע דריי זיינען מיר ווייטער געגאַנגען. איך האָב אַצינד באַקומען פרישע כוחות. אַז מען איז אויסגערוט, פילט מען זיך יינגער, קרעפטיקער און מונטערער. די שריפה אין ראַווע מאַזאָ־וויעצק האָט שוין געהאַט אויסגעברענט.

עס זיינען אַצינד געלאָפן פאַרלוירענע גרופּקעס מיליטער. די זעלנערס האָבן כסדר געקוקט אויפן הימל אין אַלע זייטן. זיי האָבן אָנגעשטרענגט דעם חוש־השמיעה צו דערהערן דאָס רוישן פון דעם שונאס אַן עראָפּלאַן. אין מיטן שאָסיי ליגן איבערגעלאָזטע פעסלעך בענזין פון אַנטלויפנדיקן מיליטער. איין זעלנער צאַפּט בענזין פון אַ פעסל אין אַן עמער אַריין און ער זוכט מיט פחד אין הימל, צי דער שונא קומט־אָן. אויפן שאָסיי ליגן איבערגעדרייטע די פוילישע קליינע גרינע טאַנקען. איבערן גאַנצן שאָסיי פון ביידע זייטן ליגן דערהרגעטע פערד. ביי די בריקן און קליינע בריקלעך ליגן דערהרגעטע פוילישע פערצן־יאָריקע זעלנערלעך, וואָס זיינען אין דער פאַלקשול אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער „צוגרייטונג צו מיליטער־דינסט", וואָס די מאַכט האָט ביי נאַכט אַרויסגעצויגן פון די בעטן און האָט די קינדער אַוועקגעשטעלט אויף די געפערלעכסטע ערטער.

פון די אַנטלויפערס זיינען געלעגן אויפן שאָסיי איבערגעלאָזטע: קינדער־וועגעלעך, וואַליזעס מיט וועש, גאָלדענע און זילבערנע כלים, מיט מלבושים, וועש, צירונג, שיכוואַרג, פוטערוואַרג, ניימאַשינען, גרויסע קאַסעס און קליינע קאַסעלעך. די אַנטלויפערס האָבן מיטגענומען דאָס טייערסטע און ווערטיקסטע. ווען דעם שונאס עראָפּלאַנען זיינען אָנגעקומען, האָבן זיי אַלצדינג איבערגעלאָזט און אַנטלאָפן צו ראַטעווען דאָס לעבן. אין די קאַסעס איז געווען געלט און צירונג, אַז נישט וואָלטן די לויפערס דאָס נישט מיטגעפירט אויף וועגענער. די פויערים פון די נאָענטסטע דערפער האָבן באַלד דאָס אַלץ אויפגעקליבן. אַזוי אַרום זיינען טייל מענטשן אָרעם געוואָרן אין מינוטן און טייל רייך געוואָרן אין מינוטן.

איך האָב געזען אויפן שאָסיי אויף הפקר גרויסע פאַרמאַכטע קאַסעס און אַ סך קליינע פאַרמאַכטע קאַסעלעך. עס איז מיר נישט איינגעפאַלן אויפצוהייבן. ווען איך האָב געזען צווישן ביורא־חפצים לעבן אַ קאַסעלע אַ פלעשל טינט פון אַ פערטל ליטער, האָב איך עס אויפגעהויבן און אַריינגעלייגט אין דער קעשענע. איך האָב גערעכנט: דאָס וועט מיר צו ניץ קומען צום שרייבן. „מיט וואָס איינער האַנדלט, דאָס קלעפּט זיך אים צו", איז דאָ אַ ווערטל ביי יידן.

דערווייל האָבן מיר פאַרלוירן דאָס פרעמדע מיידל. אַזוי ווי די זון איז נאָר אַרויף אַ ביסל העכער אויפן הימל, בין איך מיט מיין קוזינקע אַראָפּ פון שאָסיי אויפן פעלד, ווייט פון אַ וואַלד און ווייט פון שאָסיי. מיר האָבן זיך אַנידערגעלייגט אויפן גראָז צווישן נידעריקע ביימלעך.

איין עראָפּלאַן האָט זיך דאָ אַראָפּגעלאָזט נידעריק און דורכגעקעמט די געגנט. איך האָב געציטערט, ער זאָל זיך, חלילה, נישט דערנענטערן צו די קוסטעס, וואו מיר ליגן. פון מיר האָט עס אַרויסגעשריגן: „רבונו־של־עולם, פאַר וואָס גיסטו היטלערן אַזעלכע שיינע טעג, אַזעלכע לוי־טערע הימלען?" מיר האָבן זיך נאָך טיפער אַרונטערגערוקט אונטער די קוסטעס. מיר זיינען אַציגד געווען אין גאַנצן צוגעדעקט מיט צווייגן און בלעטער. ווען דער עראָפּלאַן איז אַוועק, האָבן מיר פרייער אָפּגעאָ־טעמט און דערפילט אַ שטאַרקן הונגער. דאָס איז שוין געווען נאָך האַלבן טאָג. מיר האָבן באַשלאָסן צוצוגיין צום נאָענטסטן דאָרף זיך פאַרשאַפן עפעס עסן.

דער דאָרף, ווייט פון שאָסיי, איז שוין געווען ווייט פון ראַווע מאַזאָ־וויעצק. מיר זיינען אַריינגעקומען צו אַ פויער. ער האָט געהאַט צוויי יינגלעך. דער פויער איז געווען אַ פעסט־געבויטער, פון מיטעלן וואוקס. ער האָט געהאַט לאַנגע וואָנסעס מיט אַ נישט־ראַזירט פנים. ער האָט געטראָגן אַ מאַטשעיואווקע, אַ ביליק בלוי העמד, אַריינגעלאָזט אין די אויסבלאַקירטע צייגענע הויזן, צוגעצויגן מיט אַ שמאָלן לעדערנעם רי־מען, מיט אַ שטאָלענעם שנאָל. די פיס אָן זאָקן און טרעפעס. אַזוי ווי ער האָט אונדז דערזען אויף דער שוועל, האָט ער אונדז באַגריסט: „דאָב־רע פּאָלודניע" (גוטן מיטנטאָג). מיר האָבן צוריק געגריסט מיט די זעלבע ווערטער.

אין שטוב זיינען געזעסן „לויפערס", עטלעכע פּאָליאַקן און עטלעכע יידן. טייל האָבן געגעסן קאַרטאָפל מיט מילך און אַ טייל האָבן געוואַרט אויף דעם זעלבן מאכל, וואָס האָט זיך געקאָכט אין דער קיך, וואו דער

פויער האָט צוגעהיטן דאָס פּייער מיט אונטערלייגן האָלץ. דאָס איז געווען אַ ביי הויז, וואָס איז געווען געשאָבלעוועט פון דרויסן, אויסגעשאָבלעוועט פון אינעווייניק און ווייס אויסגעקאַלכט. דער פויער האָט ביי קיינעם נישט געוואָלט נעמען באַצאָלט, כאָטש אַלע האָבן אים געשטופּט געלט אין פּנים אַריין. ער האָט געזאָגט צו מיר און מיין קוזינקע: „גייט אַרויס אויפן פעלד, גראָבט אייך אויס קאַרטאָפל, וועט איר אָפּקאָכן און עסן".

מיר האָבן דערהערט אָנקומען אַן עראָפּלאַן, זיינען מיר אַרויסגעלאָפן אויפן פעלד און זיך אויסגעצויגן אין הויכן גראָז. מיר האָבן געוואוסט, אַז אין הויז, אָדער אין שייער, איז געפערלעך: אָבער דער פויער מיט די קינדער זיינען געבליבן רואיק אין הויז. זיי האָבן זיך נישט געשראָקן. מיר איז דאָס געווען פאַרדעכטיק.

דעם פויערס נחלה האָט זיך געגרענעצט מיט אַ פּלאַץ, וואו דאָס פּוילישע מיליטער האָט געמאַכט מאַנעוורעס. ווען דער עראָפּלאַן איז אַוועקגעפלויגן, האָט אונדז דער פויער געוויזן קליינע פּראָוויזאָרישע באָמבעס, וואָס דאָס פּוילישע מיליטער האָט דאָ אַראָפּגעוואָרפן בעת זייערע מאַנעוורעס. ער האָט אונדז אויך געוויזן אַ קליינע דייטשע באָמבע, וואָס די דייטשן האָבן די טעג אַראָפּגעוואָרפן לעבן זיין שכנס הויז און האָט נישט אויפגעריסן.

אַ מאָדנער פויער איז דאָס געווען: ער האָט גערעדט מיט אַ נידעריק קול, געלאַסן, איינטאָניק. ער האָט נישט געשריגן און נישט אויפגערעגט זיך, ווי דער שטייגער פון די פּוילישע פויערים. ער האָט מיט קיין איין וואָרט נישט דערמאָנט וועגן דער איצטיקער לאַגע.

איין לויפער, אַ דרייסיק־יאָריקער פּאָליאַק, האָט אין דער סטאָדאָלע פון זיך אַראָפּגעצויגן די ציווילע קליידער און אָנגעטאָן אַ מיליטערישן מונדיר, וואָס ער האָט אויפגעהויבן פון שאָסיי: די אַרמיי האָט מיטגעפירט אַ מאַגאַזין מיט מונדירן; בעתן באָמבאַרדירן האָבן די זעלנערס אַלצדינג איבערגעלאָזט אויפן שאָסיי און אַנטלאָפן. שפּעטער האָט מען צעכאַפּט וואָס איינער האָט געקענט. ער האָט זיך אַרויפגעשטעלט אויף אַ קלעצל, אויף וועלכן מען האַקט האָלץ, אין דעם שפּאָגל־נייעם, גרינעם, מיליטערישן מונדיר, און ער האָט געהאַלטן אַ רעדע מיט גרויס פּאַטאָס:

„אָביוואַטעלע (בירגער)! אַזוי ווי איך וועל נאָר אַריינקומען אין אונדזער הויפּטשטאָט, די שיינע וואַרשע, וועל איך גלייך גיין צום נאַטשעלני וואודז (הויפּטפירער) — און ער האָט סאַלוטירט מיליטעריש,

צושאַרנדיק איין פוס צום צווייטן, צולייגנדיק צווי פינגערס צום שטערן —
„און איך וועל צו אים זאָגן: פירער, זעסט, איך בין אַ זעלנער. איך קאָן גוט שיסן. פאַר וואָס האָסטו מיך נישט מאָביליזירט? פירער, גיב מיר אַ ביקס און איך וועל פאַרטיידיקן אונדזער פאָטערלאַנד! אונדזער ערד! איך וועל דערשיסן טויזנטער שוואָבן (דייטשן)! קיין איין שפּאַן פון אונדזער ערד וועל איך נישט אַוועקגעבן!"

איין ייד האָט דעם פויער געוואָלט באַצאָלן 200 זלאָטעס, ער זאָל אים מיטן פערד־און־וואָגן אַריינפירן קיין וואַרשע. האָט אים דער פויער געענטפערט: „פאַר קיין 2.000 זלאָטעס אויך נישט, ווייל מען קאָן נאָך אויפן וועג מיר צונעמען דאָס פערד".

איך מיט מיין קוזינקע האָבן דעם פויער געדאַנקט, זיך שיין געזעגנט און מיר זיינען ווייטער געגאַנגען, ווייט פון שאָסיי, מיט איין ציל: דערגרייכן וואַרשע. גאַנצע שעהן האָבן מיר נישט געהערט קיין צייכן פון שונא. עס איז מיר פון דעם לייכטער געוואָרן אויף דער נשמה: מעגלעך, אַז מען האָט די דייטשן צוריקגעטריבן, און אפשר האָט זיי ענגלאַנד און פראַנקרייך צעקלאַפּט — זיי האָבן דאָך אָנגעזאָגט היטלערן מילחמה. היינט איז רואיקער ווי נעכטן און אייערנעכטן.

מיר זיינען אָנגעקומען צו דער ערשטער כאַטע אין אַ דאָרף. אינעם שייער זיינען דאָ געלעגן אויף שטרוי עטלעכע צענדליק „לויפערס", צווישן זיי עטלעכע זעלנערס מיט ביקסן. זיי האָבן דאָ געוואָרט ביז ס'וועט פינצטער ווערן, כדי אין דער נאַכט גיין קיין וואַרשע. דער גאַנצער אַרום איז געווען טויט. מען האָט אַפילו נישט געזען און נישט געהערט קיין פייגעלע. איך האָב אַריינגעקוקט דורך דער ברייטער שפּאַרע פון טויער אין שייער אַריין, און איך האָב געזען, אַז אַלע ליגן שטיל. איין פּאָליאַק האָט צו מיר אַרויסגעשריגן: „פאַר וואָס ליגט איר נישט ערגעץ באַהאַלטן? אַז דער שונא וועט אייך זען, וועלן מיר אַלע אומקומען!" מען האָט אונדז געעפנט דעם טויער, און איך מיט דער קוזינקע זיינען אַריינגעגאַנגען. אַלע האָבן אונדז באַגעגנט מיט בייזע בליקן: „ליגט אייך ערגעץ אַנידער!" האָט איינער באַפעלעריש געשריגן. מיר האָבן אַזוי געטאָן. מען האָט אַרויסגעשיקט אַ ציוויל־געקליידטן מיט אַ קרוג נאָך וואַסער. אַזוי ווי ער איז נאָר צוריקגעקומען, האָט זיך דערהערט אָנקומען אַ באָמבאַרדיר־עראָפּלאַן. וואָס נענטער ער איז געקומען, האָט מען דערפילט זיין מעכטיקן כוח. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט נידעריק. מיר האָבן אים געפילט איבער אונדז. די ערד האָט געציטערט און

דער שייער האָט זיך געטרייסלט. אַלע האָבן מורא געהאַט, אַז אָט־אָט וואַרפט ער אויף דעם שייער אַ צינדבאָמבע און אין איין אויגנבליק וועט פון אַלעם און פון אונדז פלאַמען־פייער. עס האָט מיר באַנג געטאָן, פאַר וואָס איך בין דאָ אַריינגעגאַנגען, פאַר וואָס איך בין נישט געגאַנגען זיך באַהאַלטן ערגעץ אין אַ קוסטע. דער מענטש איז שוין אַזאַ באַשעפעניש: עס ציט אים צו מענטשן.

ווען ס׳איז צוגעפאַלן די נאַכט, זיינען אַלע לויפערס אַרויס פון שייער. טייל זיינען אַריינגעגאַנגען צום באַלעבאָס, איך — אויך. צענדליקער געקוילעטע הינער זיינען געלעגן גרייט אָפּצופּאָקן. „איך האָב די הינער געשאָכטן, כדי די דייטשן זאָלן זיי מיר נישט צונעמען״ — האָט דער פויער געזאָגט, — „וואַרט צו, וועט איר זיי אויפעסן״ — האָט ער געבעטן די לויפערס. נאָר די לויפערס האָבן נישט געוואָלט פאַרזאַמען: „אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט וועלן מיר אָנקומען וואָס גיכער קיין וואַרשע״.

דער פויער וויל אַוועקוואַרפן די הינער־לעבערלעך, נעם איך זיי און בראָט זיי אויף די רויטע האָלצקוילן אין ליימענעם קעכל און איך עס זיי אויף. אַ שטאָטישער פּאָליאַק האָט אין דער שטיל געהעצט די פויערישע מישפחה, אַז איך בין אַ ייד; זיי האָבן זיך אָבער נישט געלאָזט אויפהעצן. איך האָב באַלד פאַרלאָזט די כאַטע.

אויפן וועג קיין וואַרשע האָט מיין קוזינע זיך באַפריינדט מיט איינעם פון די לויפערס און זי איז אַוועק מיט אים.

נאָכן אָפּגיין נאָך אַ האַלבע שעה, האָט מיר אָנגעהויבן וויי טאָן דער רעכטער פוס. איך גיי נאָך אַ ביסל, אָבער דער פוס איז מיר אָפּגעשטאָנען — איך קאָן נישט שטעלן קיין טריט. דער „פּוזשיגוב״ איז מיר געשוואָלן. איך האָב געפּרואווט אָפּשטעלן עטלעכע מענטשן, אפשר וועלן זיי מיר קענען העלפן, אָבער קיינער האָט מיך נישט געוואָלט הערן, אַלע האָבן געאיילט קיין וואַרשע. איין יונגער פּאָליאַק, וואָס איז געפאָרן אויף אַ ראָווער, האָט זיך יאָ אָפּגעשטעלט. איך האָב אים דערציילט פון מיין אומגליק. איך האָב שוין דעם פוס נישט געקענט אַראָפּשטעלן אויף דער ערד. איך האָב אים געפרעגט: „וואָס וועט זיין מיט מיר?״ האָט ער מיר געענטפערט: „זייער שלעכט! נישט גוט! דו וועסט דאָ מוזן אומקומען. דער שונא איז שוין הינטער אונדז״.

עס האָט מיר געגעבן אַ ריס אין האַרץ און אַ קעלט איז מיר אַדורך איבערן לייב: „איך בין נאָך יונג, איך וויל נאָך לעבן״ — האָב איך אים געענטפערט מיט שרעק און געבעט אין מיין שטים.

„פאַרפאַלן! ס'איז מלחמה!" האָט ער צוגעוואָרפן און איז גיך אַוועק־געפאָרן.

איך האָב געמוזט רעזיגנירן פון ווייטער גיין. איך בין אַריבערגע־שפרונגען אויפן לינקן פוס איבערן ברייטן רינשטאָק און איך האָב מיך אַנידערגעלייגט ביים עק וואַלד. דער שאָסיי האָט דורכגעשניטן אַ וואַלד. ליגנדיק האָבן די ווייטיקן מיך אָפּגעלאָזט. איך בין געווען אַזוי שטאַרק מיד און אויסגעשעפּט, אַז כ'בין באַלד איינגעשלאָפן.

איך לויף צוריק קיין לאָדזש

דאָס איז שוין געווען דער אַכטער טאָג אין דער מלחמה — פרייטיק, דעם 8־טן סעפּטעמבער, 1939. דער פוס האָט מער נישט ווי געטאָן. „לויפערס" זיינען נאָך אַלץ געגאַנגען קיין וואַרשע. דער הימל איז געווען אַ לויטערער, די זון האָט זיך גערוקט העכער און העכער. דער סאָסנעוואַלד האָט באַשאָטנט דעם שאָסיי. איך האָב אָנגעהויבן צו גיין קיין וואַרשע און עס האָט זיך צו מיר צוגעבונדן אַ מיטליאָריקער ייד, אַ שוואַכער, אַ נידעריקער, מיט אַ באַוואָקסן פּנים. איבערן שאָסיי, פון ביידע זייטן אַרום די רינשטאָקן, זיינען געלעגן נישט־אויפגעריסענע באָמ־בעס פון פאַרשיידענער גרייס. קיין מיליטער זעט מען דאָ לגמרי נישט, נאָר בלויז ציווילע לויפערס. טייל גייען אַריין אין גערטנער, אין הייזער. די באַלעבאַטים זיינען אַנטלאָפן. די הונגעריקע זוכן עפּעס צו עסן. אַפילו פון די ביימער זיינען אָפּגערייניקט געוואָרן די פרוכטן דורך די הונגע־ריקע לויפערס. טייל זיינען געבליבן ליגן אין די גערטנער, ווייל די פיס טראָגן זיי שוין נישט. עס איז שטיל: מען הערט נישט שיסן, מען הערט נישט און מען זעט נישט קיין עראָפּלאַן. דאָס גיט מיר ביטחון: איך גלייב, אַז די פּוילישע אַרמיי האָט פאַרטריבן די דייטשן און אַז ענגלאַנד און פראַנקרייך האָבן איינגענומען דייטשלאַנד. אַזוי מאָלט אויס מיין פאַנטאַזיע, ווייל דער מענטש טרוימט פון דעם, וואָס ער באַגערט.

ווען כ'האָב מיך אַ ביסל אָפּגערוט אין אַ גאָרטן, בין איך צוריק אַרויף אויפן שאָסיי. דער וועג איז שוין נישט געווען אַזוי איבערגעפּאַקט

מיט לויפּערס. איך גיי שוין אַן ערך צוויי שעה מיט קליינע גרופּן לויפּערס. די גאַנצע צייט קוקן מיר אויפן הימל און מיר שטרענגען אָן דעם חוש השמיעה צו דערהערן דעם געוויש פון עראָפּלאַנען. אַזוי ווי מען האָט נישט געזען קיין צייכן פון שונא, האָבן אַלע אין דעם געזען אַ גוטן סימן. פון דאַנען איז נאָך געווען אַריבער דרייסיק קילאָמעטערס קיין וואַרשע. האָב איך באַשלאָסן נישט צו איילן זיך, גיין לויט מיינע כוחות. פּלוצלונג האָבן מיר דערהערט רוישן אַן עראָפּלאַן. מאָמענטאַל זיינען מיר אַריינ־געלאָפן אין וואַלד אַריין. אַן אָפיציר האָט געעצהט מיר זאָלן נישט ליגן צוזאַמען, נאָר צעוואָרפן צו איינצלנע. איך ליג לעבן אַ בוים. דער עראָ־פּלאַן קומט אַלץ נענטער. די ערד ציטערט, דיביימער טרייסלען זיך פון זיין גרויסער קראַפט.

אַרויס פון וואַלד אויפן שאָסיי און כ'בין ווידער געגאַנגען קיין וואַרשע. ווען כ'בין אָפּגעגאַנגען אַ ביסל, האָב איך באַמערקט, אַז אין וואַלד געפינען זיך מענטשן. אַזוי ווי כ'בין געווען מיד, בין איך צוגעגאַנגען צו זיי. דאָס איז געווען אַ געשלאָסענע גרופּע יידישע יונגעלייט, אפשר חלוצים. זיי האָבן זיך איינגעטיילט דאָס עסן, וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט — גלייך אויף גלייך. נאָך דעם עסן האָט דער אָנפירער אַרויסגענומען אַ פּאַפּירן טאָר־בעלע מיט קאַרמעלקעס און יעדן געגעבן איינס. מיך האָט ער אויך מכבד געווען. איך האָב אים געדאַנקט. דאָס צוקערל האָט מיר נאָס געמאַכט אין מויל און האַלדז, וואָס זיינען שוין געווען טרוקן. איך האָב אים גע־פרעגט: „וואוהין גייט איר אַלע?" — האָט ער מיר געענטפערט אַנטשלאָסן: „מיר וועלן אַזוי לאַנג גיין, ביז מיר וועלן קומען קיין ארץ־ישראל!"

איינער האָט דערציילט: „מען זאָגט, אַז מען לאָזט שוין נישט אַריין קיין וואַרשע, ווייל וואַרשע איז שוין איבערגעפּאַקט". אַ צווייטער האָט דערציילט: „די אָפיצירן האָבן געהייסן, אַז יעדער זאָל אַלצדינג נעמען פון די מיליטערישע מאַגאַזינען: מונדירן, שינעלן, שיך, זייף, קאָנסערוון, ברויט, סוכאַרעס און פּאַפּיראָסן און אַלצדינג, כדי דאָס זאָל נישט אַריינ־פאַלן צו די דייטשן".

איך הער אויך אַ געפּאָרעריי אויפן שאָסיי. וואָס קאָן דאָס זיין? פּלוצ־לינג איז צו מיר צוגעלאָפן אַן אַכצן־יאָריקער פּוילישער בחור און אַ שריי געגעבן צו מיר מיט שאָדנפרייד: „די דייטשן זיינען שוין דאָ, זשידזשע!"

איך האָב געוואוסט, אַז כ'בין אַ פאַרלוירענער און עס האָט מיר ווייז געטאָן פאַר וואָס כ'האָב פאַרלאָזט די היים. דאָס רוישן אונטערן הימל און אויפן שאָסיי האָט זיך דערנענטערט. עס איז צו מיר צוגעקומען

אַ מיטליאָריקער שטאָטישער פּאָליאַק און צו מיר געזאָגט: „די דייטשן זיינען שוין דאָ! זשידקו! (יידל) דו האָסט געהערט, וואָס זיי שרייען? ׳יודען הערויס! יודען הערויס!׳ ״ — האָט ער זיך מיט מיר גערייצט און איז אַוועק.

איך האָב מיר אויסגעליידיקט די קעשענעס. איך האָב צעריסן אויף פּיץ־פּיצלעך דאָס אַנטי־נאַצי און אַנטי־מלחמה ליד, וואָס איך האָב גע־שאַפן אין טאָג פון מלחמה־אויסברוך. איך האָב אויך צעריסן די פּרעסע־קאַרטע פונעם ליטעראַרישן זשורנאַל „אינזל״, ווי אויך די רעצענזיע פון ל. מ. פּעטשעניק וועגן מיין ביכל לידער „יונג־גרין מאַי״. איך האָב אויך צעריסן מיין לעגיטימאַציע פון פּראָפעסיאָנעלן פּאַראיין. דאָס טאַשן־שפּיגעלע, וואָס אויף איין זייט איז געווען דאָס בילד פון אַלבערט איינ־שטיין, האָב איך אַנידערגעלייגט אויפן גראָז, כדי איך זאָל נישט פאַר־ניכטן דאָס בילד פון דעם גאון און גרויסן הומאַניסט. מיין פּאַס מיט דעם מיליטערישן ביכל האָב איך צוריק אַריינגעלייגט אין בוזעם־קעשענע. ווי עס מאַכט זיך, זאָל איך האָבן דאָקומענטן.

אַ מיטליאָריקער פּאָליאַק, אַן אַרבעטער, מיט זיין 19־יאָריקן זון, זיי־נען צוגעקומען נאָענט צו מיר. דער פאָטער האָט זיך אַנידערגעלייגט אויף אַ זייט, אונטערגעשפּאַרט אַ האַנט אונטער דער גאָמבע, האָט געוויינט אויפן הויכן קול. טרערן זיינען אים גערונען: „סיני! מיין זון! מיר זיינען שוין אין געפענגעניש. מיר זיינען שוין פאַרשקלאַפט. איך וויים פון דער היס־טאָריע, וואָס דאָס איז פאַרשקלאַפט זיין אונטער די שוואָבן. פּוילן, פּוילן, ביסט שוין אין געפאַנגענשאַפט״. דער זון האָט אויף אים געקוקט גלייכ־גילטיק. ער האָט נישט פאַרשטאַנען דעם פאָטערס רייד. דאָס איז געווען דער איין־און־איינציקער פּאָליאַק, וואָס איך האָב געזען קלאָגן אויפן חורבן פּוילן.

אַצינד, אַז כ׳האָב שוין בודק געווען מיינע קעשענעס, בין איך אַרויס פון וואַלד אויפן שאָסיי. פון ביידע זייטן וואַלד, אַריינגעלאָזט די פיס אין די רינשטאָקן, זיינען געזעסן „לויפערס״ און האָבן באַגריסט די אָנקו־מענדיקע דייטשע אַרמיי מיט דעם היטלעריסטישן סאַלוט: „הייל! הייל!״ נאָר טייל זעלנערס האָבן צוריק געגריסט. איך האָב מיך אויך אַנידער־געזעצט און כ׳האָב אויך געמוזט באַגריסן. אָבער אין האַרץ איז מיר געווען זייער־זייער שלעכט. איך האָב געוואוסט, וואָס היטלער האָט געטאָן צו די יידן און צו די הומאַנע מענטשן אין דייטשלאַנד, אין עסטרייך

און טשעכיע. איך האָב אויך געהאַט געלייענט דאָס „ברוינע בוך”. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז די יידן אין פּוילן זיינען פאַרלוירן.

פּאַרויס, ווי אַ וועגווייזער, גאַנץ נידעריק איבערן שאָסיי, איז געפלויגן אַן עראָפּלאַן. אַ ביסל ווייטער אויףביידע זייטן שאָסיי זיינען געפלויגן צו איינציקע קליינערע עראָפּלאַנען. דאָס האָט געשאַפן אַ „סגל”. דערנאָך זיינען אין מיטן שאָסיי געפאָרן צוויי מאָטאָרציקלען אַהין־און־צוריק. דערנאָך איז אָנגעקומען די מאָטאָריזירטע אַרמיי: אויף גרויסע, גרויע טאַנקען זיינען געפאָרן יונגע, אויסגערוטע זעלנערס, גלאַטיק־ראַזירטע, זאַט־אָנגעגעסענע, אין שיינע מונדירן, מיט זיכערקייט, אָן שרעק, מיט אַזאַ פריילעך געמיט, ווי מען פאָרט אויף אַ שימחה; אויף יעדן טאַנק איז געווען אַ לופּע, וואָס איין זעלנער האָט זי געריכט אויף ביידע זייטן צו די „לויפערס”. עס האָט אויסגעזען, אַז אָט־אָט שיסן זיי צו אונדז; טייל זעלנערס, וואָס האָבן נישט באַדינט קיין מאַשין־געווער, האָבן געהאַלטן גרויסע רעוואָלווערן, מיטן פינגער אויפן ציִנגל, אויסגעשטרעקט צו די לויפערס.

דערנאָך זיינען געפאָרן: האַרמאַטן, געשלעפּט פון מאַשינען (נישט אַזוי ווי די פּוילישע האַרמאַטן, וואָס זיינען געשלעפּט געוואָרן פון פערד). דערנאָך — הונדערטער לאַסטוועגענער מיט שיינע אויסגערוטע פערד. איך האָב מיך דערמאָנט, ווי די פּוילישע קאַוואַלעריע איז אויס רחמנות צו די אויסגעהונגערטע פערד אַליין געגאַנגען צו פוס און געפירט די פערד ביים צוים. דאָס פּוילישע מיליטער האָט באַוואונדערט ווי איין דייטשער זעלנער שיסט מיט זיין מאַשינביקס פון צוויי זייטן און יעדע זייט שיסט אויס מיט איין מאָל צו צען קוילן. פּוילן האָט אויף אַזאַ זאַך געמוזט אַוועקשטעלן צען זעלנערס אויף איין זייט און צען זעלנערס אויף דער צווייטער זייט, מיט צוואַנציק ביקסן. און נאָך עפּעס: דורך דער צייט, וואָס די פּוילישע ביקסן האָבן געגעבן איין זאַלפּ, האָבן אָט־די דייטשישע ביקסן געגעבן פיר זאַלפּן, ד״ה, פיר מאָל צו צוואַנציק זאַלפּן. זיי האָבן פיר מאָל גיכער געשאָסן.

דערנאָך איז געפאָרן די פּיעכאָטע. די פּוילישע פּיעכאָטע איז קיין מאָל נישט געפאָרן, נאָר געגאַנגען צו פוס. און דערנאָך איז געפאָרן אַ ראַדיאָ־סטאַנציע.

דאָס מיליטער האָט כסדר געגעסן שאָקאָלאַד, קאַרמולקעס, צוקערלעך, ביסקוויט. טייל האָבן צוגעוואָרפן צו די „לויפערס”: צוקערלעך, ביסקוויט, קאַרמעלקעס און אויך ברויט. דאָס האָבן זיי געטאָן, כדי מיר

זאָלן מיינען, אַז זיי זיינען גוטע און פריינדלעכע. מיר, די אויסגעהונגער־טע, האָבן דאָס געכאַפּט און האָבן זיך מחיה געווען. איך האָב איבערגע־לייענט און געזען, אַז דאָס אַלץ איז פּוילישע אויסאַרבעטונג: די דייטשן האָבן שוין באַוויזן דאָס אָנצורויבן.

פּאַליאַקן האָבן אַצינד געזאָגט:

— די דייטשן זיינען גוט!

— ווער האָט באַדאַרפט מילחמה האַלטן!

— מען האָט באַדאַרפט די דייטשן אַלץ אָוועקגעבן, נישט נאָר דאַנ־ציק און גדיניע, נאָר גאַנץ פּוילן!

— די זשידעס האָבן געוואָלט מילחמה, ווייל זיי האָבן מורא פאַר היטלערן!

— אונדז פּאַליאַקן וועט אַצינד בעסער זיין, ווייל ביים דייטש איז דאָ אַ סך אַרבעט. נאָר די זשידעס וועט ער באַצאָלן, ווייל זיי האָבן אונדז אַריינגעשלעפּט אין אַ מילחמה!

— נו, יאָ, די זשידעס האָבן געגעבן געלט, מיר זאָלן זיך באַוואָפע־נען און פירן מילחמה!

— ווען די זשידעס גיבן נישט אַזוי פיל געלט, וואָלטן מיר נישט אַרויס אין מילחמה!

— די זשידעס האָבן געגעבן צו ווינציק געלט, דערפאַר האָבן מיר פאַרשפּילט די מילחמה!

די רייד פון די פּאַליאַקן האָבן מיך געביסן ווי שלאַנגען.

עס קומען נאָך הונדערטער טאַנקען, דערנאָך מיליטער אויף הונדערטער מאָטאָרציקלען און ווידער האַרמאַטן און אויף יעדער האַרמאַט צו זעקס זעל־נערס, וואָס עטלעכע פון זיי האַלטן גרויסע פּיסטוילן אויסגעצויגן צו די צוקוקערס. טייל האָבן געקוקט מיט אַ מינע פון מערדערס, טייל סאָלדאַטן סאַלוטירן און רופן אויס: „הייל!" און די צוקוקערס ענטפערן: „הייל! הייל", אויפהייבנדיק די האַנט.

די גאַנצע אַרמיי מאַרשירט, אויספּלאַנירט „קינסטלעריש". דאָס פאַר־כאַפּט ס'אויג. צו פיר טאַנקען אין דער ברייט, צו פיר האַרמאַטן אין דער ברייט. פאָרן אין די הונדערטער, פּינקטלעך ווי אויף אַ האָר אָפּגערוקט, די זעלביקע דיסטאַנץ, איינער פון צווייטן. די דייטשע אַרמיי מאַרשירט אויף וואַרשע. און די „לויפערס" גייען שוין צוריק אַהיים. איך האָב באַ־שלאָסן צוריק צו גיין קיין לאָדזש.

צוריקגייענדיק קיין לאָדזש, האָב איך געזען אַ בודקע אויפן שאָסיי.

בין איך אַריינגעגאַנגען. איך האָב גערעכנט, אפשר וועל איך דאָ קאָנען קויפן עפּעס צו עסן, אָדער אַ שטיקל זייף. איך האָב מיך נישט געהאַט געוואַשן און נישט אָפּראַזירט אַזוי פיל טעג. איך האָב דאָ געטראָפן אַ צום־טויט־דערשראָקענעם ייִד, מיט אַ לאַנגער, שיינער באָרד, מיט ליידיקע פּאָליצעס. בלויז קליינע פּעקלעך כלאָריק זייען געלעגן. האָב איך מיר געהייסן געבן איינס און געפרעגט, וויפל עס קאָסט. האָט ער מיר גע־ענטפערט: "גאָרנישט". איך בין אַרויס מיט דעם פּעקעלע כלאָר און כ'בין ווייטער געגאַנגען. באַלד האָבן איך אָנגעטראָפן אַ שמאָל טייכל, האָב איך מיך אָפּגעוואַשן מיטן כלאָר און מיך ווייטער געלאָזט גיין קיין לאָדזש. איך האָב מיך געוואָקלט פון אָפּגעשוואַכטקייט, אַזוי ווי אַ צעבראָכענער זקן.

אַן אָפיציר, וואָס איז געפאָרן אויף אַ מאָטאָרציקל, האָט זיך אָפּגעשטעלט און אַ געשריי געטאָן צו מיר:

— פאַרשטייסטו דייטש?!

— "יאַוואָל!" — האָב איך אים דרייסט געענטפערט.

— פון וואַנען קאָנסטו דייטש!

— איך האָבע געלערנט אין שולע.

— ביסטו יודע?

— ניין!

— וואָס פאַר אַ סאָלדאַט ביסטו, אַז דו האָסט נישט קיין ביקס און קיין מונדיר?

— איך בין נישט קיין סאָלדאַט.

— אַלע, וואָס זיינען דאָ אויף די וועגן, זיינען סאָלדאַטן. אויב דו ביסט נישט קיין זעלנער, פאַר וואָס ביסטו נישט אין דער היים?

— די רעגירונג האָט דורכן ראַדיאָ באַפוילן: אַלע מענער זאָלן פאַר־לאָזן לאָדזש און גיין קיין וואַרשע, און די רעגירונג מוז מען פאָלגן.

— זאָג מיר, איז נאָך ווייט קיין וואַרשע?

— איך ווייס נישט גענוי.

ער האָט געזאָגט: "צום ווידערזען!" און איז ווייטער געפאָרן אויפן וועג קיין וואַרשע.

די זון האָט אַלץ געשיינט פון אַ לויטערן הימל און געוואָרעמט מיט איר גאַנצער קראַפט. איך האָב געפונען אַ פלאַש, בין איך צוגעגאַנגען צו אַ ברונעם. כ'האָב מיך אָנגעטרונקען מיט וואַסער, אָנגעפילט די פלאַש מיט וואַסער און כ'בין ווייטער געגאַנגען. עס זיינען דאָ כסדר געפאָרן זעלנערס אויף מאָטאָרציקלען.

איך בין געגאַנגען, ווי דער שטייגער איז: אויף דער רעכטער זייט. פּלוצלינג האָט עס מיך עפּעס געגעבן אַ צי, איך זאָל אַריבערגיין אויף לינקס און כ׳בין געגאַנגען. אין מיטן שאָסיי איז מיר איינגעפאַלן: וואָס פאַר אַ נאַרישקייט טו איך? אָבער ס׳האַרץ האָט מיך נישט געלאָזט צו־ריקגיין. ווען כ׳בין שוין געווען אויף דער לינקער זייט, איז אויף רעכטס אָנגעפאָרן אַ שווערער טאַנק, דער שאָפער האָט פאַרלוירן די קאָנטראָל און דער טאַנק האָט זיך שנעל געגעבן אַ דריי־אויס אין רינשטאָק אַריין, אויף דעם אָרט, וואו איך האָב געדאַרפט גיין — האָב איך געזען, וואָס פאַר אַ נס עס האָט אַצינד מיט מיר געטראָפן: ווען איך פאָלג נישט מיין אינטואיציע, נאָר דעם שכל, וואָלט שוין פון מיר אַצינד געווען קרעפּל־פלייש. אין דעם האָב איך געזען אַ צייכן, אַז איך וועל איבערלעבן די מילחמה; און די גאַנצע פינף און אַ האַלב יאָר, וואָס איך בין געווען אונטער די נאַציס, האָב איך אין יעדער געפאַר געזען דעם דאָזיקן צייכן און דאָס האָט מיך געמאַכט גלייבן, אַז איך וועל מיך אַרויסדרייען פון דער געפאַר. איך האָב מיך באַמיט יעדע געשעעניש גענוי צו זען און גוט איינקריצן אין זיכרון, כדי איך זאָל נאָך דער מילחמה קאָנען דער־ציילן מיט מיין פען. איך האָב אויסצופירן אָט־די שליחות.

ווען כ׳בין אָפּגעפאָרן אַן ערך צען מינוט, האָט מיך ווידער אָפּגע־שטעלט אַן אָפיציר אויף אַ מאָטאָרציקל:

— שפּרעכסטו דויטש?

— צאָ? צאָ? (וואָס? וואָס?) — האָב איך אים געפרעגט אויף פּוי־ליש — צאָ פּאַן פּיטאַ? (וואָס פרעגט דער הער?).

אַצינד האָט ער צו מיר גערעדט אין אַ פּרעכטיקן פּויליש:

— ביסט אַ ייד?

— ניין.

— וואָס האָסטו אין פלאַש?

— וואַסער.

— גיב מיר אַ ביסל וואַסער.

איך האָב אים דערלאַנגט.

— טרינק דו פריער — האָט ער געזאָגט.

איך האָב געכאַפּט די פלאַש צום מויל און כ׳האָב אויסגעטרונקען אין איין אָטעם אפשר אַ האַלבע פלאַש, ווייל כ׳בין נאָך אַלץ געווען דורש־טיק סיי פון דער גרויסער היץ און סיי פון דעם שטויב.

— גענוג! גענוג! — האָט ער געזאָגט. ער האָט גענומען די פלאַש און נאָר געגעבן איין שלוק און זי מיר צוריקגעגעבן.

— פאַר וואָס טרינקסטו אַזוי ווייניק? — האָב איך אים געפרעגט.

— ווייל טרינקען אַ סך וואַסער איז נישט געזונט. דו ביסט אַ זעלנער. וואו האָסטו די ביקס?

— ניין, איך בין נישט קיין זעלנער.

— טאָ פאַר וואָס ביסטו אַנטלאָפן?

— ווייל דורכן ראַדיאָ האָט אַזוי די רעגירונג געהייסן. האָב איך אויסגעפירט דעם באַפעל. קאָן איך שוין צוריק אַהיים גיין?

— וואוהין?

— קיין לאָדזש.

— אָ, לאָדזש? לאָדזש האָבן מיר שוין לאַנג פאַרנומען. זיכער קאָנסטו שוין אַהיים גיין.

— די דייטשע זעלנערס שיסן און באָמבאַרדירן. איך האָב מורא צוריקצוגיין.

— דאָס איז נישט אמת.

— יאָ, ס'איז אמת. איך האָב דאָס אַליין געזען.

— אַז די פּאָליאַקן שיסן אויף אונדז, מוזן מיר צוריקשיסן. פאַרשטייסטו? אַז וואַרשע וועט זיך אונטערגעבן, וועלן מיר נישט שיסן. מיר ווילן נישט קיין מלחמה.

— איך הונגער שוין עטלעכע טעג. איך האָב נאָך היינט גאָרנישט געגעסן. אפשר האָסטו ברויט? איך האָב געזען, ווי די דייטשע זעלנערס האָבן געטיילט ברויט.

ער האָט פון אַ לעדערנער טעקע אַנגענומען אַ פולע האַנט מיט ביסקוויט, אַ וואָרף געטאָן אויפן גראָז און אַוועקגעפאָרן. איך האָב צוזאַמענגעקליבן, געגאַנגען און געגעסן. די דאָזיקע „הערבאַטניקעס" זיינען אויסגעאַרבעט געוואָרן אין פוילן: ס'איז געווען אַן אויפשריפט אין פויליש „הערבאַטניקי".

איך האָב געטראַכט: דער דאָזיקער אָפיציר איז זיכער פון די דייטשן, וואָס זיינען געבוירן און דערצויגן געוואָרן אין פוילן, און ווען היטלער איז געקומען צו דער מאַכט, האָבן זיי זיך אַריינגעשוואַרצט קיין דייטשלאַנד צו דינען דעם „פאָטערלאַנד". אַצינד העלפן זיי אָקופירן פוילן.

עס איז צו מיר צוגעקומען אַן אַלטער פויער און געזאָגט: „דו ביסט אַ ייד, קענסטו דאָך רעדן דייטש". ער האָט מיך צוגעפירט צו אַ דיי-

טשישן אָפיציר אויף אַ מאָטאָרציקל און ער האָט מיך געבעטן: — זאָג אים אין דייטש, אַז ביי מיר אין הויף שטייט אַ וואָגן מיט אַמוניציע, וואָס די פוילישע אַרמיי האָט איבערגעלאָזט.

איך האָב דאָס איבערגעגעבן דעם אָפיציר, האָט ער געזאָגט: „גוט. איך האָב נישט קיין צייט".

איך האָב אים געפרעגט: „וואוהין פאָרסטו?"

„קיין וואַרשע!" האָט ער איילנדיק געענטפערט.

איך האָב געוואָלט וויסן, צי וואַרשע איז שוין געפאַלן, האָב איך אים אַ פרעג געטאָן: „ווען וועסטו זיין אין וואַרשע?"

האָט ער אַ קוק געגעבן אויף זיין האַנטזייגערל און אַ זאָג געטאָן: „אין פיר שטונדן!" און איז אַוועקגעפאָרן. פון דעם האָב איך געדרונגען, אַז וואַרשע איז שוין אויך געפאַלן. דער אמת איז געווען, אַז וואַרשע האָט נאָך געקעמפט אַריבער דריי וואָכן.

ווען כ'בין צוגעקומען נאָענט, וואו עס קרייצן זיך די וועגן, האָב איך באַמערקט, ווי די דייטשן פאַנגען די „לויפערס", האָב איך אַראָפּ־געדרייט פון שאָסיי אויף די פעלדער. דאָ האָב איך באַגעגנט אַ יידישן יונגנמאַן פון לאָדזש — אַ שניידער, אַ דאַרער, פון העכערן וואוקס, אַ שיקל־דיקער, מיט אַ פנים באַשפּריצט מיט ברוינע פּיעגעס. ער האָט אויסגע־זען ווי אַ פּויער. ער האָט געהייסן יצחק. מיר זיינען געגאַנגען צוזאַמען. אויפן וועג האָבן מיר געזען, ווי אַ פוילישער פּאָליציאַנט איז צוגעגאַנ־גען צו עטלעכע דייטשישע זעלנערס און מיט אַ שמייכל און אונטער־טעניקייט זיי אָפּגעגעבן זיין ביקס. ער האָט אויך אַראָפּגענומען דעם לע־דערנעם רימען און איבערגעגעבן. דער אָפיציר האָט אים געגעבן עט־לעכע צוקערלעך. ער האָט געדאַנקט, בייגנדיק זיך ווי אַ שקלאַף פאַר זיין פּריץ. ער האָט מיט הנאה געגעסן די צוקערלעך.

— זעסטו — האָב איך געזאָגט צו מיין מיטגייער — ער איז דאָך ביז נאָר־וואָס געווען די פוילישע מאַכט אַליין. זע נאָר ווי ער חנפעט זיך צו די דייטשן. אָן אמתע הינטישע נשמה. ניין, אַזעלכע ברואים זיי־נען נישט ווערט צו האָבן די פרייהייט.

— אים וועט גאָרנישט פעלן — האָט מיר יצחק געענטפערט. — ביז היינט האָט ער געדינט דער פאַשיסטיש־סאַנאַטאָרישער רעגירונג און אַצינד וועט ער דינען די נאַציס. פּאָליציי מוז מען אומעטום האָבן.

דער פּאָליציאַנט איז אַריינגעגאַנגען אין וואַלד און איז געקומען צו לויפן מיט נאָך אַ ביקס און זי איבערגעגעבן מיט אַ חניפה־שמייכעלע.

דער אָפיציר האָט אים געגעבן נאָך עטלעכע גראָשנדיקע צוקערלעך. די ביקס איז מסתם געווען פון אַ פּאָליציאַנט, וואָס האָט זי אַוועקגעוואָרפן און ער איז געלאָפן ערגעץ איבערטאָן זיך, כדי ער זאָל נישט אַריינפאַלן צו די דייטשן.

מיר זיינען נאָך טיפער אין די פעלדער אַריינגעגאַנגען. די זון איז שוין געווען גאַנץ נידעריק, און מיר האָבן דערזען פון גאַנץ ווייט אַ דאָרף. מיר האָבן באַשלאָסן דאָרטן איבערנעכטיקן, ווייל פון זעקס פאַר נאַכט ביז אַכט אין דער פרי האָט זיך קיינער נישט געטאָרט געפינען אין דרויסן. מיר האָבן זיך צונויפגעטראָפן מיט אַ גרופּע פּאָליאַקן פון לאָדזש, וואָס זיינען אָנגעקומען פון אַ צווייטן וועג און זיינען אויך געגאַנגען צו דעם דאָרף, ווייל עס איז געלעגן ווייט פון שאָסיי. זיי האָבן דערקענט, אַז מיר זיינען יידן, און באַלד האָט זיך עס אָנגעהויבן:

— העי, זשידקי! איר זענט שולדיק אין קריג! — האָט אָנגעהויבן אַ יונגער פּויער, — ווייל איר, זשידעס, האָט געגעבן געלט צו פירן קריג קעגן היטלערן!

— די זשידעס זיינען שולדיק, ווייל זיי האָבן צו ווייניק געלט גע־געבן. ווען די זשידעס וואָלטן געווען געגעבן גענוג געלט, וואָלטן מיר זיך געווען גוט באַוואָפנט און די דייטשן וואָלטן געווען מורא געהאַט מיט אונדז, פּאָליאַקן, אָנצוהייבן אַ מילחמה. יידן האָבן דעם קאַפּיטאַל!

— ריכטיק! — האָט דער פריערדיקער צוגעשטימט. — די זשידעס, אַלע זשידעס זיינען קאַפּיטאַליסטן!

— דו ביסט דאָך אַן אַרבעטער — האָב איך אים געזאָגט — שעמסטו זיך נישט אַזוי צו רעדן?

— איך בין אַ פּע. פּע. עסאָוויעץ (אַ פּוילישער סאָציאַליסט).

— דו געהערסט צו דער פּע־פּע־עס? אַזוי לערנט די פּע־פּע־עס?

— זיכער געהער איך צו דער פּע־פּע־עס, און דו, פאַרשיווער זשיד, זאָג מיר נישט, וואָס פּע־פּע־עס לערנט, ווייל איך ווייס בעסער. — ער האָט אויפגעהויבן צו מיר די ידים און די רויטע יוכבע איז אים געקו־מען אין פּרצוף אַריין — איך וועל דיך צעדריקן ווי אַ וואַנץ, דו פאַר־שיווע זשיד! היטלער וועט אייך, זשידעס, שוין אָנלערנען!

איך בין פון אים אָפּגעשפּרונגען און כ׳בין מיט יצחקן צוזאַמען אַוועק פון דער גרופּע. איך בין טרויעריק געוואָרן, ווייל כ׳האָב געטראַכט: אויב אַפילו די פּאָליאַקן, וואָס געהערן צו דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי

און האַלטן זיך פּאַר סאָציאַליסטן, זיינען אַזוי פּאַרסמט מיט אַנטיסעמי־טיזם, איז אונדז, יידן, זייער־זייער שלעכט.

ווען מיר זיינען אַריינגעקומען אין דאָרף, האָבן מיר אַלע כּאַטעס געטראָפן פול מיט לויפערס, וואָס גייען שוין צוריק אַהיים. די פּויערים האָבן זיי גאַסטפריינדלעך אויפגענומען. זיי האָבן פּאַר זיי אָפּגעקאָכט קאַרטאָפל און געגעבן מילך. איך האָב באַמערקט אין פעלד אַן אָרעמע, אַלטע כאַטע, באַדעקט מיט שטרוי. האָב איך געזאָגט: „לאָמיר פּרואוון דאָרטן". מיר זיינען אַריינגעקומען, האָט אונדז פריינדלעך אויפגענומען אַ יונגע פּויערטע מיט אַ קליינטשיק קינד. דאָ איז נישט געווען קיין איין לויפער.

— שוין? ס'איז שוין אויס מילחמה? — האָט זי באַאיוו געפרעגט — געלויבט איז יעזוס קריסטוס. דאַרף דאָך מיין מאַן אויך אַהיים קומען. אפשר האָט איר אים ערגעץ געזען? מען האָט אים צוגענומען אין מי־ליטער מיט צוויי וואָכן צוריק.

איך האָב געטראַכט: ווי נאַאיוו זי איז — די מילחמה האָט זיך ערשט אָנגעהויבן. און איר מאַן? אפשר האָבן אים די דייטשן געפאַנגען. אָדער ווער ווייסט צי ער איז נישט געפאַלן אויפן פראָנט. איך האָב געזען אַ יונגע אלמנה מיט אַ יתומל. איך האָב זי געטרייסט: „שוועסטער, דיין מאַן וועט זיכער אַהיים קומען, נאָר עס וועט אַ ביסל דויערן, ווייל ער מוז גיין צו פוס, און עס איז דאָך אַ לאַנגער וועג. אויף איר יונג, שיין פּנים האָט זיך באַוויזן אַ שמייכל פון האָפענונג. זי האָט זיך פאַרטראַכט און זי איז צוריק טרויעריק געוואָרן.

די פרוי האָט אויף גיך אָפּגעשיילט קאַרטאָפל, אָפּגעקאָכט עס און אויך אויפגעקאָכט מילך. מיר האָבן געגעסן און זיך מחיה געווען. דער־נאָך האָט זי אָפּגעשניטן צוויי שטיקלעך פון אַן אייגן־געבאַקן, שוואַרץ ברויט און אונדז געגעבן צו פאַרבייסן און געזאָגט: „די מיל שטייט. ווער ווייסט, ווען איך וועל קאָנען צעמאָלן קאָרן, כ'זאָל קאָנען באַקן ברויט". דאָס ברויט האָט געהאַט אַן אויסערגעוויינלעכן טעם. איך האָב באַוואונ־דערט איר גוטהאַרציקייט.

נאָך דעם עסן האָב איך אַרויסגענומען געלט צו באַצאָלן. זי האָט נישט געוואָלט נעמען. איך האָב געבעטן, האָט זי גענומען. זי האָט גע־זאָגט, אַז מיר קאָנען שלאָפן אויפן בוידעם אויפן היי אָדער אין סטאָדאָלע אויפן שטרוי. מיר זיינען אַריין אין שייער, צוגעמאַכט דעם טויער און מיר האָבן זיך אַנידערגעלייגט אויפן שטרוי. איך האָב געזאָגט: „יצחק, עס

וואָלט געווען אַ גוטער פּלאַן, מיר זאָלן דאָ בלייבן אַ צוויי וואָכן: אפֿשר וועלן זיך אויסרוען און אפֿשר עס איז געפּערלעך אַצינד אויף די וועגן. דער־נאָך וועט זיך איינשטילן און די געפֿאַר וועט אַריבער".

— ניין! ראש־השנה וויל איך זיין אין דער היים! — האָט ער געזאָגט אַנטשלאָסן. מיר זיינען באַלד איינגעשלאָפֿן.

זעקס אין דער פֿרי האָט מיך יצחק אויפֿגעוועקט:

— שטיי אויף! מיר דאַרפֿן שוין גיין!

— פֿאָלג מיך, לאָמיר דאָ זיך אָפּרוען עטלעכע טעג, וועלן מיר מיט פֿרישע כּוחות שנעלער אַהיים קומען. דאָס האַרץ לאָזט מיך עפּעס נישט גיין און מיין האַרץ גענאַרט מיך קיין מאָל נישט אָפּ.

— קום! קום! איך וויל זיין ראש־השנה אין דער היים, צווישן יידן — האָט ער מיך געצויגן. און צום גרויסן אומגליק האָב איך מיך געלאָזט צורעדן.

אומרואיק, האַלב־פֿאַרשלאָפֿן זיינען מיר אַרויס אויפֿן הויף. איך האָב מיך אָפּגעוואַשן ביים ברונעם. דאָס וואַסער איז געווען קאַלט, אַז עס האָט געשניטן. אַ פֿאַראַבעק, אַ תּם, האָט שוין געאַרבעט ביי דער שטאַל. דער הימל איז געווען לויטער. די זון איז שוין אַרויסגעקראָכן פֿון יונגן וואַלד. די באַלעבאָסטע האָט אַרויסגעטראָגן אַ הילצערן שעפֿל מילך פֿון דער שטאַל. זי האָט נאָר וואָס אויסגעמאָלקן די קו. זי האָט אונדז באַגריסט און אונדז פֿאַרבעטן אויף פֿרישטיק. זי האָט באַלד גענומען שיילן קאַרטאָפֿל פֿאַר אונדז. האָט איר יצחק געזאָגט: „מען דאַרף נישט, מיר גייען שוין". האָט זי געזאָגט: „וואָס גייט איר אַזוי פֿרי? איך האָב גע־מיינט, אַז איר וועט דאָ זיין כאָטש עטלעכע טעג, וועט מיר זיין אַ ביסל היימלעכער. איך האָב געוואָלט פֿאַר אייך שעכטן אַ הינדל.

איך בין אַריינגעלאָפֿן צו מיין באַלעבאָסטע זיך געזעגענען. זי האָט מיר געוויזן, אַז די קאַרטאָפֿל קאָכן זיך שוין פֿאַר אונדז און זי האָט נאָך אַלץ געזאָגט, אַז מיר זאָלן דאָ בלייבן. זי האָט אָפּגעשניטן צוויי שטיק־לעך פֿון איר לעצטן ברויט און אונדז געגעבן. מיר האָבן איר שיין באַ־דאַנקט פֿאַר אַלעם, זיך געזעגנט און אַוועקגעגאַנגען. מיר האָבן דאָס שטיקל ברויט באַלד איינגעשלונגען.

די סטעזשקעס אויף די פֿעלדער און דער שאָסיי זיינען שוין געווען פֿול מיט צוריקגייענדיקע לויפֿערס. איך האָב באַשלאָסן נאָר צו גיין דורך די פֿעלדער, בשום אופֿן נישט מיטן שאָסיי. פּוילישע זעלנערס האָבן פֿון זיך אַראָפּגעוואָרפֿן די מונדירן, כּדי די דייטשן זאָלן זיי נישט פֿאַנגען.

זיי האָבן זייערע מונדירן, שינעלן און די שיך מיט טאָפּלטע זוילן אויס־געביטן ביי די פּויערים פאַר טראַנטעס און טרעפּעס (האַלצשיך). די פּויערים האָבן דאָס אויסגענוצט מיט ביטערקייט. טייל זעלנערס זיינען געבליבן באָרוועס. ווען מיר זיינען אָפּגעגאַנגען אפשר אַ שעה צייט, זיינען מיר צוגעקומען צו אַ סטעזשקע, וואו עס איז געשטאַנען אַ דייטשישער זעלנער און ער האָט העפלעך געוויזן די גייערס וואו מען זאָל גיין. קיינער האָט נישט געוואַגט נישט אויסצופאָלגן זיין אָנווייז. מיר זיינען אָפּגעגאַנגען אויף דער סטעזשקע אַן ערך אַ האַלבע שעה און מיר זיינען אַרויפגעקומען אויפן שאָסיי. דאָ איז געווען פול מיט צוריקגייענדיקע לויפערס. עס זיינען דאָ געשטאַנען צעוואָרפן דייטשע זעלנערס. זיי האָבן קיינעם נישט געטשעפּעט. זיינען געווען העפלעך, מען האָט אַפילו ביי זיי נישט געזען קיין געווער. זיי האָבן זיך געוואונדערט און באַדויערט, וואָס אַזוי פיל פּאָליאַקן גייען באָרוועס. „מיר, דייטשן, וועלן זיי געבן שיך", האָט איין זעלנער געזאָגט צו מיר. זיי האָבן אָפּגעשטעלט די באָר־וועסע און זיי געגעבן ברויט, ביסקוויט, צוקערלעך און פּאַפּיראָסן. איך האָב געטראַכט: ווי־און־וויבאַלד איז צום פּוילישן פאָלק: זיינע פירערס האָבן היטלערן אוועקגעגעבן חוץ שפּייז און אַנדערע סחורות אויך לעדער פאַר מיליאָנען דאָלאַרן אויף קרעדיט. זיי האָבן באַשוכט און באַשטיוולט די דייטשע אַרמייען און דאָס אייגענע פאָלק האָבן זיי געלאָזט באָרוועס, נאַקעט און הונגעריק.

פּויערטעס פון די אַרומיקע דערפער האָבן אַרויסגעבראַכט צו פאַר־קויפן אייער, מילך, קעז, פּוטער. די דייטשן האָבן אויף דעם געעפנט די אויגן און אויסגערופן מיט אַזאַ טאָן, אַזוי ווי זיי וואָלטן דערזען אַן אוצר אַראָפּגעפאַלן פון הימל:

— האַנס! אייער!

— פריץ! מילך! שמאַנטפּוטער! קעז!

זיי האָבן גיך אַלצדינג געקויפט און שוין פאַר פּויליש געלט.

— זעסטו, ווי פּוילן איז אַ לאַנד פון כל־טוב — האָב איך געזאָגט צו יצחקן — ביי „זיי" אין לאַנד האָבן זיי שוין יאָרן נישט געזען קיין שמאַנטפּוטער. זיי האָבן נאָר מאַרגאַרין און אויך דאָס איז אויף קאַרטן, און דאָך זיינען זיי אַזוי מעכטיק. אַצינד זע איך דעם גרויסן ליגן פון די אַלע פּרעסע־ידיעות, אַז די דייטשן האָבן נישט מיט וואָס צו פירן מילחמה. דאָס איז געווען אַ פאַרפירערישע פּראָפּאַגאַנדע!

פּוילן איז יאָ געווען צוגעגרייט צו פירן מילחמה מיט די דייטשן:

מיט אַ טאַמפּאָן פון גאַזע און מיט אַ פלעשעלע וואַסער מיט טייזאָדע צוצולייגן צו דער נאָז קעגן זייערע באָמבעס און גיפטיקן גאַז״ — האָט יצחק געזאָגט סאַרקאַסטיש.

אונטער ראַווע־מאַזאָוויעצק האָט אונדז אַן אָפיציר גאַנץ העפלעך געוויזן צו גיין לינקס, האָבן מיר אים געפאָלגט אַזוי ווי אַלע. מיר זייענען אָפּגעגאַנגען עטלעכע צענדליק טריט, האָב איך פּלוצלינג געזען, אַז איך געפין זיך צווישן אַ געדיכטער מאַסע און איך האָב געהערט שרייען אין דייטש: „היער! היער!״. איך בין געוואָרן געשטויסן און מיטגעשלעפּט פון דער מאַסע. איך האָב מיך אומגעקוקט און געזען, אַז כ׳געפין זיך אויף אַ פעלד, צווישן טויזנטער און טויזנטער מענער, וואָס זיצן אין זאַמד מיט די פיס אַרונטער. דער פּלאַץ איז געווען אַ גרויסער, אַרומגעצוימט פון אַלע זייטן, נאָר אין פראָנט האָבן די דייטשן אויפגעעפנט דעם צוים עטלעכע צענדליק מעטער, כדי אויף אַ דייטשיש־העפלעכן אופן אַריינצונאַרן די לויפערס. אַרום־און־אַרום איז דער פּלאַץ געווען באַוואַכט פון זעלנערס מיט מאַשינביקסן. איך האָב געזען, אַז כ׳בין געפאַנגען.

— נו, יצחק? וואָס האָב איך געזאָגט? וואָלט נישט בעסער געווען, ווען מיר בלייבן אויפן דאָרף אַ צוויי וואָכן? האָסט זיך געאיילט קיין לאָדזש, האַ?

יצחק איז געבליבן שטום און האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

עס איז צו מיר צוגעקומען מיינס אַ פריינד, אַ שניידער־געזעלן, מיט די ווערטער: „אוי, ווי איז מיר, דו, בריקס, ביסט אויך דאָ?״ איך האָב אים אָנגעקוקט: ער האָט אויסגעזען, ווי מען וואָלט אים פון דער ערד אויסגעגראָבן: פאַרפייניקט, פאַרהונגערט, פאַרטריקנטע ליפּן, באַוואַקסן און שמוציק. עס האָט מיך אָנגענומען אַ גרויס רחמנות אויף אים. איך האָב געהאַט אַ פּושקע קאָנסערווירט פלייש, וואָס אַ יידישער זעלנער האָט מיר געגעבן אויפן וועג. האָב איך עס דערלאַנגט יצחקן און געזאָגט: „עפן אויף און מיין העלפט גיב אים״. יצחק האָט זיך געפּאָרעט מיט זיין מעסערל ביים עפענען די פּושקע. איך האָב געזאָגט צום שניידער: „נעם, עס אויף מיין חלק״. האָט ער מיר געענטפערט: פאַר וואָס טוסטו דאָס? מסתמא ווייסטו נאָך נישט, וואָס עס טוט זיך דאָ. ווען האָט מען דיך געפאַנגען?״

יצחק האָט גיך־גיך געפּאַקט דאָס פלייש אין מויל אַריין. איך האָב צו אים געשריגן: „עס נישט אויף אַלץ! איך גיב דיר נאָר אַ העלפט!״ ער האָט זיך געמאַכט ווי געפּגרט און איינגעשלונגען ס׳גאַנצע פלייש. דאָס

האָט אויף מיר געמאַכט שרעקלעכן איינדרוק. איך האָב געטראַכט: ווי גיך האָט דער היטלעריזם פון אים געמאַכט חיה.

דער שניידער איז אַלט געווען עטלעכע־און־דרייסיק יאָר. ער איז געווען קלאַסן־באַוואוסטזיניק; ער האָט געהערט צום פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין, געלייענט יעדן טאָג אַ יידישע צייטונג, אַ לייענער פון ליטע־ראַרישע זשורנאַלן און ביכער. ער האָט מיר דערציילט: „דאָ איז אַזוי ווי אין דאַכאַו, אַזוי ווי איך האָב געלייענט אין „ברוינעם בוך" און אפשר נאָך ערגער. איך בין שוין דאָ געפאַנגען פון דאָנערשטיק אָן. דאָנערשטיק אַ גאַנצע נאַכט און פרייטיק אַ גאַנצע נאַכט האָבן זיי מיך און נאָך יידן געצוואונגען צו פּלומפּן וואַסער. זיי האָבן אונדז געפייניקט און געשלאָגן, נישט געלאָזט נעמען קיין שלונג וואַסער. די היץ און דער דורשט זיינען געווען גרויס. מיר האָבן זיי געבעטן, זיי זאָלן אונדז דערלויבן כאָטש איינ־צונעצן די ליפּן. האָבן זיי אונדז נאָך מער געפייניקט און געשלאָגן און זיי האָבן געכרעוועט: איר, יודען, האָט נישט פאַרדינט קיין וואַסער! איר, יודען, האָט דעם קריג געמאַכט! איך בין שוין דאָ דעם דריטן טאָג אָן עסן און אָן וואַסער".

„דאָס איז דאָס פאָלק פון בעטהאָווען, שאָפּענהויער, געטע און שי־לער? האָ? די זעלנערס זיינען דאָך אַרבעטערס און פּויערים. ‚פּראָלע־טאַריערס פון אַלע לענדער, פעו! רייניקט אייך'!" האָב איך פאַרענדיקט סאַרקאַסטיש.

אין דייטשער געפאַנגענשאַפט

דאָס איז געווען ערב ראש השנה. נאָך טרייבן אונדז אויפן שאָסיי פון זעקס אין דער פרי אָן, האָבן די דייטשע זעלנערס אונדז פינקטלעך צוועלף אַ זייגער אַרויפגעטריבן אויף אַ לאָנקע, וואָס האָט זיך אויף איין זייט געגרענעצט מיט אַ וואַלד און אויף דער צווייטער זייט מיט אַ זומ־פּיקער אָזערע. די זעלנערס האָבן אויפגעשטעלט דאָס מאַשין־געווער, זיי האָבן אַרויסגענומען שפּייז און געגעסן מיטאָג. די זון האָט אַצינד נאָך שטאַרקער געברענט, סיי פון דער היץ און סיי פון דעם שטויב פון שאָסיי.

האָט אונדז געבראַכט פון דורשט, האָבן מיר זיך אַלע געלאָזט צום זומפּ כאַפּן אַ ביסל וואַסער. די פּאָליאַקן און די אוקראַאינער האָבן געהאַט מיט וואָס אָנצושעפּן וואַסער, ווייל זיי האָבן מיטגענומען אויפן וועג טעפּ־לעך און פלעשער. די יידן, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין כלים, האָבן אָנגעשעפּט דאָס וואַסער מיט די היטלען אָדער מיט די דלאָניעס און געטרונקען. איך האָב אָנגעשעפּט מיט דער בלעכענער קאָנסערוון־ פּושקע, וואָס כ'האָב מיר פאַרשאַפט און איך האָב געטרונקען מיט איין אָטעם, אָן אָנשעפּ נאָך דעם אַנדערן. ביים זעקסטן מאָל האָב איך ערשט דער־שפּירט, אַז דאָס וואַסער שטינקט פון זומפּ און ערשט דערזען, אַז עס איז שוואַרץ אַזוי ווי בלאָטע.

די דייטשן האָבן געגעסן און נאָכן עסן זיך אָפּגערוט. דאָס האָט געדויערט אַ שעה, און מיר האָבן אַ ביסל אָפּגעאָטעמט: טייל זיינען גע־זעסן אויפן גראָז, טייל האָבן זיך אויסגעצויגן אויפן גראָז. איך האָב זיך אויך אויסגעשטרעקט אויפן גראָז און ס'האָט מיך אַ ביסל אָפּגעפרישט.

פּינקטלעך איינס אַ זייגער האָט זיך ווידער אָנגעהויבן דער מאַרש אַזוי ווי פריער: ס'ערשטע די פּאָליאַקן, דערנאָך די אוקראַאינער און ס'לעצטע די יידן. די דייטשן האָבן די יידן געטריבן ווי בהמות מיט זייערע גראָבע שטעקנס. בלוט האָט זיך געגאָסן און ס'זיינען געפאַלן קרבנות.

אויף ביידע זייטן שאָסיי איז געווען אַ געדיכטער וואַלד. איין יידי־שער יונגערמאַן איז אַריינגעלאָפן אין וואַלד אַריין. אַ זעלנער לעבן מיר האָט דאָס באַמערקט, אָבער ער האָט אים נישט געקענט נאָכשיסן צוליב די געדיכטע ביימער.

ווען מיר זיינען אַרויס פון די פעלדער און וועלדער און מיר זיי־נען צוגעקומען צו אַ באַוואוינטן יישוב, האָבן די דייטשן אונדז אויפגע־הערט צו טרייבן ווי בהמות און זיי האָבן אָנגענומען אַ פּנים פון אומ־שולדיקע לעמלעך.

די פּאָליאַקן, וואָס האָבן געוואוינט ביים שאָסיי, האָבן מכבד געווען די געפאַנגענע פּאָליאַקן און אוקראַאינער מיט וואַסער, עפּל, באַרנעס, פלוימען, מערן און טאָמאַטן. ווען די יידן זיינען אָנגעקומען, איז שוין אַלצדינג געווען אויסגעטיילט; און אויב די פּאָליאַקן האָבן יאָ עפּעס געוואָלט געבן די יידן, האָבן די דייטשן נישט געלאָזט. ווען טייל פּאָ־ליאַקן האָבן יאָ אַרויסגעשטעלט עמערס וואַסער פאַר די יידן, זיינען די דייטשן אַרויפגעפאָרן מיט זייערע מאָטאָרציקלען און זיי איבערגעקערט.

אַנדערע דייטשן האָבן איבערגעקערט די עמערס וואַסער מיט די פיס.

די זון האָט געשרפעט. שווייס האָט זיך פון אונדז געגאָסן, און אויך דער הונגער און דורשט האָבן אונדז געפּייניקט. וואַסער, וואַסער! איז געווען דער פאַרלאַנג פון אַלע יידן.

איך האָב געזען, אַז אונטער מיינע טריט, אויפן שאָסיי, ליגן קעפּ־לעך און עקלעך פון מערלעך, וואָס די פּאַליאַקן און אוקראַאינער האָבן אַוועקגעוואָרפן. האָב איך דאָס אויפגעהויבן און געגעסן. ביי די פּאַליאַקן, וואָס זיינען געשטאַנען אויףביידע זייטן שאָסיי, האָט דאָס אַרויסגערופן אַ געלעכטער. זיי האָבן אויך געלאַכט פון די יידן, וואָס זיינען געגאַנגען באָרוועס און אין די אונטערוועש.

פאַר נאַכט זיינען מיר אָנגעקומען קיין טאָמאַשאָוו־מאַזאָוויעצק. דאָ זיינען די דייטשע מערדערס געוואָרן העפלעך. זיי האָבן זיס געשמייכלט. מיר האָבן דאָ נישט געמוזט מאַרשירן צו צען אין איין ריי. מען האָט אונדז דערלויבט גיין סיי אין מיטן וועג און סיי אויף די טראָטואַרן. די מערדערס האָבן הינטער דער שטאָט אַוועקגעוואָרפן די גראָבע שטעקנס. אַפילו דער קאָמאַנדיר האָט פלוצלינג געמאַכט אַ פּנים פון אַן אומשולדיק שמייכלענדיק יינגל. מיר יידן האָבן זיך אַפילו אויסגעמישט מיט די פּאַליאַקן און אוקראַאינער. מיר זיינען דורכגעגאַנגען דורך דער הויפּטגאַס, וואו עס האָבן געוואוינט בלויז יידן. קיינער איז נישט גע־ווען אין דרויסן.

איך בין אַריינגעלאָפן אין אַ יידישער שטוב און געבעטן אַ טע־פּעלע. דער ייד האָט מיר געגעבן, אָבער ער איז געווען דערשראָקן. איך בין גיך אַרויס און זיך צוריק איינגעשלאָסן צווישן די יידן. טייל גע־פאַנגענע זיינען אַנטלאָפן. די דייטשע זעלנערס האָבן דאָס געזען און האָבן נישט רעאַגירט. דאָס איז געווען מיט אויסרעכענונג. ערשטנס, זאָל די שטאָט נישט זען ווי מען טעראָריזירט אונדז, און צווייטנס מיט דעם אויסרייד, אַז זיי זוכן אַנטלאָפענע געפאַנגענע, האָבן זיי שפּעטער געמאַכט אַן אַבלאַווע אין דער יידישער געגנט און זיי האָבן געפאַנגען הונדערטער יידן אין זייערע היימען.

אין צענטער פון טאָמאַשאָוו האָט מען זיך פאַרקערעוועט אויף אַ זייטיקער גאַס. איך האָב מיך געהאַלטן אין די ערשטע רייען מיט די יידן. מיר זיינען צוגעקומען צו אַ רעסטאָראַן, וואו אויפן טראָטואַר, ביי טישלעך, זיינען געזעסן דייטשישע אָפיצירן, וואָס האָבן געטרונקען ביר און געריכערט ציגאַרן. פלוצלינג איז איינער אויפגעשפּרונגען מיט

נקמה־פרייד און ער האָט אַ געשריי געטאָן: „יודען!“ זיינע מיטטריג־קערס האָבן אויף אונדז געקוקט מיט אַ נקמה־שמייכעלע.

ביים רעסטאָראַן איז געשטאַנען אויפגעפּראַלט אַן אייזערנער טויער און אַהין זיינען מיר אַריינגעטריבן געוואָרן. דאָס איז געווען אַ גרויסע, ליידיקע, פירשטאָקיקע פאַבריק־געביידע, וואו עס איז אַ מאָל געווען אַ שפּינעריי. די פּאָליאַקן זיינען אַריינגעגאַנגען גלייך אונטן, די אוקראַאינער זיינען אַרויפגעגאַנגען, דורך די נאָרמאַלע ברייטע טרעפּ, אויפן צווייטן שטאָק. און באַלד האָט מען סיי פאַר די פּאָליאַקן און סיי פאַר די אוקראַאינער אַריינגעטראָגן גענוג וואַסער. אונדז יידן האָט אַ יונגער אָפיציר, מיט שוואַרצע וואָנסעלעך, ווי דער „פירער“, מיט אַ רעוואָלווער אין האַנט, אַרויפגעיאָגט אויף די פייער־לייטערס, אויפן פערטן שטאָק, שרייענדיק באַפעלעריש: „שנעלער! שנעלער! לאָופען! לאָופען! איינס! צוויי! דריי! פיר! האָפּ! האָפּ! האָפּ! האָפּ!“ ער האָט געוואָלט, אַז אַלע יידן זאָלן אַרויפלויפן לויטן טאַקט פון זיין מיליטעריש קאָמאַנדע. אָבער די אויסגעמאַטערטע און פאַרפּייניקטע יידן האָבן קוים געקענט גיין אויפן לייטער, האָט ער אויסגעשאָסן אין דער לופט. זיינען מיר נאָך שטאַרקער דערשראָקן געוואָרן. ער איז אויפגעקאָכט געוואָרן און פון רציחה גענומען שיסן אויף אַן אמת אויף אונדז. און עס זיינען געפאַלן טויטע. איך ווייס נישט פון וואַנען עס האָט זיך צו מיר גענומען כוח, וואָס איך האָב יאָ באַוויזן אַרויפצולויפן לויטן טאַקט פון זיין: „האָפּ! האָפּ! האָפּ! האָפּ!“ ווען כ׳בין ענדלעך אַרויפגעלאָפן, האָט מיר די היץ אַ זעץ געטאָן ווי אין אַ שוויצבאָד. די זון האָט דאָ גאַנצע טעג געברענט דורכן דאַך. אַלע פענצטערס זיינען געווען פאַרמאַכט, און כאָטש דער זאַל איז געווען אַ גרויסער, איז באַלד געוואָרן צו ענג פאַר די טויזנטער יידן.

יידן האָבן איינגעשטעלט ס׳לעבן, זיי האָבן אויסגעהאַקט עטלעכע קליינע שויבן, וואָס זיינען געווען אין אייזערנע רעמען אין דער וואַנט, מיט אַן אויסבליק צו אַ פעלד. טייל יידן האָבן געשריגן: „מאַכט אונדז נישט אומגליקלעך! זיי וועלן אונדז אַלע דערשיסן!“ זיי האָבן נישט פאַרגעסן, וואָס דער קאָמאַנדיר האָט זיי געזאָגט: „איין יודע איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַלע יודען און אַלע יודען זיינען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר איין יודע!“

דער גרעסטער טייל האָט געשריגן, ווי צו זיך אַליין: „וואַסער, וואַסער!“ נאָך לאַנגע געבעטערייען האָבן די דייטשן אַריינגעשטעלט

לעבן טיר איין עמער וואַסער. די וואָס האָבן דאָס געזען זיינען צע־ווילדעוועט געוואָרן און זיך געשטופּט און געשטויסן. עטלעכע הענט האָבן אָנגעכאַפּט דעם עמער און אים געצויגן פון אַלע זייטן אַזוי לאַנג, ביז זיי האָבן אים אויסגעגאָסן אויף דער פּאָדלאָגע. יעדער האָט גע־וואָרפן די שולד אויף דעם צווייטן. מען האָט זיך געזידלט און געשאָלטן.

„אוי, רבונו של עולם, פאַר וואָס טוסטו דאָס צו דיין פאָלק ישראל ?!"
— און טרערן האָבן מיך געשטיקט.

ס'איז צוגעפאַלן די נאַכט. ווער עס האָט געקענט האָט זיך ערגעץ אויסגעצויגן אויף דער פּאָדלאָגע, טייל זיינען געזעסן, טייל זיינען גע־שטאַנען. איך בין געלעגן און פון דערשעפּטקייט בין איך איינגעשלאָפן.

אין דער פרי איז מיין איינציקער באַגער געווען צו קריגן אַ ביסל וואַסער.

אַ ייד האָט דערציילט, אַז אויפן הויף טיילט מען ברויט מיט וואַ־סער, בין איך מיט נאָך יידן אַראָפּגעגאַנגען. מען האָט טאַקע געטיילט ברויט מיט וואַסער, אָבער נאָר פאַר די פּאָליאַקן און אוקראַאינער. איך האָב אויך געפּרואווט, אפשר וועט מיר געלינגען עפּעס כאַפּן. איך בין צוגעגאַנגען. דער אויסטיילער איז געווען אַ פּאָליאַק. איך האָב אים גע־בעטן, אַז ער זאָל מיר געבן וואַסער צום טרינקען און צום וואַשן זיך. האָט ער מיר געוויזן אַ קליין טעפּעלע און געזאָגט: „דו באַקומסט נאָר אַזוי פיל און טו מיט דעם וואַסער, וואָס דו ווילסט." איך האָב עס צוגע־גענומען און אויסגעטרונקען.

עס זיינען געקומען יידישע פרויען בעטן מען זאָל באַפרייען זייערע מענער און זין, וואָס די דייטשן האָבן נעכטן ביי נאַכט געפאַנגען דאָ אין טאָמאַשאָוו. זייערע באַמיאונגען זיינען געווען אומזיסט.

מען האָט אַריינגעלאָזט עטלעכע פּוילישע פרויען צו פאַרקויפן עפּל און טאָמאַטן. מיר איז געלונגען צו קויפן איין קליין עפּעלע און איין גרויסן עפּל. האָב איך דעם גרויסן עפּל אַריינגעלייגט אין דער קעשענע אויף שפּעטער און דאָס קליינע האָב איך גענומען עסן. ביים ערשטן ביס האָב איך דערפילט, אַז מען האָט מיר גלייך אַרויסגעגנבעט דעם גרויסן עפּל. איך דריי מיך אויס און זע, אַז אַ יידישער יונגערמאַן בייסט דעם עפּל. איך קוק אויף אים מיט צאָרן. זאָגט ער צו מיר קייענדיק: „דו ביסט אַ שטאַרקער? הרגע מיך!" איך האָב געזען, אַז מיט איין פינגער קען ער מיך אָוועקהרגענען. פרעג איך אים: „ווי שעמט איר זיך ניט אַזוי צו טאָן?" ענטפערט ער מיר: „אויב איך וועל אַזוי נישט טאָן, וועל איך

נישט איבערלעבן די מילחמה". און ער האָט זיך פּאַסמאַקעוועט מיטן עפּל.

פּלוצלינג האָט דער שוין באַקאַנטער פּייף אָפּגעהילכט און באַלד איז געקומען אַ באַפעל: „אַלע זאָלן אַריינגיין אין דער געביידע! פּאַליאַקן אונטן, אוקראַאינער אויפן צווייטן שטאָק און די יידן אויפן פערטן שטאָק!" אַלע האָבן אויסגעפירט דעם באַפעל.

באַלד האָט מען אַרויסגערופן די פּאַליאַקן, מען האָט זיי צוגעפירט צום טויער, וואו עס זיינען אונטערגעפאָרן אָפענע שווערע אויטאָס, אין וועלכע עס זיינען געווען בענק צום זיצן. ווען עס איז שוין נישט געווען וואו צו זיצן, איז אונטערגעפאָרן אַן אַנדערער לאַסטאויטאָ. ווען אַלע פּאַליאַקן זיינען שוין געווען פאַרלאָדנט, האָט מען אַרויסגערופן די אוקראַאינער. זיי זיינען אויפגעלאָדנט געוואָרן אויך אין אָפענע לאַסטאויטאָס, אָבער אָן בענק צו זיצן. אונדז, יידן, האָט מען אַרויסגעפירט די לעצטע. ווען מיר זיינען צוגעקומען צום טויער, זיינען אונטערגעפאָרן פאַרמאַכטע „דזשיפּס". פון ביידע זייטן זיינען געשטאַנען דייטשישע זעלנערס און האָבן אונדז געשלאָגן מיט די ביקסן-קאָלבעס. כדי אויסצומיידן נאָך מער קלעפּ, האָט מען וואָס גיכער געוואָלט זיין אין דזשיפּ, אָבער דער דזשיפּ איז געווען צו הויך צו קענען שנעל אַריינקריכן אין אים און דערצו זיינען מיר יידן שוין געווען אויסגעשעפּט פון די כוחות. ביים דזשיפּ זיינען געשטאַנען עטלעכע זעלנערס מיט ביקסן. זיי האָבן אונדז געזידלט און געשלאָגן.

מיר זיינען אַריין אין דזשיפּ מיט די לעצטע כוחות. אַפילו אינעווייניק האָבן זיי אונדז געשלאָגן; דאָס האָט אונדז געצוואונגען אַריינצולויפן טיפער אין דזשיפּ און איינער איז געפאַלן אויפן צווייטן, ביז מיר זיינען געלעגן אָנגעפּאַקט אַזוי ווי אַ באַרג האָלץ. איין קערפּער האָט געדריקט אויפן צווייטן, אַ פוס איז געלעגן אויף אַ פוס, אַ שוך איז געלעגן אויף אַ מויל. הענט און פיס זיינען געקוועטשט געוואָרן פון אַנדערנס הענט און פיס; גופים צעשלאָגענע, צעקיילטע, צעביילטע, צעבלוטיקטע. אַזוי איז געשען מיט יעדן דזשיפּ, געפּאַקט מיט יידן. דער דזשיפּ איז שנעל געפאָרן און זיך געוואָרפן אויף דעם שטיינערנעם בריק. מיינע אברים זיינען צעדריקט געוואָרן פון פרעמדע אברים. איך האָב זיך דערמאָנט, וואָס פאַר אַ טאָג עס איז היינט און איך האָב אַרויסגעקרעכצט: „ווייסט איר, יידן, אַז היינט איז ערב ראש השנה?"

„ווער ווייסט וואו אַהין זיי וועלן אונדז פאַרפירן? אַ 'שיינעם' יום-הדין האָבן מיר", האָט איינער מיר געענטפערט.

די ברענענדיקע זון האָט דורך דעם לייוונט אַזוי אָנגעהיצט, אַז עס איז געוואָרן שטיקנדיק. מיר האָבן זיך ממש געוויקעט אין שוויס. אונדזער באַגער איז געווען: וואַסער. דער דורשט האָט אונדז ממש פאַרחלשט.

די פּאָליאַקן און די אוקראַאינער זיינען דאָך געפאָרן אין אָפענע אויטאָס, האָבן די איינוואוינערס פון די דערפער זיי אַרויפגעגעבן וואַסער, פּרוכטן, מערן און טאָמאַטן. סעפּטעמבער איז דער זאַטסטער חודש אין פּוילן, עס איז שוין איינגעזאַמלט דאָס ברויט פון די פעלדער. מען זאַמלט אײַן דאָס גערעטעניש פון די גערטנער און סעדער.

פלוצלינג איז דער צוג מיט די אויטאָס געפאַנגענע שטיין געבליבן. מיר יידן זיינען אַציינד געפאָרן די ערשטע. די מעשה איז געווען די: דאָ איז געווען אַ הילצערנע בריק איבער אַ ברייטן טייך, וואָס האָט זיך געוואַקלט. די בריק איז עפּעס באַשעדיקט געוואָרן אין די טעג, ווען עס איז דאָ אָנגעגאַנגען די מילחמה. האָבן די דייטשן זי אויספּרובירט מיט אונדז יידן.

פאַר נאַכט האָב איך דערזען, אַז מיר פאָרן אַריין אין אַ שטאָט, וואו אויף יעדער טויער און יעדער טיר פון די הייזער הענגט אַ בילד פון דער פאַרהייליקטער מאַריע. דערנאָך האָב איך געזען אַן אויפשריפט — טשענ-סטאָכאָווע, די שטאָט, וואָס איז פאַרהייליקט ביי די פּאָליאַקן. אין אַ ווינקלגאַס אויפן הויז איז געווען אַן אויפשריפט אוליצאַ בערקאַ יאָסעלעוויטשאַ, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דאָ איז די יידישע געגנט. איך האָב געזען אָפענע געשעפטן, פולע גאַסן מיט מענטשן. טייל טראָגן פּעקלעך מיט איינגע-קויפטע זאַכן. עס האָט געשמעקט מיט יידישע געקאָכטע פיש. דאָס האָט מיך דערמאָנט, אַז עס איז היינט ערב ראש השנה. מיר זיינען דורכגע-פאָרן די גאַנצע לענג פון דער שטאָט און מיר זיינען ווידער געפאָרן דורך פעלדער. די זון האָט זיך שוין געזעצט. מיר זיינען אַריינגעפאָרן אין אַ טויער פון אַ לאַנגער געמויערטער וואַנט. דאָ זיינען געווען קאַזאַרמעס פון דער פּוילישער קאַוואַלעריע. די פּאָליאַקן און די אוקראַאינער האָט מען דאָ אַריינגעלאָזט. אונדז יידן האָט מען צוגעפירט צו אַ שטאַל, וואו עס זיינען פאַר דער מלחמה געשטאַנען צוויי און דרייסיק פערד. די זעל-נערס האָבן אַריינגעיאָגט אין שטאַל וויפל יידן עס האָבן נאָר געקענט אַריין און די רעשט זיינען געבליבן אין דרויסן, לעבן דער שטאַל.

באַלד זיינען מיר אַרומגערינגלט געוואָרן פון זעלנערס מיט מאַשינ-ביקסן און עס איז געפאַלן אַ באַפעל: „הינזעצן!” דאָס הייסט אַרונטער-

בייגן די פיס און אויף זיי זיצן. מיר האָבן אויסגעפּירט דעם באַפעל. אונדז האָט געפּייניקט הונגער און דורשט. יעדער אבר איז געווען צעבראָכן. איך האָב געפילט, אַז איך חלש אַוועק. אין מויל איז מיר געווען טרוקן, יעדער גליד צעבראָכן. עס האָט מיך געצויגן זיך אַוועקצולייגן אויסצוגלייכן די גלידער און דער עיקר בין איך ממש אויסגעגאַנגען פאַר אַ טראָפּן וואַסער.

פון אַלע זייטן איז געקומען אַ געבעט: „הערען וואַכמאַן, ערבאַרעמען זי זיך, גיבן זי אונדז וואַסער!" און די דייטשן האָבן געענטפערט: „איר יודען האָט קריג געמאַכט, זינט זי ניכט ווערט קיין וואַסער!"

די יידן האָבן געקרעכצט. ווען עס איז פינצטער געוואָרן, איז געפאַלן אַ באַפעל: „אַלע יודען זאָלן אַריין אין שטאַל און שלאָפן! אויב איינער וועט בלייבן אין דרויסן, ווערן אַלע יודען דערשאָסן!"

די זעלנערס האָבן עטלעכע מאָל געשאָסן. עס איז געוואָרן אַ געלויף אין שטאַל אַריין, איינער אויפן צווייטן, ביז עס איז פון אונדז געוואָרן איין קנויל, איין באַרג. דעם טויער האָבן די זעלנערס צוגעמאַכט.

די זון האָט געהאָט אָנגעהיצט די שטאַל און עס איז געווען דושנע פאַר אַ רעגן. מען האָט נישט געקענט כאַפּן דעם אָטעם. אַ סך האָבן געקרעכצט אַזוי ווי אין גסיסה. די דייטשן האָבן געשריגן: „רוע, פערפלוכטע יודען!" האָבן יידן געענטפערט: „עפנט דעם טויער, מיר ווערן דערשטיקט". „רוע, ווען נור איין יודע קרעכצען ווירד, ווערדען אַלע יודען ערשאָסען!"

מיר זיינען געווען זיכער, אַז קיין איינער פון אונדז וועט די נאַכט נישט איבערלעבן.

רויב, פייניקונגען, רציחות

אין שטאָל האָט אויסגעפעלט לופט צום אָטעמען, אָבער די דייטשן האָבן צוגעמאַכט די טויערן. ס'איז געווען שטאָק־פינצטער און אַ פאַרנע נאַכט ווי פאַר אַ רעגן. די לופט האָט מען ממש געקאָנט שניידן מיט אַ מעסער. יידן האָבן זיך געבעטן:

— ליבע מענטשן, עפנט די טויערן, מיר ווערן דערשטיקט!

— וואַסער! גיט אונדז וואַסער!

— לופט, לופט! איך שטאַרב!

— רוע! — האָבן די דייטשן געענטפערט מיט כעס — האַלט די שנאָוצע, יודען! מיר וועלן אייך שיסן ווי די הינט!

שפּעט אין דער נאַכט זיינען אַריינגעקומען צווי דייטשע יונגע אָפּי־צירן. טרעטנדיק אויף אונדז, האָבן זיי מיט עלעקטרישע לעמפּלעך אין די הענט אויסגעקליבן צוועלף יידן: „דו! דו! דו!" און זיי האָבן זיי מיטגענומען. זיי זיינען נישט צוריקגעקומען. וואו זיי זיינען אַהינגעקומען האָט קיינער נישט געוואוסט.

אין דער פרי, ווען די וואַך האָט זיך געביטן, זיינען געווען בעסערע זעלנערס, האָבן זיי געעפנט די טויערן. זיי האָבן אונדז דערלויבט אַרויס־צוטראָגן די טויטע און די גוססדיקע. זיי האָבן פאַראָרדנט זיי אַנידער־צולייגן לעבן די גריבער, וואָס האָבן געדינט פאַר אַ בית־הכיסא. דאָס איז געווען נאָענט צו אונדזער שטאַל. קיין וואַסער האָבן מיר אַלץ נישט באַקומען, אַפילו די גוססדיקע אויך נישט.

איך האָב לעבן בית־הכיסא געזוכט אויפן מיסט, אַזוי ווי אַ הון, אָדער אַ פויגל, עפּעס עסן, האָב איך געפונען צוויי אַלטע קערעלעך פון פלוימען. איך האָב זיי אויפגעקלאַפּט מיט אַ שטיין און געגעסן די צוויי מאַנדעלעך. ווען איך בין צוריק אַריינגעגאַנגען אין שטאַל האָט אַ גוססדיקער מיך צוגערופן מיט דער האַנט. דאָס איז געווען אַן אַכצן־יאָריקער בחור, אַ מעטאַל־אַרבעטער. ער האָט קוים אַרויסגעקרעכצט: „פאַרשרייב מיין אַדרעס, ווען דו וועסט אַהיימקומען, דערצייל מיינע עלטערן, וואו איך בין געשטאָרבן." כ'האָב פאַרשריבן זיין אַדרעס און צוגעזאָגט אויסצופירן זיין בקשה.

איך בין אַרויסגעגאַנגען אויפן מיסט, געזוכט און געפונען נאָך פלוימען־קערלעך. איך האָב עס ווידער אויפגעקנאַקט מיט אַ שטיין און דאָס מאַנדעלע אַריינגעטראָגן פאַר דעם גוססדיקן בחור. איך האָב עס

אים אַריינגעלייגט אין מויל. ער האָט געקייעט, געקייעט, געריבן מיט די ציין. ער האָט עס קוים אַראָפּגעשלונגען.

ס׳האָט אָנגעהויבן רעגענען. פֿאַר די גוססדיקע, וואָס זיינען שוין געלעגן אַרויסגעוואָרפֿן אויפֿן מיסט לעבן בית־הכּיסא, איז דער רעגן געווען אַ רפֿואה. ער האָט זיי אויפֿגעמינטערט. זיי האָבן ביסלעכוויַיז געעפֿנט די מיילער, געלעקט דאָס רעגן־וואַסער און געעפֿנט די אויגן. די וואָס זיינען געווען אין דרויסן האָבן אויך געעפֿנט די מיילער און געשלונגען דאָס וואַסער. איך האָב אויך אַזוי געטאָן. איך האָב מיך דערמאָנט אין גוססדיקן בחור און מיט דער הילף פֿון נאָך איינעם האָבן מיר אים אַרויס־געטראָגן אויפֿן רעגן. ער האָט געלעקט דאָס וואַסער און דער רעגן איז פֿאַר אים געווען אַ ניסימדיקע רפֿואה.

באַלד נאָך דעם רעגן זיינען אָנגעקומען עטלעכע עס־עס מענער מיט שטעקנס אין די הענט. דער עלטסטער האָט אַרויסגעשריגן מיט צאָרן:

— איר יודען זענט ביי נאַכט נישט שטיל געווען! די נאַכט איז צום שלאָפֿן! איר האָט נישט געפֿאָלגט די דייטשע זעלנערס, זיינען מיר, די דייטשע פּאָליציי, געקומען אייך לערנען!

אַלע יידן זיינען אַריינגעיאָגט געוואָרן אין שטאַל און ווי ענג עס איז געווען, איז אַצינד געווען צו גרויס. ווי איינער איז פֿריער געווען אַ לאַסט פֿאַר דעם צווייטן, ווייל ער האָט אים צעדריקט די גלידער און די געדערעם, איז ער פֿאַר אים אַצינד געוואָרן אַ רפֿואה. יעדער האָט געוואָלט, אַז דער צווייטער זאָל אים צודעקן, אַז די דייטשן זאָלן אים נישט זען. וואָס מער יענער איז אויף אים געלעגן, אַלץ צופֿרידענער איז ער געווען.

דער עס־עס־אָפֿיציר האָט אויסגעקליבן זעקס דיקע יידן מיט בערד און פּיאות און ער האָט געזאָגט: „איך וויל זען, צי איר זענט ספּאָרטלערס!“ ער האָט זיי צוגערופֿן צום טויער, וואו עס איז פֿאַר אים פּלוצעם אויס מורא געמאַכט געוואָרן אַ ליידיק אָרט, און ער האָט באַפֿוילן, אַז זיי זאָלן זיך אַנידערלייגן מיט די פּנימער אויף דער ערד. דערנאָך האָט ער זיי געהייסן, אַז זיי זאָלן לאַנגזאַם, לאַנגזאַם אויפֿהייבן די קערפּערס און לאַנגזאַם זיך צוריק אַראָפּלאָזן.

ווי אַזוי זאָלן אַזעלכע יידן, וואָס האָבן טאָג און נאַכט געלערנט תּורה, פּלוצעם ווערן ספּאָרטלערס? און אַזוי ווי זיי האָבן נישט געקענט, האָט ער געזאָגט: „איך וועל אייך לערנען!“ און ער האָט זיי געשלאָגן מיטן שטעקן איבער די קעפּ, הענט און פֿיס, איבער די רוקנס, אַזוי לאַנג ביז

ער האָט צעבראָכן דעם שטעקן. דערנאָך האָט ער גענומען אַן אַנדערן שטעקן און אויסגעקליבן אַנדערע יידן און אַזוי האָט זיך דאָס איבערגעחזרט ביז אַ צען מאָל. איינעם אַ יונגן בחור, וואָס האָט גוט געקענט מאַכן די ספּאָרטקונצן, האָט ער נישט געשלאָגן. צום סוף האָט ער אויסגעקליבן דעם וואָלינער רבס זון, מיט אַ רויטער באָרד און פּיאות, און האָט אים אויך געהייסן מאַכן ספּאָרטלעכע געניטונגען (איבונגען). ער האָט אים מערדערלעך געשלאָגן, אַז ער האָט אויף אים צעבראָכן דעם שטעקן. דער נאַצי אַליין האָט זיך שוין געהאַט פאַרפייניקט פון דער דאָזיקער „אַרבעט".

באַלד זיינען אַריינגעקומען אַנדערע דריי עס־עס מענער און איינער אַ הויכער, אַ דיקער, מיט שוואַרצע וואָנצעס, האָט אַ באַפעל געגעבן:

אַלע זאָלן אָפּגעבן די אויסלענדישע וואַלוטע: דאָלאַרן! ענגלישע פונטן! פראַנקן! אין פינף מינוט וועט מען אַלעמען רעווידירן, אַז מען וועט ביי איינעם געפינען, וועלן אַלע דערשאָסן ווערן! איין יודע איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַלע און אַלע יודען זיינען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר איינעם!

אַלע דריי דייטשן האָבן געהאַלטן ליידיקע קעסטעלעך און די אויפטויט דערשראָקענע יידן האָבן זיי צוגעטראָגן אויסלענדישע וואַליוטע.

„יידן, דערבאַרעמט איך, גיט זיי אַלצדינג אַוועק" האָבן יידן ביי יידן זיך געבעטן.

ווען די אויסלענדישע וואַליוטע איז צוגענומען געוואָרן, איז געקומען אַן אַנדערער באַפעל: „אַלע זאָלן אָפּגעבן דאָס פּוילישע געלט! אין פינף מינוט וועט מען נעמען רעווידירן, און אויב מען וועט נאָר ביי איינעם געפינען נאָר איין פּוילישן גראָשן, וועלן אַלע דערשאָסן ווערן!" האָבן אַלע יידן צוגעטראָגן באַנקנאָטן און מינץ. און אויף דעם האָבן די דייטשן געהאַט באַזונדערע קעסטלעך. איך האָב צוגעטראָגן מיינע לעצטע עטלעכע זלאָטעס און מינץ. כ'האָב גוט רעווידירט אַלע מיינע קעשענעס, עס זאָל זיך, חלילה, ערגעץ נישט האָבן פאַרוואַלגערט געלט. און באַלד איז געקומען נאָך אַ באַפעל: „אַלע זאָלן אָפּגעבן דאָס גאַנצע גאָלד און זילבער, אויב מען וועט נאָר ביי איינעם געפינען, וועלן אַלע דערשאָסן ווערן!"

האָבן יידן צוגעטראָגן דאָס צירונג, וואָס זיי האָבן מיטגענומען. זיי האָבן פון זיך אַראָפּגענומען די רינגעלעך און באַלד האָט זיך אָנגעזאַמלט אַ קעסטל גאָלד און זילבער. איך האָב אויך צוגעטראָגן מיין גאָלדן פינגערל מיט מיין מאָנאָגראַם. און באַלד איז געפאַלן אַ נייער באַפעל: „אַלע זאָלן

אָפּגעבן די זייגערלעך!" און ווידער אַ באַפעל: „אַלע פּילפּעדערס, בלייפע־דערס זאָלן אָפּגעגעבן ווערן!"

יידן האָבן צוגעטראָגן אַלע זייגערלעך, פּילפּעדערס און די בלייפע־דערס. איך האָב אויך אַוועקגעגעבן מיין פּילפּעדער, אַ גאָלדענער וואָטער־מאַן. ווי שווער עס איז מיר אָנגעקומען די פּעדער צו קויפן!

מיט אַ מאָל האָט דער הויכער, פעטער דייטש מיט די שוואַרצע וואָנצעס געגעבן דעם לעצטן באַפעל: „אַלע זאָלן אָפּגעבן יעדן מין מעטאַל: פּאַפּיראָסן־האַלטערס, צינדמאַשינדלעך און שליסלען!" האָבן יידן דאָס אַלץ צוגעטראָגן. איך האָב צוגעטראָגן די שליסלען פון מיין שטוב און איך האָב געטראַכט: אַצינד, ווען זיי האָבן אונדז אַזוי גרינטלעך באַרויבט, וועלן זיי אונדז אפשר שוין באַפרייען. אָבער איך האָב געהאַט אַ גרויסן טעות.

מען פירט אונדז קיין דייטשלאַנד

פאַר נאַכט האָבן די דייטשן באַפוילן, אַז די יידן אין דרויסן זאָלן זיך אויסשטעלן אין אַ ריי. זיי האָבן אויסגעטיילט צו אַ שטיקל פאַרשימלט „ברויט" און צו אַ ביסל וואַסער. איך האָב אויסגעקראַצט דעם גרינעם שימל, האָב עס אויפגעגעסן און צוגעטרונקען ס'וואַסער. טייל יידן האָבן אויסגעביטן דאָס „ברויט" פאַר אַ ביסל וואַסער. „מיר האָבן זיי גוט באַצאָלט פאַר דעם שטיקל ברויט" — האָט איין ייד געזאָגט — „זיי האָבן פון אונדז אַלצדינג צוגעזלט."

אַזוי ווי קיין זעלנערס מיט מאַשינביקסן האָבן אונדז אַצינד נישט געהיט, האָבן די מער דרייסטערע יידן זיך געדרייט אויפן פעלד, אַרום די שטאַלן. איך בין אַפילו אַהינגעגאַנגען צו די קאַשאַרן, וואו די געפאַנגענע פאָליאַקן און אוקראַאינער זיינען געווען. זיי זיינען געווען זאַט, באַקומען ברויט און אויך אַ זופּ און זיינען געשלאָפן אין קאַשאַרן און האָבן זיך געקענט פריי באַוועגן דאָ אויף דעם גאַנצן שטח. דאָרטן איז געווען אַ פּלומפּ, האָב איך מיך אָנגעטרונקען מיט וואַסער און כ'האָב מיטגענומען אַ בלעכענע פּושקע וואַסער. איז אַ ייד צו מיר צוגעקומען און מיר אָנגע־

באַטן זיין פאַרשימלטע פּאַרציע ברויט פאַר דעם וואַסער. איך האָב אים בחינם געוואָלט געבן, אָבער ער האָט מיר פריינדלעך אויפגעקלערט, אַז ער קען נישט און וועט נישט עסן, ווייל ער דאַרף נאָר טרינקען און אַזוי ווי איך האָב מיך איינגעשטעלט מיטן ברענגען דאָס וואַסער, מוז איך ביי אים נעמען ס׳ברויט. איך האָב גענומען ס׳ברויט און באַלד געגעסן. אָבער איך האָב מער ווי די העלפט געמוזט אַוועקוואַרפן, ווייל ס׳איז געווען סאַמע גרינער שימל.

שפּעטער, ווען כ׳בין געלעגן אין שטאַל, איז אַריינגעקומען אַ יונגער פּאָליאַק מיט אַ דייטשן זעלנער. האָט אים צוגעפירט צו מיר און דער פּאָ־ליאַק האָט געזאָגט: „טי, זשידקו! דו, יידל, טו אויס דיין מאַנטל, איך דאַרף אים האָבן, איך פאָר אויף אַרבעט קיין דייטשלאַנד“. דער דייטש האָט מיך דורכגעדרונגען מיט די אויגן. אויס מורא האָב איך גיך אויס־געטאָן דעם מאַנטל און אים אָפּגעגעבן. איך בין צופרידן געווען, וואָס כ׳האָב נישט באַקומען קיין קלעפּ.

פאַר נאַכט, איידער די זון האָט זיך געזעצט, זיינען אָנגעקומען זעלנערס מיט אַן אָפיציר. ער האָט געגעבן אַ באַפעל: „איינטרעטן!“ זיי האָבן צונויפגעטריבן די יידן אַרום דער שטאַל און פון דער שטאַל און אויסגע־שטעלט צו פינף אין אַ ריי. די זעלנערס מיט ביקסן און פּיקעס האָבן אונדז אַרומגערינגלט און עס איז געפאַלן אַ באַפעל: „אָפּמאַרשירן!“

עס האָבן דאָ מאַרשירט האַלב נאַקעטע און באָרוועסע יידן, ווייל די דייטשן האָבן אויפגעהעצט די געפאַנגענע פּאָליאַקן און אוקראַאינער, אַז זיי זאָלן אַראָפּציען די מלבושים און שיך פון די יידן.

איך האָב מיך געטרייסט, וואָס כ׳בין געבליבן אין אַן אָנצוג און שיך. קיינער האָט נישט געוואוסט וואוהין מיר גייען. אין אַ שעה צייט אַרום זיינען מיר אָנגעקומען צו דער באַנסטאַציע. עס איז געשטאַנען אַ לאַנגער פראַכטצוג: וואַגאָנען פון בהמות און פון קוילן. דאָ זיינען שוין געווען פּאָליאַקן און אונדז יידן האָט מען פאַרלאָדנט צוזאַמען מיט אוקראַאינער. אַ פעטער דייטש מיט אַ פּנים פון אַ „דיניצע“ (אַ נידעריקער, ברייטער טאָפּ מיט אויערן), מיט לאַנגע וואָנצעס, איז געשטאַנען ביים טויער פון וואַגאָן. אַרום זיינען געשטאַנען פּוילישע מענער און פרויען פון שטאָט און ער האָט זיי געגעבן אַ לעקציע, ווי אַזוי מען דאַרף זיך אומגיין מיט יידן. ער האָט נישט געשלאָגן מיטן פּריקלאַד פון דער ביקס: ער האָט געפּאַטשט אין פּנים און יעדער פּאַטש האָט אָפּגעהילכט. ער האָט גע־שריגן אין דייטש און אין פּויליש: „איר יודען האָט קריג געמאַכט! איר

קומט קיין בערלין און דאָרטן וועט מען איך אויפהענגען!" — האָט ער געוויזן אויפן האַלדז. מען האָט געזען די הנאה, וואָס ער האָט פון דעם שלאָגן און זידלען. איך האָב אויסגעמיטן די קלעפּ. ער האָט עפּעס מיך דורכגעלאָזט. כ׳בין אַריינגעקראָכן אין וואַגאָן גאַנץ גיך, און ווי איז געווען צו די יידן, וואָס האָבן נישט געקענט שנעל אַרויפקריכן אין וואַגאָן אַריין.

ס׳איז פינצטער געוואָרן און דער צוג האָט גענומען פאָרן. אַלע האָבן זיך אויסגעצויגן אויף דער גאָלער פאָדלאָגע צום שלאָפן. אַזוי ווי עס איז געווען אַ היץ און די פיס האָבן מיר שרעקלעך געברענט, האָב איך אויס־געטאָן די נייע, געפלאָכטענע זומערלאַטשן און זיי אַוועקגעשטעלט לעבן מיינע פיס. פאַר טאָג בין איך אויפגעקומען פון קעלט. מיר האָבן זיך שוין געפונען אין דייטשלאַנד, אין אייבערשלעזיע. אין פוילן איז נאָך געווען פולער זומער און דאָ איז שוין געווען קאַלט. עס איז געגאַנגען אַ קאַלטער רעגן מיט אַ ווינט. ס׳ערשטע האָב איך געוואָלט אָנטאָן די שיך, אָבער אַן אוקראַאינער האָט זיי צוגעגנבעט. איך האָב מיך אויפ־געהויבן. אַלע זיינען נאָך געשמאַק געשלאָפן. איך בין דורכגעגאַנגען דעם גאַנצן וואַגאָן, אָנגעקוקט יעדנס פיס און שיך און נישט געזען מיינע לאַטשן. דער גנב האָט זיי גוט באַהאַלטן. אין דעם האָב איך דערזען אַ פאָר גרויסע, פויערישע לאַטשן, האָב איך באַשלאָסן זיי אָנצוטאָן, ווייל כ׳האָב געוואוסט, אַז די ערגסטע פאַרקילונגען קומען פון די פיס. די לאַטשן זיינען אויף מיר געווען צו גרויס, אָבער כ׳בין שוין נישט געווען באָרוועס.

ווען ס׳איז שוין געוואָרן גרויסער טאָג, האָט דער צוג זיך אָפּגע־שטעלט אויף דער סטאַציע גערליץ. עס איז געגאַנגען אַ דראָבנער רעגן, די קעלט האָט מיך געשווידערט. אונדזער וואַגאָן האָט מען נישט באַלד געעפנט. דערווייל האָבן זיך יידן באַקלאָגט: דעם האָבן געפעלט די שיך, יענעם די מאַרינאַרקע, דעם דאָס שטיקל ברויט, וואָס ער האָט נעכטן נישט אויפגעגעסן. מיר יידן האָבן גאַנץ גוט פאַרשטאַנען, אַז דאָס האָבן געטאָן די אוקראַאינער. איך האָב אָבער געדאַנקט גאָט, וואָס זיי האָבן אונדז נישט דערהרגעט. צוליב דעם האָבן דאָך די דייטשן זיי אַריינגעזעצט צווישן אונדז...

נאָכן אַרויסגיין פון די וואַגאָנען, האָבן די דייטשן אונדז אָפּגעטיילט — באַזונדער די פּאָליאַקן, באַזונדער די אוקראַאינער און צום לעצט די יידן — דריי קאַסטעס.

גערליץ איז געווען אַ מיליטערישע שטאָט מיט קאַסאַרן. די דייטשע באַפעלקערונג פון דער שטאָט איז אַנגעזאָגט געוואָרן, אַז עס וועלן דאָ דורכגעפירט ווערן געפאַנגענע פוילישע סאָלדאַטן, וואָס האָבן געקעמפט קעגן דייטשן מיליטער. האָט די באַפעלקערונג פון שטאָט און אומגעגנט באַלאַגערט די טראָטואַרן פון די הויפטגאַסן צו זען דאָס בייזע וואונדער. די צוקוקערס זיינען כמעט אַלע געווען בלויז פרויען פון יעדן עלטער.

צו ערשט האָט דורכגעמאַרשירט אַ גרעסערער אָפּטייל דייטשיש מי־ליטער. פאָרויס איז געגאַנגען אַן אָרקעסטער און געשפּילט מיליטערישע מאַרשן. דאָס האָט פאַרשיכורט דעם עולם און אויך די מאַרשירנדיקע: יונגע, שיין געקליידטע, אויסגערוטע, זאַטע, פריש־ראַזירטע און גוט באַ־וואָפנטע זעלנערס. דאָס האָט געהויבן זייער מוט און גלויבן. די סאָלדאַטן האָבן הויך געזונגען מיט ווערטער צו דער מוזיק:

„וויר געהען נאָך ענגלאַנד!

מאָרגען נעמען וויר די גאַנצע וועלט!

דויטשלאַנד, דויטשלאַנד,

איבער אַלעס!״...

די באַפעלקערונג איז מיטגעריסן געוואָרן און מיטגעזונגען. ווען די סאָלדאַטן זיינען דורכגעגאַנגען, איז געקומען אונדזער ריי: די פּאָליאַקן אין ציווילע קליידער, אַן געווער. די אוקראַאינער אויך אַזוי. זיי זיינען גע־ווען באַוואַקסענע, נישט ראַזירטע, דערשעפּטע. טייל האָבן מיטגעטראָגן די אַנגערויבטע יידישע זאַכן. אַ גרויסער טייל פון זיי זיינען געווען אָנגע־טאָן אין די יידישע מלבושים, אַזוי אויך די פּאָליאַקן. אַ סך פּאָליאַקן זיינען געגאַנגען פאַרשעמטע מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ. זיי האָבן געפילט, אַז זיי זיינען נישט אין זייער היים, אַז זיי זיינען געפאַנגענע אין שונאס לאַנד, באַוואַכט דורך די דייטשע זעלנערס.

אויף די יידן האָבן די עלטערע מיליטער־לייט, וואָס זיינען געשטאַנען צווישן דער באַפעלקערונג, כסדר אָנגעוויזן: „יודען! פּאָלנישע יודען!״ און געגרעדט מיט האַס און גיפט.

מיר האָבן דאָך שוין גאַנץ גוט געוואוסט, וואָס דייטשלאַנד באַטייט היינט פאַר דעם יידישן פאָלק. דער גרעסטער טייל יידן איז געגאַנגען באָרוועס, אויך נאָר אין די אונטערהויזן אָדער אין צעריסענע פויערישע הויזן, נישט אָפּראַזירטע, נישט אָפּגעוואַשענע, באַוואַקסענע, נישט אויסגעג־קעמטע, קאָלטאַנעוואַטע בערד און טייל אין קאַפּאָטעס און אין קליינטשיקע „יידישע״ היטעלעך אויף די שפּיץ קעפּ. מיר זיינען שרעקלעך שמוציק

געוועזן פון אַזוי פיל טעג אין שמוץ און אין זאַמד און אויסגעמאַטערט פון פּיין און טויטשרעק, פון הונגער און דורשט. מיר האָבן קוים געשטעלט טריט מיט טויטאַנגסטן, ווייל מיר האָבן געוואוסט: מיר געפינען זיך ביי היטלערן אין די הענט און אין זיין לאַנד.

אויף יעדע פּאָר טריט זיינען געשטאַנען אַגיטאַטאָרן, וואָס האָבן גע־העצט: „דאָס איז די יידישע אַרמיי, וואָס האָט געקעמפט קעגן אונדזערע סאָלדאַטן!" און דער המון האָט הילכיק געלאַכט און געשפּעט.

דער המון האָט זיך געריסן אונדז צו לינטשן, אָבער די זעלנערס, וואָס האָבן אונדז געפירט, האָבן זיי צוריקגעהאַלטן. איך האָב געמיינט, אַז די באַרבאַריזמען באַגייען נאָר די דייטשן, וואָס מען צווינגט צו דעם, אָבער כ'האָב געהאַט אַ טעות.

מיר זיינען אַצינד דורכגעגאַנגען דורך אַ ברייטער אַלייע און פון ביידע זייטן איז געוועזן אַ פּאַרק. דאָ איז שוין נישט געשטאַנען אַזאַ גרוי־סער המון. נאָך דעם פּאַרק איז שוין געוועזן אַ פאַרשטאָט. אויף ביידע זייטן זיינען געשטאַנען איין־פאַמיליע הייזער אַרומגענומען מיט גערטנדלעך. מען האָט געקענט מערקן, אַז דאָ איז אַן אַרבעטער־קוואַרטאַל. פאַר יעדער הויז איז געשטאַנען אַן עלטערע, אויסגעאַרבעטע פרוי און אויף אונדז געקוקט מיט רחמנות. פון די בליקן פון די דאָזיקע פרויען האָט מען געקענט דרינגען, אַז אין זיי טליען יאָ פונקען פון מענטשלעכקייט.

מיר זיינען אַצינד געגאַנגען דורך פעלדער, וואו עס זיינען געוואַקסן צוקעררייבן. כ'האָב געהאַט חשק אויסצורייסן אַזאַ ריב צו שטילן דעם הונגער, אָבער כ'האָב נישט געוואָלט איינשטעלן מיין לעבן. אַ זייגער צוויי נאָך מיטאָג זיינען מיר צוגעקומען צו אַ פעלד, וואָס איז געוועזן אַרומגע־נומען מיט דראָטן און אינעווייניק זיינען געווען צענדליקער און צענ־דליקער לייוונטענע געצעלטן. מען האָט אונדז דאָ אַריינגעפירט. דאָס איז געוועזן אַ געפאַנגענען־לאַגער.

מען האָט אונדז אויסגעשטעלט אויף אַ מיליטערישן אופן, צו פינף אין אַ ריי. די פּאָליאַקן באַזונדער, די אוקראַאינער באַזונדער און אונדז, יידן, באַזונדער. מען האָט אונדז אָפּגעצײלט און אַן אַלטער פעלדפעבל האָט פאַר אונדז אויפגעוויקלט אַ מגילה און לאַנג לאַנג פאַרגעלייענט. איך האָב נאָר פאַרשטאַנען, אַז מיר וועלן באַהאַנדלט ווערן לויט דעם אינטערנאַציאָנאַלן געזעץ פאַר קריג־געפאַנגענע. ער האָט צוגעוויקלט די מגילה און געזאָגט:

„איר וועט באַלד באַקומען גוט צו עסן."

מיר האָבן זיך דערפרייט.

עטלעכע זעלנערס האָבן אונדז אַריינגעפירט אין אַ לייוונטענעם געצעלט. אינעווייניק האָט געבלאָזן אַ ווינט פון אַלע זייטן, ווייל עס זיינען געוואָרן איבערגעלאָזט ברייטע שפּאַרעס פון איין שטיק לייוונט און דעם צווייטן, מען האָט עס נישט צוגעניית. עס זיינען דאָ נישט געווען קיין פּריטשעס און אַפילו נישט אַ ביסל שטרוי, נאָר פּוסטע לײדיקע ליימיקע ערד. אונטן ביי דער ערד איז נישט געווען אַרומגעשאָטן מיט קיין זאַמד, האָט פון בייטאַכטיקן רעגן אַריינגעגאָסן, און אַזוי ווי דאָס איז געווען אויף אַ פעלד, זיינען געבליבן שטיין אין די טיפערע ערטער בלאָטעס, וואָס דער ליים האָט נישט איינגעזאַפּט. באַלד זיינען אַוועקגעשטעלט געוואָרן זעלנערס מיט מאַשין־געווער, כדי די „יודען פאַרברעכערס" זאָלן נישט וואַגן אַרויסצוגיין. מיר אַלע האָבן געלעבט מיט דער האָפענונג אויף דעם פעלדפעבלס צוזאַג, אַז „מיר וועלן באַלד באַקומען עסן און באַהאַנדלט ווערן לויט דעם אינטערנאַציאָנאַלן געזעץ פאַר קריג־געפאַנגענע". מיר האָבן געהאַלטן אין איין קוקן צום אַריינגאַנג, צי מען ברענגט שוין עסן. ס'איז דורכגעגאַנגען דער גאַנצער טאָג, און קיין עסן האָבן מיר, יידן, נישט באַקומען. עס איז צוגעפאַלן די נאַכט. אין געצעלט איז געווען פינצטער. נאָר פון ביידע זייטן פון דעם אַריינגאַנג פון פאָרנט און פון הינטן האָבן אין דרויסן געלויכטן פּראָזשעקטאָרן און עס זיינען דאָרטן געשטאַנען סאָלדאַטן מיט מאַשין־געווער אין די הענט. איין ייד דעם צווייטן האָט אָנגעזאָגט: „קיינער זאָל, חלילה, נישט וואַגן אַרויסצוגיין פון געצעלט אויף דעם מענטשלעכן געברויך".

פון מידקייט זיינען מיר יידן אַנידערגעפאַלן אויף דער נאַסער ערד. איך האָב מיך מיט אַלע כוחות געשטאַרקט צו שטיין אויף די פיס, ווייל כ'האָב מורא געהאַט, אַז אויף דער קאַלטער און נאַסער ערד וועל איך מיך צוקילן. איך האָב אַצינד געשאָלטן דעם כאַמסקן פּאָליאַק, וואָס האָט פון מיר אַראָפּגעצויגן מיין פּאַלטן אין טשענסטאָכאָוו. שפּעט ביי נאַכט בין איך איינגעשלאָפן. פאַר טאָגס האָט מיך אויפגעוועקט אַ שלאַקסרעגן, וואָס האָט געקלאַפּט אין די לייוונטן און עס האָט מיך געוואָרפן פון קעלט. כמעט אַלע זיינען אויפגעקומען, ווייל דער רעגן האָט אַריינגעגאָסן און מיר זיינען געלעגן אין וואַסער. איך האָב מיך אויפגעשטעלט. מיינע קליידער זיינען געווען נאַס און פאַרגעלט פון געלן ליים. איין פאַרלאַנג איז געווען: עסן. מען האָט טאַקע געוואָלט באַפרייט ווערן, אָבער פריער פאַר אַלץ האָט מען געוואָלט עסן. איך האָב גענומען מיין בלעכן פּושקעלע און אַריינגעקראַצט רעגן־וואַסער פון דעם נאַסן לייוונט, אָבער עס האָט נישט געהאַט קיין גוטן טעם.

מיטאָגצייט איז אַרייַנגעקומען אַן אָפיציר און געמאָלדן, אַז מען וועט אונדז באַלד אויסטיילן עסן, און ער האָט צוגעגעבן: „איר וועט באַקומען עסן דריי מאָל אין טאָג״. די פרייד איז געווען אין לשער. עס איז אָבער אַוועק דער גאַנצער טאָג און מיר האָבן ווידער גאָרנישט באַקומען. אויף דער נאַכט האָבן מיר ווידער זיך געמוזט לייגן הונגעריקע אין דער בלאָטע און פאַר טאָגס האָט אונדז ווידער אויפגעוועקט אַ שטאַרקער רעגן.

אויף מאָרגן איז אַרייַנגעקומען דורך דעם הינטערשטן אַרייַנגאַנג אַן אונטער־אָפיציר, מיט אַ סענקעוואַטע דרענגל אין דער האַנט, און פּאָכנ־דיק און דראָענדיק דערמיט איבער אונדזערע קעפּ, האָט ער באַפעלעריש געזאָגט, אַז „אַלע יודען זאָלן תיכף אָפּגעבן דאָס גאַנצע געלט, דאָס גאַנצע גאָלד און די גאַנצע וואַליוטע — ווען נישט, וועלן אַלע יודען דערשאָסן ווערן!״

עס האָט אונדז אָנגעכאַפּט אַן אימה, אָבער באַלד האָט זיך אַרויסגע־רוקט אַ דרייסטער האָרעפּאַשנער ייִד, אַ דאָראָשקאַזש פון לאָדזשער באַ־לוט, זיין נאָמען איז געווען קאַפּוסטאַ. ער האָט געקענט רעדן אַ גוטן דייטש, און מיט אַ טאָן פון אַ זעלנער צו זיין עלטסטן האָט ער זיך אָפּגע־רופן: הער אָפיציר, איך מעלדע געהאָרכזאַם, דאַס אין טשענסטאָכאָוו האָבן וויר אַלעס אָפּגעגעבן דער דויטשער פּאָליציי. וויר האַבן גאַרניכט!״.

דער אָפיציר האָט זיך ווי עפּעס פאַרלוירן און זיך גיך אַרויסגעגנבעט דורך דעם הינטערשטן אַרייַנגאַנג. מיר, אויף טויט דערשראָקענע, האָבן לייכטער אָפּגעאָטעמט און געווען דאַנקפול דעם האָרעפּאַשנעם ייִד.

עס איז ווידער אַוועק אַ טאָג אָן עסן. צו מאָרגנס אין דער פרי האָבן די דייטשן אויסגעטיילט פאַר פיר פערזאָנען איין גרויסע שיסל צום וואַשן זיך, אַ קלענערע שיסל אויף זופּ, אַ שיסעלע אויף פלייש און אַ טעפּעלע אויף קאַווע. מיט די פיר כלים האָבן אַלע פיר ייִדן זיך געדאַרפט איינ־טיילן דאָס עסן, וואָס זיי האָבן אונדז צוגעזאָגט צו געבן דריי מאָל טעג־לעך, און יעדער איינער האָט באַקומען אַ וויס מעטאַלענעם לעפל. און ערשט צו מאָרגן פאַר נאַכט האָט אַן אָפיציר געמאָלדן, אַז מיר וועלן באַקו־מען עסן. דאָס איז געווען נאָך פינף טעג פון גאָרנישט עסן און גאָרנישט טרינקען.

מיינע דריי שותּפים פון געפּעס האָבן באַשלאָסן, אַז איך זאָל גיין צו דער קיך ברענגען די זופּ; זיי האָבן מיר געגעבן די גרויסע שיסל און איך האָב מיך געלאָזט גיין צו דער קיך צו ברענגען די פיר פּאָרציעס זופּ — פיר ליטער. די נאַכט איז פּלוצעם צוגעפאַלן. ס'איז געוואָרן פינצטער.

אַרום די ווייסע לייוונטענע געצעלטן האָבן געלויכטן עלעקטרישע לאָמפּן. ס'איז געווען אַ געדיכטער פייכטער נעפּל נאָך אַ רעגן. די וואָלקנס זיינען געהאַנגען נידעריק. דער געלער ליים האָט געקלעפּט אונטער די פיס. ביי יעדן טראָט, וואָס איך האָב געשטעלט, זיינען מיינע פיס געבליבן זינקען אין ליים. דער וועג איז געווען אַ לאַנגער. די קיך האָט זיך געפונען אין צווייטן עק לאַגער. מיר איז אויסגעקומען דורכצוגיין צענדליקער לייוונטענע געצעלטן. קוים מיט צרות האָב איך מיך דערשלאָגן צו דער קיך. ווען כ'בין אַריין אינעווייניק, בין איך געווען זיכער, אַז כ'בין שוין געהאָלפן געוואָרן. כ'בין צוגעגאַנגען צום אויסטיילער קוכער און ער האָט מיר אַריינגעגאָסן אַ קליינעם שעפּלעפּל זופּ.

„איך מוז ברענגען עסן פאַר פיר מענטשן" — האָב איך אים געזאָגט מיט געבעט און הכנעה. ער האָט מיך נישט געוואָלט הערן און אַ צווייטער סאָלדאַט האָט מיך באַפוילן אַרויסצוגיין. „פאַרפאַלן — האָב איך באַשלאָסן — כ'וועל צוריקגיין אין געצעלט און מיר וועלן זיך מיט דעם איינטיילן". אָבער איך בין אַזוי הונגעריק געווען, אַז מיין האַנט איז אינסטינקטיוו אַריינגעקראָכן אין שיסל און האָט אַרויסגענומען איין ברייטן לאָקש און גלייך צוגעטראָגן צום מויל. איך האָב אַפילו קיין איין קײַ נישט געגעבן, דער לאָקש האָט זיך אַליין אַראָפּגעשלונגען. איך האָב אַ קוק געגעבן אין שיסל, איז מיר ביטער געוואָרן אויף מיין האַרץ — זי איז געווען ליידיק.

„ווי איז מיר, וואָס האָב איך געטאָן?! אין געצעלט וואַרטן דריי שותפים אויף דעם ביסל עסן. זיי האָבן שוין פינף טעג גאָרנישט געהאַט אין מויל אויסער עטלעכע לעפל רעגן־וואַסער, וואָס מען האָט אָפּגעקראַצט פון די לייוונט אין געצעלט".

אַלע דריי שותפים האָבן מיך אָפּגעוואַרט ביים אַריינגאַנג מיט די לעפל אין די הענט. זיי האָבן אַריינגעקוקט אין שיסל און דערקענט, אַז ס'איז דאָ געווען זופּ, האָבן אַלע אינאיינעם אַ געשריי געטאָן!

— ער האָט אויפגעפרעסן אונדזער זופּ!

— אַזאַ גנב! אַ גזלן!

— אַן אמתע חיה!

כמעט דער גאַנצער געצעלט מענטשן איז אויף מיר אַרויפגעפאַלן, מען האָט מיך געזידלט און געשאָלטן, טייל האָבן מיך ממש געוואָלט צערייסן אויף שטיקער.

איך האָב מיך געפילט שולדיק. ס'מויל האָט זיך מיר נישט געקענט עפענען צו פאַרענטפערן. איך האָב מיך געשעמט די אויגן אויפצוהייבן, און מיין האַרץ האָט געוויינט.

צו מאָרגנס אין דער פרי האָט מען געזען, אַז ס'שטייען ווידער ביי ביידע אַריינגענג פון אונדזער געצעלט סאָלדאַטן מיט מאַשינביקסן אין די הענט, מיט דערצאָרנטע פּנימער און אַזאַ אָנשטעל, אַז אָט־אָט שיסן זיי אונדז. ווער עס האָט נאָר אַרויסגעקוקט, האָבן די סאָלדאַטן אָנגעשטעלט רציחהדיקע אויגן און אָנגעצילט די מאַשינביקס. ווען דאָס איז אויך געשען מיט דעם דראָשקאַזש קאַפּוסטאַ, האָט ער אויף זיין גוטן דייטש אויפגעקלערט דעם סאָלדאַט: „הערען פּאָסטן, מיר זיינען נישט קיין פאַר־ברעכערס, מיר זיינען נאָר געפאַנגענע. מיר אַלע זיינען אָרנטלעכע מענטשן. עס געפינען זיך צווישן אונדז צען־צוועלף־יאָריקע יינגלעך, קינדער און אויך זעכציק־יאָריקע זקנים. מען האָט אונדז געפאַנגען אָן שום סיבה און מען לאָזט אונדז אויסגיין פון הונגער!" דער זקן אין די הויכע זעכציקער יאָרן האָט זיך צעוויינט אויפן הויכן קול.

דאָס האָט עפּעס געווירקט אויף דעם דייטש און ער האָט אַראָפּגעבויגן די ביקס צו דער ערד.

עס איז ווידער אַוועק אַ צרהדיקער טאָג אָן עסן, און פון הימל האָט אַלץ נישט אויפגעהערט צו כליאָפּען. צו מאָרגנס אין דער פרי האָט מען אויסגעטיילט פאַר אַכט מאַן איין מיליטעריש ברייטל, מיט איין לעפעלע מאַרמעלאַד. באַלד האָט מען אונדז געהייסן אָפּגעבן ס'געפעס און מען האָט דעם גאַנצן טראַנספּאָרט — פּאָליאַקן, אוקראַאינער און יידן — אַרויסגע־פירט פון די געצעלטן. יעדע נאַציאָנאַליטעט האָבן זיי געשטעלט באַזונדער אין מיליטערישער אָרדענונג צו פינף אין אַ ריי, און מיר האָבן אָפּגעמאַר־שירט צו דער באַן.

דאָס מאָל האָט אונדז קיינער נישט אָפּגעוואַרט אויף די גאַסן. מיר זיינען צוריקגעגאַנגען אויף דעם זעלביקן וועג, וואָס מיט אים זיינען מיר אַהערגעקומען. די גאַסן זיינען געווען ווי אויסגעשטאָרבן, פון טייל הייזער האָבן מענטשן אַרויסגעקוקט דורך די פענצטערס מיט טרויעריקע בליקן. דאָס פאַרלאָדענען אונדז אין די פראַכטוואַגאָנען איז צוגעגאַנגען אָן שלאָגן און גיך.

צו מאָרגנס אין דער פרי זיינען מיר אָנגעקומען קיין לוקענוואַלד, אַרום פיר הונדערט קילאָמעטערס פון בערלין.

אין נייעם אָרט האָבן אונדז איבערגענומען אַנדערע אָפיצירן. מען האָט אונדז עטלעכע מאָל איבערגעציילט. דערנאָך האָבן מיר געמוזט גיין איבער אַ שעה הינטער דער שטאָט צו אַ דראָט־פאַרצוימט פעלד, וואו מען האָט אונדז אָפּגעטיילט: באַזונדער די „שלאַנסקער" (געקומענע פון שלע־

זיע), באַזונדער אַפּשטאַמיקע פון אַלע אַנדערע פּוילישע געביטן, באַזונדער אוקראַאינער און באַזונדער יידן. מען האָט געזאָגט, אַז די דייטשן האַלטן די שלעזיאַקעס פאַר פאָלקסדייטשן, און זיי האָבן טאַקע באַקומען אַ געצעלט מיט אַ הילצערנער פּאָדלאָגע, מיט פּריטשעס צום שלאָפן. די פּאָליאַקן האָבן אויך באַקומען אַ געצעלט מיט אַ פּאָדלאָגע און מיט פּרי־טשעס, אָבער נישט אַזעלכע גוטע; אונדז, יידן, האָבן די דייטשן אַריינ־געטריבן אין אַ לייוונטענעם געצעלט, וואו עס האָט זיך גאָרנישט געפונען. פון אויסגעשעפּטקייט האָט דער גרעסטער טייל זיך באַלד אַנידערגעלייגט אויף דער נאַסער ליימענער ערד. עס איז אַדורך דער טאָג — און מיר, יידן, האָבן ווידער נישט באַקומען נישט קיין עסן און נישט צו טרינקען.

די אוקראַאינער האָבן אויך באַקומען אַ געצעלט, נאָר די דייטשן האָבן ספּעציעל צו אונדז אַריינגעשיקט אַן ערך הונדערט אוקראַאינער, כדי זיי זאָלן אונדז אָנטאָן צרות. ביי נאַכט, ווען מיר זיינען געשלאָפן, האָבן די אוקראַאינער צוגעגנבעט שיך און מלבושים פון די יידן, וואָס עס האָט זיך זיי איינגעגעבן דאָס אָפּצוראַטעווען פריער. טייל יידן האָבן פון די רוצחים צוריקגענומען די גניבה מיט געבן זיי שטאַרקע קלעפּ.

ערשט צו מאָרגנס האָט זיך יעדער געשטעלט מיט לעפל און שיסל אין דער ריי און מען האָט אונדז אויסגעטיילט צו אַ ליטער „זופּ". דאָס איז געווען קאָכעדיק וואַסער, וואו עס איז אַרומגעשוואומען אַ שטיקל אוגערקע אָדער אַ פּיצל קאָלעריב, געקאָכט אויף פערדביינער. פאַר נאַכט האָט מען אויסגעטיילט צו אַן אַכטל פון אַ מיליטערישן ברייטל פאַר יעדן. דאָס „ברויט" האָט מיר געברענט אין מאָגן, עס האָט מיר קאַפּויער געשלאָגן זויערער גאַז. פון די יסורים האָב איך נישט געקענט ביי נאַכט שלאָפן. דאָס „ברויט" איז געוואָרן אויסגעבאַקן פון: האָלצשטויב, קאַרטאָפל־שאָלן, אַ ביסל מעל און טעקסטרין (קאַשטאַנען־קלייסטער). עס זיינען דאָ געווען פרומע יידן, וואָס האָבן נישט געגעסן די זופּ. האָב איך יעדן טאָג אָפּגע־קויפט ביי אַ פרומען ייד מיט אַ לאַנגער ברייטער באָרד זיין זופּ פאַר מיין שטיקל ברויט. איין און איינציק מאָל האָבן מיר פאַר נאַכט באַקומען יעדער איינער אַ האַלב ברייטל. האָב איך, האַלטנדיק אין האַנט דאָס האַלבע ברויט, געפרעגט דעם ייד: „דאַרף איך אייך געבן דאָס גאַנצע האַלבע ברויט פאַר דער וואַסערדיקער זופּ, וואָס איך האָב היינט פון אייך באַקומען?" האָט ער מיר געענטפערט מיט אַ שמייכעלע: „זיכער! מיר האָבן דאָך אָפּגערעדט אַ פּאַרציע ברויט — פאַר אַ פּאַרציע זופּ." אַזאַ „צדיק" איז ער געווען.

בײַ די ייִדן האָט דאָס האַלבע ברויט אַרויסגערופֿן פֿרייד און ביטחון. די פֿאַנטאַזיע האָט זיך בײַ זײ צעשפּילט, זײ האָבן אין דעם געזען אַ סימן, אַז די מילחמה ענדיקט זיך שוין און מיר װעלן באַלד באַפֿרײט װערן. זײ האָבן זיך געלײגט אַ ביסל זאַטער, באַלד אײַנגעשלאָפֿן און געחלומט זיסע חלומות.

איין און אײנציק מאָל איז געװען אַ געדיכטע זופּ, פֿאַרקאַכט מיט אַרבעס. דאָס איז פֿאַר אונדז אַלע געװען אַן אמתע יום־טובדיקע סעודה.

אַזױ װי דער װעטער איז שױן געװאָרן קעלטער, האָבן די דײַטשן אַרײַנגעגעבן אַ ביסל שטרױ, אָבער עס איז נישט געװען גענוג אױסצו־שפּרײטן איבערן גאַנצן געצעלט. דאָס שטרױ האָט זיך גיך צעריבן.

היות מיר זײַנען געשלאָפֿן אין אַנטועכץ, שוין אַזוי פּיל וואָכן זיך נישט געוואַשן, ווייל מען גיט אונדז נישט קיין וואַסער און נישט קיין זייף און טראָגן אַזאַ לאַנגע צייט די זעלביקע וועש, — זייַנען מיר פֿאַרלייזיקט געוואָרן פֿון קאָפּ ביז פּיס. אַפּילו אויבן אויף די מלבושים האָבן אַרומ־געשפּאַצירט די לייז. לייז פֿון אַלערליי קאָלירן, פֿון אַלערליי מינים. די לייז האָבן אויסגעזויגן דאָס לעצטע ביסל בלוט פֿון אונדזערע אויסגע־מוטשעטע גופים. די לייז האָבן אונדז נישט געלאָזט שלאָפֿן. יעדער האָט זיך כסדר געקראַצט. דער גרעסטער טייל ייִדן זייַנען קראַנק געוואָרן: איינער האָט געהאַט אַ רויז, איינער האָט זיך צוגעקילט די ציין, אַ צווייטער אַן אויער; טייל האָבן געליטן פֿון פֿאַרשטאָפּונג, טייל פֿון שילשול, טייל האָבן געהאַט דיזענטעריע. כמעט יעדער האָט באַקומען געשווירן פֿון קראַצן זיך מיט די שמוציקע נעגל און פֿון נישט וואַשן דעם קערפּער. איך האָב באַקומען אַ געשוויר אויף דער רעכטער האַנט. מיין חלום איז געווען: אַ הייסע באָד מיט אַ שטיקל זייף. אַזוי ווי מיר האָבן געזען, אַז מען באַפֿרייט אונדז נישט, האָבן מיר געוואָלט כאָטש האָבן אַ דאָקטער.

יעדער אינדערפֿרי און יעדער פֿאַרנאַכט איז פֿאַרגעקומען אַן אַפּעל — מען האָט אונדז אָפּגעציילט. האָבן מיר געבעטן דעם אָפֿיציר, אַז ער זאָל אונדז שיקן אַ דאָקטער.

יעדער טאָג זייַנען געקומען ציווילע דייטשן, אַלטע און יונגע, מענער און פֿרויען, זען דאָס בייזע וואונדער: די אָסט יודען, האַלב נאַקעטע, באָרוועסע, שמוציקע, ווילד־באַוואַקסענע, מיט געשווירן און מכות, וואָס שלאָפֿן אויף דער ערד אַזוי ווי ווילדע חיות. זיי האָבן אויף אונדז געקוקט ווי אויף חיות אין אַ מענאַזשעריע, נאָר מיט האַס.

איין מאָל איז געקומען אַ מיליטערישער דאָקטער: אַ הויכער, אַ

שיינער, אַ ברונעטער. ער האָט מורא געהאַט צוצוגיין נאָענט צו די קראַנקע. ער איז געשטאַנען עטלעכע מעטער פון דער ווייטן און געפרעגט דעם חולה, וואָס עס איז אים. ווען איינער האָט זיך געקלאָגט, אַז ער האָט אַריבער אַ וואָך נישט געהאַט קיין שטולגאַנג, האָט ער אים געהייסן יעדער אינדערפרי אויסטרינקען אַ שיסל וואַסער. ווען אַ 2־יאָריק ייִנגל האָט גע־זאָגט, אַז דער גאַנצער קערפּער רייסט אים טאָג און נאַכט, האָט דער דאָקטער אים געהייסן זיך גוט צודעקן מיטן שטרוי, ווייל דאָס איז רעוו־מאַטיזם. ער איז שנעל פּאַרטיק געוואָרן און איז אַנטלאָפן ווי פון אַ מגיפה.

ערב יום־כיפּור האָבן די רעליגיעזע ייִדן זיך באַראָטן וואָס זיי זאָלן מאָרגן טאָן: צי זאָלן זיי אום יום־כיפּור אָפּנעמען די זופּ מיט דעם שטיקל ברויט? ווי קען מען אין אַזאַ טאָג זיך שטעלן אין אַ ריי נאָך עסן?

איינער האָט פאָרגעשלאָגן, אַז מען זאָל דעם קאָמענדאַנט אויפקלערן, וואָס פאַר אַ טאָג דאָס איז פאַר ייִדן, וועט ער אפשר באַפרייען פון שטיין אין דער ריי נאָך דעם עסן. „ניין, אַזוי טויג נישט — האָט ר׳ גאָדל טאָ־מאַשאָווער, אַ געוועזענער חסיד, געזאָגט — ער קען גאָר אונדז באַשולדיקן, אַז מיר ברעכן די דיסציפּלין, און מער פעלט אונדז נישט. איך האַלט, אַז יעדער זאָל זיך שטעלן אין דער ריי, ווי יעדער טאָג, אָפּנעמען די זופּ און דאָס ברויט און ערשט אויף דער נאַכט עסן". און אַזוי איז עס טאַקע געבליבן.

די טאָמאַשאָווער זיינען געווען אָרגאַניזירט. עס זיינען צווישן זיי געווען אַ סך רעליגיעזע און אויך אַ סך קינדער. די גאַנצע גרופּע האָט זיך געהאַלטן צוזאַמען אין איין ווינקל פון געצעלט. דער אָנפירער איז נישט געווען קיין רעליגיעזער. ער האָט זיך ערגעץ פאַרשאַפן עמערס. יום־כיפּור האָבן אַלע אַריינגעגאָסן די שיסלען זופּ אין די עמערס. אויף דער נאַכט האָבן זיי געגעסן ס׳ברויט מיט דער זופּ און די גאַנץ פרומע האָבן באַלד אָוועקגעגעבן די זופּ פאַר דעם שטיקל ברויט.

יום־כיפּור אויף דער נאַכט האָבן די רעליגיעזע ייִדן זיך צונויפגע־זאַמלט אין אַ ווינקל פון געצעלט. עטלעכע ייִדן האָבן ביים אַנטלויפן פון דער היים מיטגענומען טלית און תפילין מיט אַ סידור. טייל האָבן אויך מיטגענומען אַ מחזור פאַר ימים נוראים, וואָס זיינען דעמאָלט געווען נאָענט. ר׳ גאָדל, אַן עלטערער ייִד מיט אַ לאַנגער, ברייטער באָרד, האָט זיך איינגעהילט אין אַ טלית (דער איינציקער פאַרבליבענער טלית, וואָס עס האָט זיך אין ייִדן איינגעגעבן אויסצובאַהאַלטן) און ער האָט פון מחזור

געזאָגט „כל נדרי" מיט אַ דערשטיקט און צעבראָכן קול. יעדער וואָרט האָט צעבראָכן ס'האַרץ. מען האָט שטיל געזונגען די תפילה מיט מורא, די דייטשן זאָלן, חלילה, נישט דערהערן. ביים אַריינגאַנג זיינען יידן געשטאַנען אויף שמירה. ר' גאַדל האָט געוויינט און מיר די מתפללים האָבן מיטגעוויינט, ווייל זיין צעבראָכן האַרץ האָט גערירט די סטרונעס פון אונדזערע צעבראָכענע הערצער.

ווען ר' גאַדל האָט געענדיקט „כל נדרי" און יידן האָבן זיך געוואונטשן אַ „גמר חתימה טובה, אַ גוט יאָר!" האָט ר' גאַדל, וואָס האָט זיך אַראָפּ־געוויינט פון האַרצן פאַר דעם רבונו של עולם, געזאָגט: „יידן, איך פיל עפּעס, אַז די ישועה איז שוין דאָ, אַז מיר וועלן באַלד באַפרייט ווערן!"

אַזוי ווי דער הונגער האָט מיך שטאַרק געפּייניקט, בין איך איין מאָל פאַרקראָכן צווישן אַנדערע געצעלטן מיטן מיין, אפשר וועל איך דאָרטן עפּעס געפינען צו עסן. דאָרטן האָב איך דערזען שמאַי פּילעצקי, אַ שניי־דער פון מיין שטעטל סקאַרזשיסק. ער איז געווען אַ הויכער, אַ קרעפּ־טיקער. געקומען איז ער פון אַן אָרעמער היים, בכבודיקע מענטשן. ער איז אַ מאָל געשטאַנען אין שפּיץ פון פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין פון די שניידערס און אָנגעפירט מיט שטרייקן. זיין באַלעבאָס, הירש בער פּעלדמאַן, האָט נישט געוואָלט נאָכגעבן זיינע געזעלן און זיי פאַרמסרט צו דער פּאָליציי. האָט שמאַי אים געשפּאָלטן דעם קאָפּ מיט זיין שטעקן. מיר האָבן זיך ביידע אָנגעקוקט און צעשמייכלט. איך האָב אים דערציילט וועגן מיין ביטערער לאַגע.

שמאַי האָט מיר געזאָגט, אַז ער איז נישט אַנטלאָפן, נאָר אים האָבן די דייטשן געפאַנגען אין שטעטל, צוזאַמען מיט די פּאָליאַקן און אַז ער גייט דאָ אַן פאַר אַ פּאָליאַק, אַ סך פּאָליאַקן ווייסן דאָס און שיצן אים; ער האָט מיך פאַרבעטן, אַז איך זאָל ביי נאַכט שלאָפן ביי אים אין געצעלט, וואו ס'איז וואַרעמער.

פאַר נאַכט, אײדער מען האָט זיך גערדאַרפט לייגן שלאָפן, האָב איך מיך אַריינגעגנבעט צו שמאַין אין געצעלט. ווי נאָר כ'בין אַריינגעקומען, האָט מיך אַרומגענומען אַ וואַרעמקייט. דער גאַנצער געצעלט איז געווען גוט צוגעמאַכט אַרום און אַרום. ס'איז דאָ געווען אַ הילצערנע פּאָדלאָגע, הילצערנע פּריטשעס מיט שטרוי. מען איז געשלאָפן אין די אונטער־וועש, צוגעדעקט מיט מיליטערישע קאָלדרעס.

עטלעכע פּאָליאַקן, וואָס האָבן מיך דערקענט, האָבן זיך דערפרייט מיט מיר. איינער האָט מיר געגעבן זיין מאַרינאַרקע זיך צוצודעקן. ער

האָט מיר אָנגעוויזן אַן אָרט אויף דער פּאָדלאָגע לעבן זיין פּריטשע און געזאָגט: „האָב נישט מורא. זיי וועלן דאָ נישט אַריינקומען.״ איך האָב מיך אַנידערגעלייגט אויף דער פּאָדלאָגע און צוגעדעקט מיט זיין מאַרי־נאַרקע. עס איז דאָ געווען שטיל. קיינער איז נישט געווען אויפגערעגט, ווי ביי אונדז אין געצעלט; מען האָט זיך נישט געקריגט, נישט געזידלט. עס האָט געהערשט אַ דיסציפּלין. זיי האָבן געהאַט זייף, ראַזיר־כּלים. זייערע געווען ריין און אָפּראַזירט.

אַ פּויער מיט דערציילערישן טאַלאַנט האָט דערציילט הומאָריסטישע פאָלקס־מעשהלעך. אַלע האָבן געלאַכט מיטן גאַנצן האַרצן. איך האָב שוין לאַנג־לאַנג נישט געהערט לאַכן, איבער הויפּט אַזאַ לאַכן מיט אַלע איברים. אַלע מעשיות זיינען געווען וועגן אַ גלח, אַ פּריץ, אַ פּויער און אַ ייד. דער ייד האָט שטענדיק געוואָלט באַשווינדלען: דעם גלח, דעם פּריץ, דעם פּויער, אָבער שטענדיק איז דער ייד געבליבן צו נאַר, שטענדיק דורכ־געפאַלן אויף אַ קאָמישן אופן, און דאָס האָט זיי געבראַכט צום לאַכן.

דער פּויער איז געווען אַ קינסטלער אין דערציילן מעשיות. זיין פּויערישער אַקצענט, מיט זיין פּויערישן לשון, האָט צוגעגעבן אַ ספּעציעלן קאָלאָריט. ער האָט געוואוסט וואָס צו אַקצענטירן, און ווען מען האָט גע־לאַכט, האָט ער צוגעוואַרט ביז זיי האָבן זיך אויסגעלאַכט און דערנאָך ממשיך געווען. איך האָב געהאַט די געלעגנהייט צו זען ווי דער פּוילישער פאָלקלאָר איז דורכגעפּרעסן מיט אַנטיסעמיטיזם.

איך האָב מיך דערמאָנט אין מיין געצעלט און געטראַכט: ווי שווער און ביטער ס׳איז צו זיין אַ ייד.

איך בין די נאַכט דורכגעשלאָפן געשמאַק. איך בין ערשט אויפגע־שטאַנען, ווען אַלע האָבן זיך שוין געהאַט אָנגעטאָן. ווען דער פּאָליאַק האָט צוריקגענומען די מאַרינאַרקע, האָט ער געזען עס שפּאַצירן אויף איר לייז. ער האָט מיר געקוקט אין די אויגן אַריין און געזאָגט: „שוין! עס איז גענוג. אַז איין לויז כאַפּט זיך אַריין, ווערט מען פאַרלייזיקט!״ פון חרפה האָב איך נישט געקענט די אויגן אויפהייבן. איך בין באַלד אַרויס פון געצעלט. כ׳האָב מיך אומגעקוקט אין אַלע זייטן, צי מען זעט נישט קיין דייטש און כ׳בין אַריין אין דעם שמוציקן, פאַרלייזיקטן, קאַלטן און נאַסן געצעלט, וואו עס ליגן די יידן. פון גרויס חרפה און ווייטיק האָב איך מיך מער נישט געוויזן פאַר די פּאָליאַקן.

מען פירט אונדז אַרויס פון לאַגער — וואוהין?

עס איז געקומען אַ באַפעל, אַז די פּאַליאַקן זאָל מען שיקן אַהיים. די פּאַליאַקן האָבן זיך געפרייט: „מיר פאָרן אַהיים! מיר פאָרן אַהיים!״ — האָבן זיי אויסגעשריגן מיט שימחה. מיר יידן האָבן זיי מקנא געווען און מיר האָבן געגלייבט, אַז מיר וועלן אויך באַלד אַהיימפאָרן.

איך האָב מיר פאַרשאַפט אַ בייגעלע פּאַפּיר מיט אַ בלייער ביי אַ פּאַליאַק און כ׳האָב גיך אָנגעשריבן אַ בריוו צו מיין שוועסטער אסתר קיין לאָדזש. איך האָב געשריבן קורץ און שאַרף: „ליבע שוועסטער אסתר, איך בין געפאַנגען. איך געפין מיך אין אַ געפאַנגען־לאַגער אין לוקענוואַלד, אין דייטשלאַנד. איך גיי אויס פון הונגער. שיק מיר ברויט. עס קען זיין אַ טאָרבע מיט אַלטע שטיקלעך, אַבי ברויט. גאָט זאָל העלפן, מיר זאָלן זיך זען ווי צום שנעלסטן.״ דער פּאַליאַק, וואָס האָט מיטגענומען דעם בריוו, איז געווען אַן אָרעמער אַרבעטער פון לאָדזש. ער האָט דאָס געטאָן מיט צופרידנקייט.

די פּאַליאַקן זיינען טאַקע נאָך דעם זעלביקן טאָג אַהיימגעשיקט געוואָרן, יעדער אין זיין שטאָט.

עס האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז יידן וועלן אויך אַהיימגעשיקט ווערן. איז געוואָרן אַ גרויסע פרייד און יידן האָבן אָנגעהויבן אויסרעכענען, ווען דאָס קען געשען און ווי לאַנג וועט דויערן די נסיעה ביז לאָדזש, און אויב מען וועט אַרויס פון „יעקעס״ הענט, וועט מען פייערן שימחת־תורה אַזוי ווי גאָט האָט געבאָטן: מיט געבראָטענע גענדז, מיט געוויקלט קרויט, מיט וויין און מיט ספּירט.

און דער קלאַנג האָט זיך טאַקע אַרויסגעשטעלט צו זיין אמת. איין טאָג האָט מען אונדז געמאָלדן, אַז מיר פאָרן אַהיים. איינער אויף דעם צווייטן איז אַרויפגעפאַלן און מען האָט זיך געקושט. מען האָט געטאַנצט פון פרייד. מען האָט אונדז אויסגעשטעלט צו פינף אין אַ ריי, געהייסן אָפּגעבן די שיסל מיטן לעפל, וואָס יעדער האָט באַקומען. דער קאָמענדאַנט האָט געזאָגט, אַז מען וועט יעדן איינעם רעווידירן, ביי וועמען מען וועט געפינען אַ לעפל, דער וועט דאָ בלייבן און באַשטראָפט ווערן.

מען האָט יעדן איינעם צוגעטיילט אַ גאַנץ מיליטעריש ברויט פון איין קילאָ מיט אַ שטיקל אַלטן פאַרדומפּענעם מאַרגאַרין. דאָס ברויט איז געווען פריש געבאַקן. אין לאַגער האָבן די דייטשן נישט געגעבן קיין פריש ברויט, ווייל דאָס האָט אַרויסגערופן דיזענטעריע, אָבער ווען יידן

זיינען שוין אָוועקגעפאָרן, האָבן זיי עקסטרע געבאַקן פריש ברויט: ס׳האָט זיי נישט געאַרט, ווייל די עפּידעמיע וועט נישט זיין אין זייער לאַנד.

אַלע האָבן מאָמענטאַל איינגעשלונגען דאָס גאַנצע ברויט מיטן מאַר־גאַרין, ס׳איז נישט געבליבן קיין קרישעלע. איך האָב נישט געקענט אויפעסן מער ווי איין פּערטעלע און באַלד האָט מיר אָנגעהויבן צו ברע־נען אויפן מאָגן און עס האָט מיר קאַפּויער געשלאָגן זויערס. דאָס „ברויט" איז געמאַכט געוואָרן פון האַלבשטויב, קאַרטאָפל־שאָלן און קאַשטאַנמעל (טעקסטרין). דעם מאַרגאַרין האָב איך פאַרקויפט פאַר 50 פוילישע גראָשן, וואָס אַ ייד האָט מיר פאָרגעשלאָגן, און מיט צוויי פּאָרציעס מאַרגאַרין האָט זיך דאָס ברייטל שנעל אַראָפּגעגליטשט אין זיין מאָגן אַריין. איך האָב דריי פערטל ברויט אַריינגעלייגט אין ברויטזאַק, וואָס כ׳האָב געטראָגן פאַרוואָרפן איבערן האַלדז און אָרעם.

ווען דער קאָמענדאַנט האָט געזען, אַז אַלע שלינגען איין מיט איין מאָל דאָס גאַנצע ברויט, האָט ער געזאָגט: „איר דאַרפט זיך איינטיילן דאָס ברויט". ער האָט דאָס געזאָגט אַזוי שטיל, אַז נאָר עטלעכע, וואָס זיינען געשטאַנען לעבן אים, האָבן דאָס געהערט. אַ ייד האָט אים גע־פרעגט: „ווי לאַנג וועלן מיר פאָרן קיין לאָדזש?" ער האָט געטראַכט אַ ווײַלע און געענטפערט רואיק און שטיל: „זיבען טאָגע". אָבער קיינער האָט דאָס נישט גענומען ערנסט, מילא וואָס „יעקע נאַר" רעדט דאָרטן? ווי ווייט איז דאָס ביז לאָדזש? העכסטנס קען עס דויערן אַ טאָג און אַ נאַכט. און אַלע זיינען געווען זיכער: אויב מען שיקט אונדז אַהיים, איז שוין געוויס שלום. די זעלנערס אין לאַגער האָבן געהאַלטן אין איין זאָגן: ביז די בלעטער וועלן פאַלן, וועט זיין פרידן! היינט איז בליצקריג!"

ווען מען האָט אונדז געפירט צו דער באַן, האָב איך געפרעגט דעם זעלנער, וואָס איז געגאַנגען לעבן מיר: „איז שוין אויס קריג? איז שוין פרידן?" דאָס איז געווען אַן עלטערער דייטש, האָט ער מיר געענטפערט טרויעריק: „ניין! די פראַנצויזן זיינען אַריבערגעטראָטן!" איך האָב פון דעם פאַרשטאַנען, אַז פראַנצויזן האָבן אָנגעהויבן אַן אָפענסיווע.

אין די פראַכטוואַגאָנען זיינען אַריינגעלאָזט געוואָרן צו הונדערט און צוואַנציק יידן. מען האָט צוגעמאַכט די טירן און דער צוג איז געשטאַנען. נאָך אַ גאַנצן טאָג שטיין האָט ערשט דער צוג אָנגעהויבן ביי נאַכט צו פאָרן. עס איז אַלעמען געוואָרן פריילעך אויפן האַרצן:

„יידן, פריילעך זאָל זיין! מיר פאָרן אַהיים!"

„מאָרגן אָונט וועלן מיר שוין זיין אין לאָדזש!"

איינער האָט אָנגעהויבן אַ פריילעכן מאַדזשיצער מאַרש און אַלע האָבן מיטגעזונגען. וואָס העכער די שטאָלענע רעדער האָבן געקלאַפּט אויף די שטאָלענע רעלסן, אַלץ האַפּערדיקער זיינען מיר געוואָרן און אַלץ התלהבותדיקער האָבן מיר געזונגען.

אין וואַגאָן איז געווען שטאָק־פינצטער. איינער דעם צווייטן האָט נישט געקענט זען. שפּעט אין דער נאַכט זיינען אַלע איינגעשלאָפן, ליגנדיק אויף דער פּאָדלאָגע. איין גוף האָט געוואָרעמט דעם צווייטן. לויט דעם שנעלן פאָרן האָבן מיר אויסגערעכנט, אַז נאָך פריער פון מאָרגן אָוונט קענען מיר זיין אין לאָדזש. דאָס האָט מיך דערפרייט.

אין דער פרי האָבן יידן אויסגערעכנט: „אַזוי ווי מיר זיינען געפאָרן אַ גאַנצע נאַכט, זיינען מיר שוין אויף פּוילישער ערד. אויף דער נאַכט וועלן מיר זיכער זיין אין לאָדזש, אויף דער קאַלישער באַנסטאַציע.״

דערווייל איז שוין מיטן טאָג און דער צוג שטייט שוין אַ לאַנגע צייט. מען האָט דאָ נישט געזען קיין לעבעדיק נפש, נאָר גרויסע פעלדער. דער הונגער האָט גענומען דערקוטשען. עס איז צוגעפאַלן די נאַכט און דער צוג איז נאָך אַלץ געשטאַנען. אונדזערע נערוון האָבן שיער נישט געפּלאַצט. אַרום צען האָט דער צוג גענומען פאָרן, זיינען מיר געוואָרן האַפּערדיקער און פריילעכער; באַלד האָבן מיר דערפילט, אַז מיר פאָרן צוריק, נישט פאָרויס, און עס האָט נישט לאַנג געדויערט און דער צוג איז ווידער געבליבן שטיין.

צו מאָרגנס אין דער פרי האָט דער צוג ווידער זיך גערירט פון אָרט. האָבן זיך עטלעכע יידן צוגעשטופּט צום פאַרקראַטעוועטן פענצטערל צו געבן אַ קוק, צי עס זעט זיך שוין לאָדזש. „יאָ! — האָט איינער אויסגעשריגן מיט פרייד — מען זעט שוין לאָדזש!״

„טאַקע?״ — האָבן אַלע געפרעגט האַפּערדיק.

„נו? וואָס האָב איך אייך, יידן, געזאָגט? מען וועט פראַווען שימחת־תורה אין דער היים!״

„איך האָב דאָס געזאָגט!״

„ניין! איך האָב דאָס געזאָגט!״ — שרייט אַ דריטער און עס גייט אים אין לעבן צו וויַזן, אַז ער איז דער חכם און נביא.

איך האָב מיך צוגעשאַרט צום פענצטערל, געכאַפּט אַ בליק: דער טאָג איז געווען אַ גרויער. טונקעלע וואָלקנס זיינען געהאַנגען גאַנץ נידעריק. גרויסע פעלדער, וואָס דאָס אויג קען זיי אַזש נישט אַרומנעמען. נישט ווייט פון אונדז אַרבעטן בלויז פרויען און קינדער.

רוף איך זיך אָן צו מײַנע מיטפּאַרערס:

„היטלער האָט מאָביליזירט אַלע מענער, אַרבעטן אויף די פּעלדער בלויז פרויען און קינדער. יידן, זייט וויסן, מיר זײַנען נאָך אין דײַטש־לאַנד!"

„איר האָט זיך שוין נישט מיט וועמען צו רייצן?!" — זײַנען אַלע אַרויפגעפאַלן אויף מיר, זײַנען גרייט געווען מיך צו צערייסן — מיר פאָרן שוין באַלד דריי מעת־לעת און ביי איס זײַנען מיר נאָך אַלץ אין דײַטשלאַנד!"

דעם פירטן טאָג איז דער צוג געבליבן שטיין אויף אַ באַנסטאַציע, אין אַ שטעטל הינטער קראָקע. פּוילישע פרויען זײַנען באַלד צוגעקומען מיט קוישעלעך, האָבן אונדז אָנגעבאָטן אַ זעמעלע מיט וואורשט פאַר צוואַנציק פּוילישע גראָשן. מיר האָבן געמיינט, אַז די דײַטשן האָבן באַלד בטל געמאַכט ס׳פּוילישע געלט. זעלטן ווער פון אונדז האָט געהאַט אַ פּאָר גראָשן, ווייל די דײַטשן האָבן פון אונדז אַלצדינג צוגערויבט אום ראש־השנה, אין טשענסטאָכאָוו, ווי שוין דערציילט. ביי מיר אין וועסטל־קעשענע האָבן זיך געהאַט פאַרוואַלגערט פּופציק גראָשן, וואָס איך האָב געקראָגן פאַר פאַרקויפן מיין פאַרציע מאַרגאַרין. האָב איך אַרויסדערלאַנגט די קריסטין דורכן פענצטערל צוואַנציק גראָשן און זי האָט מיר געגעבן אַ פריש ווייס זעמעלע מיט וואורשט. עטלעכע יידן פון מיין וואַגאָן האָבן באַוויזן דאָס צו קויפן, מסתּם פון אַנדערע וואַגאָנען אויך. דער זעלנער, וואָס האָט אונדז געהיטן, האָט די קריסטין אַוועקגעטריבן מיט דער ביקס, שרייענדיק: „דאָס זינד יודען! יודען האָבען קריג געמאַכט!"

איך האָב שנעל אַרײַנגעכאַפּט אין מויל אַ האַלב זעמעלע. די מענטשן אין וואַגאָן האָבן אויף מיר געקוקט מיט קינאה און צאָרן. איך האָב מיך געשעמט און מורא געהאַט אויפצועסן די צווייטע העלפט. כ׳האָב זי גיך אַרײַנגעלייגט אין אַ קעשענע. דער ביסן האָט אָבער אויפגערייצט מײַן הונגער, האָב איך אַרויסגענומען דאָס צווייטע העלפט און אַרײַנגעלייגט אין מויל, קיינער זאָל נישט באַמערקן, אָבער זיי האָבן מיך גוט געהיטן. האָט זיך איינער צעשריגן מיט גרויס ווייטיק: „איר זעט, דאָס צווייטע זעמל פרעסט ער שוין! אַז ער זאָל דערשטיקט און דערוואָרגן ווערן!"

„פרעסער! פּופלער!"

איך האָב געשוואוירן, אַז כ׳האָב נישט מער געהאַט ווי איין זעמעלע און אַז דאָס איז געווען די צווייטע העלפט. אָבער מען האָט מיר נישט געוואָלט גלייבן. מען האָט מיך געזידלט און געשאָלטן.

ס׳איז געווען אַ גרויסע טרייסט פאַר אונדז, וואָס מיר געפינען זיך שוין אויף דער פּוילישער ערד. מיר האָבן געוואָלט, אַז מען זאָל אונדז דאָ באַפרייען, ווען מיר שוין אַליין אַהיימפאָרן.

האָט איין ייד געפרעגט דעם זעלבער דורכן פענצטערל:

„ווען וועט מען אונדז אַרויסלאָזן פון די וואַגאָנען?"

„איר, יודען, קומען אַלע צו די רוסן! אַלע יודען זיינען קאָמוניסטן!" — האָט ער געענטפערט מיט צאָרן.

אַ ביסל שפּעטער זיינען צוגעקומען פּוילישע פרויען און מענער מיט עמערס וואַסער און אַריינדערלאַנגט טעפּעלעך וואַסער. איין פּאָליאַק האָט אַריינגעגעבן פלעשער וואַסער. ווען דער דייטש האָט דאָס געזען, האָט ער זיי אַוועקגעיאָגט.

נאָך מיטאָג האָט דער צוג אָנגעהויבן פאָרן אויף מיזרח. האָבן יידן געזאָגט:

„מיר פאָרן קיין רוסלאַנד."

„נו יאָ, היטלער און סטאַלין האָבן דאָך אַן אָפּמאַך. מסתּם זיינען זיי שוין וועגן אונדז דורכגעקומען."

„זאָל שוין זיין וואָס ס׳וועט זיין, אַבי מיר זאָלן שוין אַרויס פון די וואַגאָנען און באַפרייט ווערן פון זייערע הענט!"

אָבער מיר אַלע האָבן געוואָלט זיך פריער זען מיט דער מישפּחה. זאָל מען וויסן, אַז מיר לעבן. וועגן דעם בלוטיקן טראַר, וואָס די דייטשן פירן דורך איבער די יידן אין פּוילן, האָבן מיר קיין השגה נישט געהאַט. מיר האָבן געמיינט, אַז נאָר מיר זיינען דאָס כפּרה־הינדל און אונדזערע מישפּחות זיצן רואיק, ווי אין די נאָרמאַלע צייטן.

ווען דער צוג איז אַרויסגעקומען אויף די פעלדער, האָט די זון אונדז געוואָרעמט. די פעלדער זיינען נישט אַזעלכע גרויסע ווי אין דייטשלאַנד. עס זיינען געשטאַנען שורות ווייס־געקאַלכטע כאַטעס, די דעכער באַ־דעקטע מיט שטרוי. וואו נישט וואו זיינען געווען צעוואָרפן ווייסע בע־ריאָזעס. אַלץ איז געווען פאַרגאָסן מיט זון, עס האָט געשמעקט מיט פרוכט און גרינס. דער הימל איז דאָ אַזוי שיין, בלוי, אָן אַ פּגם. דאָ האָבן מיר דערוואָרעמט אונדזערע דורכגעפרוירענע, דורכגעקעלטערטע גופים. ווי שיין איז דער פּוילישער האַרבסט! — אָבער מיר זיינען געפאָרן אַ גאַנצן מעת־לעת אָן עסן און טרינקען.

צו מאָרגנס אין מיטן טאָג איז דער צוג אָנגעקומען אויף דער סטאַציע טאַרנאָוו, וואָס יידן האָבן גערופן טורנע. איך האָב אַרויסגעקוקט דורכן

פענצטערל און געזען, ווי יידישע מענער און פרויען קערן מיט בעזעמער דעם פּעראָן. איך האָב געפרעגט אַ פרוי, צי זי אַרבעט אויף דער באַן, האָט זי מיר געענטפערט „ניין! מען האָט יידן געכאַפּט און מען צווינגט אונדז דאָ צו אַרבעטן בחינם!"

אין מיין וואַגאָן (אויך אין אַלע אַנדערע וואַגאָנען) זיינען געלעגן מתים און קראַנקע אויף דיזענטעריע. דעם מענטשלעכן געברויך האָט מען גע־מוזט טאָן אין וואַגאָן. די חולאים האָבן געקרעכצט נאָך אַ לעפעלע וואַסער און נאָך אַ שטיקל ברויט.

פּוילישע פרויען האָבן דאָ דורך די פענצטערלעך אַריינפאַרקויפט פּאַ־פּירענע טאַרבעלעך וועלטשענע ניס. די וואָס האָבן געהאַט געלט האָבן געקויפט. עס זיינען אַצינד געשטאַנען בעסערע זעלנערס, האָבן זיי נישט געשטערט. איך האָב מיך דערמאָנט וואָס מיין מאַמע האָט געזאָגט: „טעאַ־ריע אַהין, טעאַריע אַהער, באַפּעל אַהין, באַפּעל אַהער — דער עיקר איז דער מענטש". מען האָט די ניס איינגעטיילט פאַר יעדן איינעם. ניס זיינען נערעוודיק, אָבער אַז דער מאָגן האָט דערפילט דעם טעם פון עסן, איז ער צערייצט געוואָרן און מער דערקוטשעט.

פאַר נאַכט האָט זיך דער צוג געלאָזט אין וועג אַריין, אָבער צוריק־וועגס, אויף מערב־זייט. מיר זיינען געפאָרן עטלעכע שעה. עס איז צו־געפאַלן די נאַכט און דער צוג איז שטיין געבליבן ערגעץ צווישן פּראַכט־צוגן.

אין דער פרי, ווען מיר זיינען אויפגעקומען פון שלאָף, האָבן מיר געזען, אַז מיר שטייען אין אַ וואַלד, האָבן יידן ווידער אַריינגעטייטשט, אַז מיר פאָרן קיין לאָדזש. שפּעטער, ווען דער צוג האָט אָנגעהויבן צו פאָרן, האָבן אַלע, אויסער די קראַנקע, געזונגען מיט אַ פריילעכן ניגון: „מיר פאָרן קיין לאָדזש! מיר פאָרן קיין לאָדזש!" פאַר נאַכט איז דער צוג שטיין געבליבן אויף אַ פעלד. דאָ זיינען מיר געשטאַנען אַ גאַנצן מעת־לעת. נאָך זיבן טעג און זיבן נעכט האָבן די דייטשן געעפנט די וואַגאָנען. זיי האָבן אונדז אויסגעשטעלט צו פינף אין אַ ריי און מיר האָבן מאַרשירט איבער דער שטאָט. דאָס איז געווען אין טשעשטשין. פריער האָט אַ העלבע שטאָט געהערט צו פּוילן און אַ העלבע צו טשעכאָסלאָוואַקיע. האָט די פּוילישע פאַשיסטיש־סאַנאַטאָרישע רעגירונג אין יאָר 1938 געמאַכט אַן אָפּמאַך מיט היטלערן און ביידע האָבן אָקופּירט טשעכיע. נאָך איבער אַ שעה גיין זיינען מיר אָנגעקומען אין די געוועזענע פּוילישע מיליטערישע קאַשאַרן אויף דעם נאָמען פון אַדאַם מיצקעוויטש. דאָס זיינען געווען פיר־

שטאָקיקע הייזער, פון די פענצטערס האָט אַרויסגעלויכטן עלעקטרישע ליכט. מיר האָבן זיך דערפריייט:

„איר זעט וואו אַהין מען פירט אונדז? — האָט איינער געזאָגט — ס׳וועט אונדז באַלד זיין ליכטיק און וואַרעם!"

„מסתם וועלן מיר באַלד באַקומען עסן."

„נאָר וואָס דען? די וועלט גייט נישט אונטער!"

איך האָב געטראַכט: וואָס פאַר אַ כוח דער ווילן צום לעבן האָט. אין די וואַגאָנען האָבן מיר איבערגעלאָזט מתים און קראַנקע, וואָס זיי־נען נישט בכוח אַראָפּצוגיין. ווען מען האָט געעפנט די וואַגאָנען, האָט מען באַלד אָן זיי פאַרגעסן. מען איז געלאָפן אַליין זיך צו ראַטעווען פון טויט דורך הונגער און קראַנקייט. אַצינד, ווען מען האָט נאָך אַזוי פיל וואָכן דערזען הייזער מיט באַלויכטענע פענצטערס, האָט מיט אַ מאָל אויפגע־וואַכט דער ביטחון און די פאַנטאַזיע האָט זיך צעשפּילט, אַז מען פירט אונדז צו ליכטיקייט, וואַרעמקייט און צו שפּייז. מיר זיינען אָבער גיך אַריינגעגאַנגען אין פינצטערניש. מיט ביקסן און באַפעלערישע געשרייען „שלאָפן! שלאָפן!" האָט מען אונדז אַריינגעטריבן אין אַ פינצטערער שטאַל. דאָ זיינען אַ מאָל געשטאַנען פערד, פוילישע קאַוואַלעריע. מיר האָבן זיך אַנידערגעזעצט אויף דער שטיינערנער פּאָדלאָגע און פון אויסגע־מאַטערטקייט און פיין זיינען מיר אַלע אַנטשלאָפן געוואָרן.

פאַר טאָג האָט אַ קלינגען אונדז אויפגעוועקט. איך בין אַרויסגעגאַנגען פון די ערשטע פון דער שטאַל און געפונען וואַסער זיך אָפּצואוואַשן. כ׳האָב מיר אָפּגעוואַשן די הענט, ס׳פּנים, אויסגעוואַשן די אויגן, ס׳מויל און געפילט גרויס הנאה. כ׳האָב דערפילט אַ קעלט. דער טאָג האָט זיך געוויזן אַ וואָלקנדיקער און אַ קילער, אַזוי ווי אין האַרבסט.

כ׳האָב מיך געלאָזט זוכן אַ בלעכענע פּושקע, כ׳זאָל האָבן וואו אַריינ־צונעמען אַ ביסל עסן און אַ ביסל וואַסער. כ׳בין צוגעגאַנגען צו אַ מיסט־קאַסטן און געפונען צענדליקער ליידיקע פּושקעס פון פליישׂ־קאָנסערוון, אָבער אַלע האָבן געשטונקען. איך האָב געפונען אַ פאַרזשאַווערט לאַנג טשוועקל מיט אַ שטיקל דראָט. האָב איך אויסגעקלאַפּט מיט אַ שטיין מיט דעם טשוועקל צוויי לעכלעך, אַדורכגעצויגן דעם דראָט און עס איז געוואָרן אַן אָנגעמער, ווי ביי אַן עמער. מיט אַ שטריקל האָב איך די פּושקע אָנגעטאָן איבערן האַלדז און כ׳האָב מיך געלאָזט זוכן אַ קריש שפּייז — געזוכט, אָבער נישט געפונען, און דער הונגער האָט מיך ווייטער גע־פּייניקט.

ניין אַ זייגער האָבן די דייטשן אונדז אויסגעשטעלט אין אַ ריי און האָבן אויסגעטיילט פון בלעכענע ווּעשקעסלען קאַלטע זופּ, וואָס די יידישע געמיינדע פון דער שטאָט האָט פאַר אונדז נעכטן אַריינגעשיקט. איך האָב מיך געשטעלט פון די ערשטע. איך האָב מיין פושקע פאַרשטעקט אונטער דער מאַרינאַרקע. דער דייטשער זעלנער האָט מיר געגעבן אַ שיסל. מען האָט מיר אַריינגעגאָסן אַ פּאָרציע זופּ און כ׳האָב זי באַלד איינגעשלונגען. איך האָב מיך אַריינגעשמוגלט זעקס מאָל אין דער ריי. ביים עסן די פינפטע פּאָרציע איז מיר וואַרעם געוואָרן. ווען כ׳האָב מיך אַריינגעגנבעט דאָס זעקסטע מאָל אין דער ריי, האָט אַ ייד מיך פאַרמסרט פאַר דעם דייטשן זעלנער: הערן פּאָסטן, דיזער קערל — האָט ער אויף מיר אָנגעוויזן — האָט שוין געגעסן!״ האָב איך שנעל אויפגעקנעפּלט די מאַרינאַרקע און געוויזן: „שאַוען זי, הערן וואַכמייסטער — איך האָב נאָך ניכט געגעסן!״ דער מיטליאָריקער יעקע האָט זיך געפּוצט די קליינע וואָנצעלעך און געזאָגט: „יאַוואָל! עס שטימט! די ביקסע איז זאַובער!״ כ׳בין צוגעקומען צום קעסל, דער אויסטיילער האָט מיר אַריינגעגאָסן אַ פּאָרציע אין מיין פושקע, כ׳בין צוגעגאַנגען אין אַ ווינקל און געגעסן. ערשט אַצינד, ביי דער זעקסטער פּאָרציע, האָב איך געפילט, אַז די זופּ איז קאַלט ווי אייז און איבערגעשטאַנען.

מיטאָגצייט האָבן מיר באַקומען צו דריי מאַן אַ מיליטערישע ברויט. אַלע האָבן דאָס באַלד איינגעשלונגען, אויסער די שטאַרקע רויכערערס, וואָס האָבן אַוועקגעגעבן ברויט פאַר אַ פּאַפּיראָס. פון וואַנען עס האָבן זיך פלוצעם גענומען פּאַפּיראָסן, איז נישט צו פאַרשטיין. איך בין נאָך אַלץ געווען הונגעריק און כ׳האָב אויך אויפגעגעסן אַ העלפט ברויט. אַז יידן האָבן אַ ביסל אָנגעפילט דעם מאָגן, זיינען זיי געוואָרן פול מיט בטחון:

„שוין, מיר בלייבן שוין דאָ! מען וועט אונדז שוין מער נישט שלעפּן אין וואַגאָנען! אַזוי ווי איך זע, וועלן מיר דאָ נישט הונגערן. מען וועט באַקומען ברויט מיט אַ זופּ!״

„מען וועט דאָ אויך פאַר אונדז עפענען אַ קאַנטין, וואו מיר וועלן קאָנען קויפן פון כל טוב!״ — האָט איינער איראָניש באַמערקט.

„דער ׳היטל־מאַכער׳ (היטלער) מוז שוין האַלטן שמאָל, ער האַלט שוין ביי קאַפּיטולירן. דערפאַר זיינען די „יעקעס״ פלוצלינג בעסער געוואָרן״.

„אויב אַזוי, וועלן מיר דאָך באַלד זיין אין דער היים מיט אונדזערע.״

„נאָר וואָס דען מיינט איר?״

„אויב אַזוי איז דאָך טאַקע אמת, וואָס די דייטשע זעלנערס האָבן געזאָגט: „ביז די בלעטער וועלן פאַלן, וועלן מיר זיין צו האָוזע".

„אין יאָר 1914 האָט ווילהעלם אויך דאָס זעלביקע איינגערעדט דעם „יעקע נאַר"! — האָב איך צוגעוואָרפן.

זיינען אַלע אַרויפגעפאַלן אויף מיר מיט אַזאַ געוואַלד, גלייך איך וואָלט זיי געקוילעט:

„שאַט! שאַט!"

„בייסט אייך אָפּ די צונג!"

„אַזוי גוט איז אייך דאָ? טאָ זייט אייך דאָ געזונטערהייט ביז „הונדערט און צוואַנציק יאָר!"

„וואָס האָט איר אים צו שעלטן? — פרעגט איינער געמיטלעך און ווינטשט מיר מיט אַ תנועה, ווי אַ גוטער ייד גיט אַ ברכה, פאַרגלייזנדיק די אויגן צום הימל — זאָל ער טאַקע דאָ לעבן און געזונט זיין גאַנצע הונדערט און צוואַנציק יאָר!"

איך האָב מיך באַלד אָפּגעטראָגן פון דער גרופּע.

מען האָט דאָ אַצינד געמאַכט גוטע געשעפטן מיט פּאַפּיראָסן, האָב איך פאַר מיין האַלבער פּאָרציע ברויט געקויפט אין פּאַפּיראָס מיט דער אויסרעכענונג, אַז מאָרגן וועט מען דאָך אויך באַקומען ברויט און זופּ, קיין פּאַפּיראָסן וועלן דאָך נישט זיין, וועל איך לייכט באַקומען אַ גאַנצע פּאָרציע ברויט פאַר דעם פּאַפּיראָס.

פאַר נאַכט האָבן מיר ווידער באַקומען צו אַ האַלבן ליטער וואַרעמע זופּ, וואָס די יידישע געמיינדע האָט אַריינגעשיקט, און עס איז געפאַלן אַ באַפעל: „אַריינגיין שלאָפן!"

אַלע זיינען אַריינגעלאָפן אין שטאַל צו פאַרכאַפּן אַ שטיקל שטיינערנע פּאָדלאָגע צו קענען שלאָפן. ווען איך בין אַריינגעקומען, איז שוין נישט געווען קיין אָרט. איך הער, ווי עס רופט מיך ווער: „בריקס! בריקס! קומט אַהער, איך האָב פאַר אייך אַן אָרט!" טרעטנדיק אויף די ליגנדיקע מענטשן, בין איך צו אים צוגעגאַנגען און כ'האָב נישט געזען קיין פּיצעלע ליידיק אָרט: אין אַנגעטועכץ, אין די שיך, צוואַמענגעצויגן די קני, איז איינער אין צווייטן געווען איינגעפּרעסט, אויסגעלייגט אין רייען, איבער דער גאַנצער שטיינערנער פּאָדלאָגע. דאָס איז געווען אַ גרויסע מעלה, ווייל קיין שיך זיינען נישט געקראָכן אין די אויגן אָדער אין מויל אַריין. איך האָב אים געוויזן, אַז ס'איז נישטאָ קיין אָרט פאַר מיר. האָט ער געזאָגט: „בריקס, זייט נישט קיין בטלן! ליגט אייך דאָ!" האָט ער מיר

אַנגעוויזן לעבן זיך, וואו ער איז געווען איינגעפּרעסט אין זיין שכן. איך האָב מיך אויפגעלייגט האַלב אויף אים און האַלב אויפן שכן. ער האָט געשריגן באַפעלעריש: „רוקט אייך! רוקט אייך! האַ־האָפּ!" און ער האָט אַ שטופּ געגעבן זיין שכן אויף דער צווייטער זייט מיט אַזאַ קראַפט, אַז יענער האָט געמאַכט רוקן זיין שכן. מיין נייער שכן האָט אים נאָכגעטאָן און איך בין אַריינגעפאַלן צווישן זיי בײדע אויף דער פּאָדלאָגע, ליגנדיק אויף אַ זייט אַזוי ווי יעדער. ביידע גופים האָבן מיך איינגעפּרעסט, עס איז מיר וואַרעם געוואָרן אַ מחיה.

אַצינד האָט ער זיך פאַר מיר פאָרגעשטעלט: „איך הייס שטשאַראַנסקי"...

„אַ, יאָ, דער וואָס האָט אַרויסגעגעבן אַ בראָשור וועגן ארץ ישראל" — בין איך אַריינגעפאַלן אין זיינע רייד.

„איך, חבר בריקס, ווייס גאַנץ גוט ווער איר זענט. איך זוך אַ געלעגנהייט מיט וואָס איך צו העלפן. מיין שוואָגער איז אַרצי..."

„אַ, דער פון פּאַלעסטינע־אַמט, אויף דער זשעלאַזנע גאַס?..."

„יאָ, יאָ. ער האָט געקויפט אייער ביכל לידער „יונג־גרין־מאַי". ער האָט אייך שטאַרק געלויבט. איך האָב אויך געלייענט דאָס ביכל. איר האָט אַ ריין האַרץ און אַ שיינע נשמה. איר זענט אַ ספּעציפישער פּאָעט. מיר וועלן נאָך פון אייך אַ סך נחת האָבן. אייך מוז מען שטיצן, אַז איר זאָלט קענען איבערלעבן די מילחמה. האַלט זיך לעבן מיר, איך וועל אייך העלפן לויט מיינע כוחות"

שטשאַראַנסקי איז געווען אַ בלאָנדער, פון מיטעלן וואוקס, אַ ברייטפּלייציקער, פעסט־געבויטער, מיט אַ שטאַרקער שטים. איך האָב געטראַכט: אפשר ציט ער מיך אָן? קיינער פון די יונגע יידישע שרייבערס אין לאָדזש האָט וועגן מיינע שאַפונגען מיר קיין גוט וואָרט נישט געזאָגט. זיי רעדן אויס אויף מיר כל דבר אסור. זיינען מיר געוואָרן דם שונאים, זינט מיין ביכל לידער איז אַרויס. אויסער משה בראָדערזאָן, ישעיה אונגער, נחמן בלומענטאַל, האָב איך פון קיינעם נישט געהערט אַ גוט וואָרט. אין זיין רעצענזיע וועגן „יונג־גרין־מאַי" האָט דער עסייאיסט ל. מ. פעטשעניק — גרויסער ערודיט און גרויסער תלמיד חכם, וואָס האָט באַקומען די „י. ל. פרץ פּרעמיע" פון יידישן „פּ. ע. ען. קלוב" אין וואַרשע פאַר זיין איבערזעצן אין יידיש האָמערס אָדיסיי — געזען אין מיר „אַן איגנאָרטיקן דיכטער, מיט אַ רוקנביין, וואָס ווייסט שוין היינט, וואָס ער וויל און וואָס ער באַגערט. וואָס פלוכט און שעלט דעם ווייסטן מצב אונדזערן, אָבער אָן מאַרקגעשרייען,

נאָר מיט שילדערן.״ און ער פאַרענדיקט: „נישט געפּלעפּט, אומבאַקאַנטער יונגער פריינט, ירחמיאל בריקס, איר זענט געקומען מיט אַ גוטער בשורה אין דעם פאַרוואָרלאָזטן ביסל אָרעמקייט אונדזערן, בפרט פון דעם גראָפאָ־מאַנישן ווילדגראָז, וואָס געדייעט אַזוי לעצטנס. אַ שטול אויף דעם אָלימפּ של מטה איז שוין זיכער אַנגעגרייט פאַר אייך!״

די דאָזיקע רעצענזיע האָט די יונגע שרייבערס געטראָפן אַזוי ווי אַ באָמבע. כ׳בין געקומען צום אויספיר: נאָר גאָר גרויסע פאַרשטייען מיך און שאַצן מיך אָפּ און די קליינע פאַרשטייען מיך נישט. די קינאה פרעסט זיי און קינאה ברענגט שינאה.

בין איך געווען צופרידן פון שטשאַראַנסקיס וואַרעמע ווערטער, זיי זײַנען געווען אַזוי ווי באַלזאַם אויף וואונדן.

ווען זיין שוואָגער אַרצי האָט שטשאַראַנסקי מיר דערציילט:

„ער איז צוזאַמען מיט מיר אַנטלאָפן פון לאָדזש. היינטער ראַוואַ־מאַזאָוויעצק האָט אים אַ דייטשע קויל געטראָפן אין קאָפּ אַריין און אויף מיינע הענט איז ער געשטאָרבן״ — האָט ער זיך צעוויינט.

אין מיטן נאַכט האָט שטשאַראַנסקי אויסגעשריען: „אַלע איבערדרייען זיך! איינס! צוויי! דריי!״ אַלע צוזאַמען, ווי אַן אויטאָמאַט, האָבן מיר זיך איבערגעדרייט אויף דער אַנדערער זייט און צוריק איינגעשלאָפן.

צו מאָרגנס האָבן מיר געוואַרט אַ גאַנצן טאָג אויף אַ שטיקל ברויט און נישט באַקומען. אַזוי ווי דער הונגער האָט מיך שטאַרק דערקוטשעט, האָב איך פאַרקויפט דעם פאַפּיראָס פאַר אַ קליין שטיקעלע ברויט, וואָס איך האָב נעכטן געקויפט פאַר אַ האַלבער פאַרציע. איידער ס׳איז פינצטער געוואָרן, האָט מען אונדז אויסגעטיילט צו אַ האַלבן ליטער פאַסנע זופּ פון קאַרטאָפל מיט קאַשע, וואָס די יידישע גמינע האָט אַריינגעשיקט און באַלד זײַנען מיר אַריינגעלאָפן אין שטאַל פאַרכאַפּן אַן אָרט צום שלאָפן.

אַזוי האָבן מיר דאָ אָפּגעלעבט זעקס מעת־לעת בלויז מיט אַ האַלבן ליטער זופּ אַ טאָג. דעם זיבעטן טאָג מיטאָגצייט האָט מען אונדז אויס־געטיילט צו אַ האַלב מיליטעריש ברייטל, מען האָט אונדז אויסגעשטעלט צו פינף אין אַ ריי אויפן מיליטערישן אופן און מען האָט אונדז געהייסן אָפּמאַרשירן.

אין אַ לאַגער לעבן קראָקע

ס'איז געווען אַ כמורנער קילער טאָג. מיר זיינען געגאַנגען דורך היגטערוועגן. נאָך קנאַפּע צוויי שעה זיינען מיר אָנגעקומען צו דער באַן. מען האָט אונדז פאַרלאָדנט אין לאַסטוואַגאָנען. מיר זיינען געווען זיכער, אַז מען וועט אונדז ווידער אַרומשלעפּן זיבן מעת־לעת. עס האָט נישט לאַנג געדויערט און דער צוג האָט אָנגעהויבן פאָרן. דער צוג איז געפאָרן דורך פעלדער און וועלדער. אין אַלע פיר עקן דורך די פענצ־טערלעך האָט אַריינגעבלאָזן אַ ווינט און אַ שלאַקסרעגן. עס האָט מיך גע־וואָרפן פון קעלט. אין אַ ווינקל האָט ווער אָנגעצונדן אַ שטיק פּאַפּיר און יידן האָבן זיך געוואַרעמט די הענט. עטלעכע יוגנטלעכע האָבן מיך דער־קענט ביים שיין פון פייער, זיינען זיי צוגעשטאַנען צו מיר, אַז כ'זאָל עפּעס רעציטירן. איך בין געווען אַ סטודענט פון דער „לאָדזשער יידישער טע־אַטער־סטודיע". מיר האָבן געשפּילט נאָר קלאַסישן רעפּערטואַר. איך האָב מיך אַרויסגערוקט ווי אַ רעציטאַטאָר. כ'פלעג יעדע וואָך פאַרלייענען פאַר יוגנט די קלאַסיקערס און די מאָדערנע דיכטערס. האָט די יוגנט מיך געקענט.

„נו, בריקסל — האָט שטשאַראַנסקי מיך געמיינט — דערוואַרעם אונדז מיט אַ רעציטאַציע!"

צעבראָכן פון קעלט, בין איך נישט געווען געשטימט צו רעציטירן, דאָך האָב איך מיך געלאָזט איבעררײדן. איך האָב רעציטירט אַ בילד פון „מסעות בנימין השלישי", פון מענדעלע מוכר ספרים, ווי בנימין רעדט זיך אָפּ מיט סענדערל, די יידענע, ווי אַזוי זיי זאָלן זיך אַרויסגנבענען פון טונעיאַדעווקע, אַז זייערע ווייבער זאָלן נישט וויסן, און גיין צו די רויטע יידעלעך. איך האָב געשאַפן צוויי כאַראַקטערן מיט צוויי פאַרשיי־דענע שטימען — בנימין אַ דאַן קיכאָט און סענדערל דער סאַנטשע־פּאַנטשע. דער עולם האָט געלאַכט. עס איז מיר וואַרעם געוואָרן און אויך זיי. ווען כ'האָב געענדיקט האָבן מיר עטלעכע געגעבן שטיקעלעך ברויט. איך האָב מיר אַ ביסעלע אונטערגעלעבט. ס'האַרץ און אויף דער בקשה פון אַלע ווייטער רעציטירט אַ ריי שאַפונגען. דערנאָך האָב איך געזונגען יידישע לידער און אַלע האָבן מיטגעזונגען.

אַזוי האָט עס געדויערט ביז אין דער פרי, ווען מיר זיינען שטיין געבליבן אויף אַ סטאַציע הינטער קראָקע. די זון האָט אויפגעשיינט, איז געגאַנגען העכער און העכער אויף אַ קלאָרן בלויען הימל, אַנגעוואַרעמט

די וואַגאָנען און דערוואַרעמט אונדזערע גופים. אָבער דער הונגער האָט געפּייניקט. מיר האָבן אויסגעקוקט, אַז מען זאָל אונדז כאָטש אַרייַנגעבן אַ ביסל וואַסער, אָבער בחינם איז געווען אונדזער האָפענונג.

נאָך מיטאָג איז דער צוג אַרייַנגעפאָרן קיין קראָקע. דאָ האָט מען געעפנט די וואַגאָנען און געהייסן אונדז אַרויסגיין. מען האָט אונדז אויסגעשטעלט צו פינף אין אַ ריי און מיר האָבן געמאַרשירט איבער דער שטאָט. פרויען זייַנען צוגעקומען, געפרעגט פון וואַנען מיר זייַנען? וואָס איז דער נאָמען? אפשר האָט איר דאָ מישפחה? יידישע פרויען זייַנען צוגעקומען מיט קייבערלעך צעשניטן ברויט און צו אונדז געוואָרפן. דער חסידישער ייד ר׳ גאָדל האָט זיך אַראָפּגעבויגן אויפצוהייבן אַ שטיקל ברויט, האָט אים אַ זעלנער דערלאַנגט איבערן קאָפּ מיט דעם פריקלאַד פון ביקס. ס׳בלוט האָט אים געראָנען איבער דער באָרד און מלבושים, אָבער ער האָט געמוזט מאַרשירן. יידישע פרויען האָבן פון די פענצטערס און באַלקאָנען אַראָפּגעוואָרפן צו אונדז ברויט, אָבער מיר האָבן נישט געטאָרט אויפהייבן.

פאַר נאַכט זייַנען מיר אָנגעקומען קיין פּאָדגוזש (אַ פאָרשטאָט). מען האָט אונדז אַרייַנגעלאָזט אין אַ פּלאַץ, וואָס איז אַרומגעצוימט מיט אַ הויכער געמויערטער וואַנט. דאָ איז געווען אַ הויכע ציגעלניע, וואו מען האָט שוין נישט געאַרבעט פון פאַר דער ערשטער וועלט־מילחמה. אונדזער אָרט איז געווען: אונטן, אונטער די שיכטן, אויף וועלכע מען פלעגט טריקענען די ציגל. אונדזערע פלעצער זייַנען געווען באַלייגט מיט שוואַרצן שטויב פון עטלעכע צענטימעטער די הייך. מיר זייַנען באַלד שוואַרץ געוואָרן ווי קוימען־קערערס. עס איז שנעל צוגעפאַלן די נאַכט. האָבן מיר זיך אויסגעצויגן אויף די שיכטן און אויף דער פּאָדלאָגע און איינגעשלאָפן.

עס איז אַדורך, אין שווערע ליידן, אַ מעת־לעת און נאָך אַ מעת־לעת און מיר האָבן גאָרנישט באַקומען צו עסן. דעם דריטן טאָג, פאַר נאַכט, האָט מען אונדז אויסגעטיילט פּעקעלעך מיט צען דעקאָ סוכאַרקעס פון קאָרענע קלאַיען און מען האָט אונדז אַרייַנגעיאָגט אין די אַרומיקע זיבן ציגעלניעס.

וואַסער איז דאָ געווען לרוב. ביי יעדער ציגעלניע האָבן די דייטשן אייַנסטאַלירט אַ קראַן. אַזוי ווי עס איז נישט געווען צו עסן, האָבן יידן געוואָלט ראַטעווען דאָס לעבן מיט טרינקען. איך האָב מיך באַלד געכאַפּט, אַז די „טובה" איז גאָר אַ רעה: ס׳איז שוין געווען אָקטאָבער, קאַלט, האָט

דאָס קאַלטע וואַסער געשאַפן פאַרקילונגען. איך האָב אָנגעהויבן שטאַרק צו הוסטן, האָב איך באַשלאָסן: מער נישט טרינקען קיין קאַלט וואַסער. אַ סך יידן האָבן זיך צוגעקילט פון דעם קאַלטן וואַסער, טייל האָבן באַקומען לונגען־אָנצינדונג, טייל האָבן באַקומען טובערקולאָז.

די יידישע גמינע אין קראָקע האָט זיך געסטאַרעט מיט אַלע כּוחות אונדז צו העלפן. הרב שאַפּירא, דער הויפּט־רב פון קראָקע, איז יעדער טאָג געקומען אין לאַגער, ער האָט גערעדט מיט דער קאָמענדאַנטור, באַמיט זיך, אַז מען זאָל אונדז באַפרייען. דאָס האָט זיך אים נישט איינגעגעבן. די יידישע גמינע האָט אויסגעפּועלט, אַז מען זאָל זי דערלויבן אַריינצושיקן שפּייז פאַר אונדז. זי האָט פאַר דער דערלויבעניש גוט באַצאָלט. יעדער טאָג האָט זי אַריינגעשיקט קעסלען הייסע זופּ מיט ברויט. דעמאָלט האָט שוין אין קראָקע אויסגעפּועלט עסן: די דייטשן האָבן אַלץ אויסגערויבט פון פּראָטעקטאָראַט און אַוועקגעפירט אין אַלטן רייך; די באַפעלקערונג האָט געמוזט שטיין אין דער ריי נאָך ברויט און אַנדערע שפּייז און יידן איז אַלץ נאָך שווערער אָנגעקומען. קען מען זיך פאָרשטעלן מיט וואָסערע שוועריקייטן די יידישע גמינע האָט איינגעקויפט פאַר אונדז שפּייז. אויסגעטיילט דאָס קליינע שיסעלע זופּ מיט אַ קליין שטיקל ברויט האָבן אַן ערך צען יידן פון אונדז, געפאַנגענע.

זיגמונט ריינגאָלד, וואָס איז געווען איינער פון די אָנפירערס פון די אַלגעמיינע ציוניסטן אין לאָדזש, האָט דאָ צונאָמענגענומען אַ גרופּע און געשאַפן אַ קאָמיטעט. זיך האָט ער געמאַכט פאַר דעם פירער. די געפאַנגענע יידן האָבן פון אים און זיין קאָמיטעט געהאַט צרות.

יעדער מאָל ביים אויסטיילן דאָס ביסעלע עסן זיינען געפאַלן קרבנות. אַ יונגער דייטש פון עסטרייך איז געווען דער אויפזעער איבער דעם לאַגער: ער האָט נישט געשאָסן — יעדן טאָג האָט ער געברענגט אַ פרישן שטעקן פון אַ באַר וואָס אָפּגעהאַקטן יונגן דינעםביימל, דער שטעקן האָט געהאַט ביים עק אַ קליין צווייגל, וואָס ער האָט אויסגעשניצט שפּיציק און שאַרף ווי אַ טשוואָק. האַלטנדיק דעם שטעקן ביים צווייטן עק, האָט ער מיט דעם צווייגל אַזוי דערלאַנגט און געהאַקט אין מוח פון אַ ייד, ביז עס האָט געשפּריצט בלוט פון אים. אַזוי האָט ער געטאָן טאָג טעגלעך צו אַ צוואַנציק יידן.

די רייכסווער־זעלנערס האָבן זיך אַרומגעדרייט מיט גרויסע רעוואָלווערן אין די הענט ביים אויסטיילן די זופּ מיטן שטיקל ברויט און זיי האָבן געשאָסן ווען זיי האָבן געוואָלט. איך בין געשטאַנען אין דער ריי

נאָך זופּ, האָט אַ זעלנער געשאָסן אַ ייד לעבן מיר אין קאַרק אַריין. די קויל איז אים אַרויס דורכן האַלדז און אַריין אין דער ברוסט פון אַ צווייטן ייד. איך האָבביידן געכומען אונטער די אָרעמס און געזאָגט: „קומט אין שפּיטאָל אַריין!" דער זעלנער האָט אויף מיר געוואָרפן אַ שאַרפן בליק. מיין האַרץ האָט געציטערט, ווען אונדזערע אויגן האָבן זיך צוזאַמענגעט־ראָפן. ער האָט געהאַלטן דעם פינגער אויפן צינגל, געטראַכט אַ מאָמענט און ער האָט אַראָפּגעלאָזט די האַנט מיטן רעוואָלווער צו דער ערד. איך האָב לייכט אָפּגעאָטעמט און כ'בין מיט זיי ביידע אַוועקגעגאַנגען.

הינטער די ציגעלניעס איז געווען אַ הויז, וואו עס איז געשאַפן געוואָרן אַ „רעוויר" (שפּיטאָל). אין דרויסן האָט זיך געדרייט אַ זעלנער. ווען כ'בין אַריינגעקומען אין שפּיטאָל, האָב איך געזען, ווי אין די עט־לעכע שטיבן ליגן אויף דער פּאָדלאָגע שווער־קראַנקע און געשאָסענע. צוויי דאָקטוירים, וואָס זיינען אויך געווען געפאַנגענע, לאָדזשער יידן, האָבן זיך אָנגעכאַפּט ביים קאָפּ: „וויפל איז דער שיעור?! וויפל איז דער שיעור?! ווען וועט שוין דאָס נעמען אַ סוף?!" האָבן זיי געזאָגט. זיי האָבן באַנדאַזשירט אַ געשאָסענעם און דריי געשאָסענע האָבן געוואַרט אויף דער ערשטער הילף. אויפן וועג האָב איך אָנגעטראָפן פירן אין „רעוויר" נאָך צוויי געשאָסענע.

עס זיינען דורך טעג און מיר האָבן נישט באַקומען מער צו עסן, ווי די צען דעקאַ סוכאַרעס. עס פלעגט טרעפן טעג, ווען איך האָב אַפילו דאָס אויך נישט באַקומען. דער הונגער האָט מיך שרעקלעך געפּייניקט, כ'בין געוואָרן זייער אָפּגעשוואַכט — כ'האָב געפילט, אַז די נשמה גייט מיר אויס. געווען מאָמענטן, ווען עס האָט זיך געדוכט, אַז אָט־אָט שטאַרב איך. נאָך איינעם פון אַזעלכע שרעקמאָמענטן האָב איך צונויפגענומען אַלע מיינע כוחות און געזאָגט צו זיך: „ניין! איך וויל נישט שטאַרבן! איך מוז איבערלעבן, כדי צו דערציילן דער וועלט דעם דאָזיקן באַרבאַריזם פון די דייטשן. אויב כ'וועל נישט פאַלן פון אַ קויל, קען איך בלייבן לעבן נאָר אויב איך וועל האָבן אַ ביסעלע עסן". און כ'האָב באַשלאָסן: איך מוז יעדער טאָג באַקומען די זופּ און זיך אַריינדרייען נאָך אַ מאָל אין דער ריי, כדי צו באַקומען נאָך אַ פּאָרציע. איי די דייטשן לויפן אַרום ווי משוגעים מיט די רעוואָלווערן אין די הענט און שיסן? — אויב כ'וועל נישט איינשטעלן ס'לעבן, וועל איך זיכער נישט איבערלעבן. און ס'איז מיר געלונגען יעדער טאָג אָפּצונעמען די זופּ. איך האָב מיך אַריינגעדרייט אין דער ריי אַ צווייט מאָל און באַקומען נאָך אַ פּאָרציע. כאָטש אַרום מיר

האָט מען געשאָסן אין די יידן, בין איך עפּעס געווען זיכער, אַז מיך וועט מען נישט שיסן, ווייל כ׳האָב אויסצופירן אַ שליחות — איך בין אַן עדות.

ביי נאַכט האָט מיך געברענט אין מאָגן. עס איז מיר קאַפּויער געקומען זויערס. כ׳האָב געהאַט אַזעלכע יסורים, אַז ס׳איז מיר אוממעגלעך געווען אַן אויג צוצוטאָן. בין איך ביי טאָג אַריינגעגאַנגען צום דאָקטער אין „רעוויר". דער דאָקטער האָט מיר געשטעלט עטלעכע פראַגעס און צום סוף מיך געפרעגט, צי כ׳בין אַ קינסטלער. האָב איך אים געענטפערט, אַז כ׳בין אַ פּאָעט. „נו, יאָ — ענטפערט ער — אַ סענסיטיווער מענטש, פון די איבערלעבונגען דאָ האָט איר באַקומען אַ געשוויר אין מאָגן און איך קאָן אייך דאָ גאָרנישט העלפן". ער האָט צוגערופן דעם צווייטן דאָקטער און אים דערציילט דאָס זעלביקע. ביידע האָבן געקוקט אויף מיר גלייכגילטיק, אָן רחמנות. דאָס האָט מיר זייער וויי געטאָן. איך האָב מיך צוריקגעהאַלטן פון אָנשרייען אויף זיי און כ׳האָב געפרעגט מיט אַ טאָן, ווי אַ קינד פרעגט אַן עצה ביי זיין מאַמען: „בכן, וואָס וועט זיין מיט מיר?" האָט מיר דער ערשטער געענטפערט: „פאַרפאַלן! איר מוזט דאָ שטאַרבן!"

עס איז מיר ביטער געוואָרן אויף דער נשמה, הערנדיק אַזעלכע רייד, אָבער מיין באַשלוס איז נאָך שטאַרקער געוואָרן: לעבן! בלייבן לעבן!

אין מיין עקשנותדיקן באַשלוס צו זוכן אַלע וועגן צו בלייבן לעבן האָב איך זיך דערמאָנט, אַז מיר האָבן געהאַט נאָענטע קרובים אין קראָקע. איך האָב אָבער נישט געוואוסט זייער אַדרעס. איז מיר איינגעפאַלן אָנצושרייבן אַ בריוו צו דער יידישער גמינע און איבערגעבן עס איינעם פון די יידן, וואָס האָבן געברענגט די קעסלען עסן. איך האָב מיר פאַרשאַפן, מיט שוועריקייטן, אַ בלייער מיט אַ שטיקל פּאַפּיר און אַזוי געשריבן:

„צו דער יידישער גמינע אין קראָקע:

„טייערע ברידער יידן, איך בעט אייך מיר אויסגעפינען מיין מישפּחה אין קראָקע: מיינס אַן עלטער־פעטער, ר׳ הערשל פעלדמאַן, ער איז אַ ברודער פון ר׳ מענדל פעלדמאַן פון סקאַרזשיסקאָ קאַמיענאַ, אַ גרויסער גביר, אייגנטימער פון דער „הוטאַ סטאַלאָוואַ" (אייזן־פאַבריק) אין סקאַרזשיסק. ער איז געווען דער מחותן פון אַמשינאָווער רבין. ר׳ הערשל פעלדמאַן האָט אַ שפּייזגעוועלב. ער האָט פיר זין: ראובן, שמעון, לוי און ירחמיאל. ער האָט אויך אַ טאָכטער, וואָס האָט אַ פאַבריק פון שאָקאָלאַד און צוקערלעך. איך בין אַן אייניקל פון ר׳ הערשלס שוועסטער ליבע, דאָס ווייב פון ר׳ נתן דוד קאַגען, פון סקאַרזשיסק, דער זון פון ר׳ טוביה

בריקס. איך הייס ירחמיאל, נאָך מיין עלטער־זיידן, דער פּאָטער פון ר׳ הערשעלען. אויב איר וועט געפינען מיין מישפּחה בעט איך, אַז זיי זאָלן אַזוי גוט זיין מיר אַריינשיקן עפּעס עסן און זאָלן למען־השם וואָס גיכער מיך אַרויסראַטעווען פון דעם לאַגער, וואָס איז ערגער ווי דער גיהנום, ווייל דאָ וועל איך אויסגיין פון הונגער, קעלט, עפּידעמיעס, ברודיקייט, מאָרד און פון לייז, וואָס טרינקען אויס פון מיר די לעצטע טראָפּנס בלוט. ראַטעוועט מיך! אין דעם זכות וועט השם יתברך אייך העלפן. איך דאַנק אייך פאָרויס. שלום וברכה צו אייך און צו אַלע יידן. אייער, ירחמיאל בריקס.״

פאַר נאַכט האָב איך שנעל דעם בריוו אַריינגערוקט אין האַנט פון אַ פרוי, וואָס האָט געבערענגט די זופּ פון דער יידישער גמינע.

אין דרויסן פאַרן טויער פלעגן שטיין יידישע פרויען און ס׳איז זיי אַלע מאָל געלונגען אַריינצוגעבן אַ פּעקל שפּייז אָדער מלבושים. בין איך יעדער טאָג צוגעגאַנגען נאָענט צום טויער מיט דער האָפענונג, אפשר ווייסט שוין וועגן מיר מיין מישפּחה און זיי וועלן מיר שיקן אַ פּעקל.

יעדער טאָג זיינען אַריינגעקומען מער און מער פּעקלעך און די דייטשע קאָמענדאַנטור האָט אויסגערופן די נעמען און אָפּגעגעבן ס׳פּעקל. דער אַליין־אויסגעווײילטער קאָמיטעט פון די יידן האָט זיך געוואָנדן צו די דייטשן, אַז מען זאָל אים איבערגעבן די פּעקלעך אויסצוטיילן. די דייטשן זיינען אויף דעם איינגעגאַנגען. דער קאָמיטעט האָט זיך אַליין צעטיילט מיט די פּעקלעך און עפּעס געגעבן צו זייערע אייגענע מענטשן. איין מאָל פאָרט אַריין אַ פערד און וואָגן מיט אַ יידישן בעל־עגלה און ער רופט אויס: „בריקס! בריקס!״ איך בין גיך צוגעלאָפן און געזאָגט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם: „דאָס בין איך!״ מיין האַרץ האָט שטאַרק געקלאַפּט פון פרייד. ער האָט מיר דערלאַנגט בגניבה אַ צעטעלע מיט מיין נאָמען און אַ גרויסן ברוינעם פּאַפּירענעם בייטל און ער איז שנעל צוגעפאָרן צו דער קאָמענדאַנטור. איך גיי צו אין אַ ווינקל און כ׳דערזע צוויי גרויסע פלעשער קאָרבאָל און אַ בייטל נאָפּטאַלין. טראַכט איך: כ׳האָב נישט קיין מזל. דער בעל־עגלה האָט דאָ מסתמא פאַרביטן די יוצרות. כ׳בין צוגע־גאַנגען צו איינעם פון קאָמיטעט און אים געבעטן, אַז ער זאָל מיר געבן אַן אַנדער פּעקל. האָט ער מיר געענטפערט: „שוין עטלעכע טעג, ווי די דייטשן נעמען צו די פּעקלעך פאַר זיך.״ איך האָב דאָס פּעקל איבערגע־געבן דער קאָמענדאַנטור.

יעדער מאָל, ווען די זופּ מיט דעם ברויט זיינען אָנגעקומען פון דער

קראָקעווער גמינע, האָט זיגמונט רייִנגאָלד, דער פאָרזיצער פון „קאָמי־טעט", אויפגעעפנט יעדער קעסל, אויפגעמישט מיטן אָנשעפּער און דאָס געדיכטסטע האָט ער אָוועקגעשטעלט אין דער זייט פאַר זיך און זיינע מענטשן. דערנאָך האָט ער פאַראָרדנט אויסצוטיילן, און עס האָט זיך אָנגעהויבן דער גיהנום מיט שיסן אין די ייִדן.

אין שבת האָט די ייִדישע גמינע פאַר אונדז אַריינגעשיקט אויסער זופּ און ברויט אויך חלה, קוכן און אַנדערע גוטע זאַכן. יעדער האָט זיך געפרייט, וואָס ער וועט געניסן פון די גוטע מאכלים, אָבער זיגמונט רייִנגאָלד האָט באַפוילן אויסצוטיילן פאַר אונדז די זופּ מיטן שטיקל שוואַרץ ברויט און גלייך אַריינגיין אין „באַראַק" פון ציגעלניע און דייטשע זעלנערס האָבן אונדז געהיטן, מיר זאָלן נישט אַרויסגיין. די זעלנערס האָבן באַקומען אַ באַפעל אויסצופירן רייִנגאָלדס פאַראָרדענונגען. ווען אַלע זיינען שוין געווען אין די באַראַקן, האָט רייִנגאָלד מיט זיין „קאָמיטעט" און זייערע אייגענע זיך איינגעטיילט מיט די אַלע גוטע מאכלים. מיין באַראַק איז פונקט געווען קעגן איבער און מיר האָבן דאָס צוגעזען. האָבן מיר געצאָרנט:

„פּרעסערס! פּופּלערס!"

„דערשטיקט און דערוואָרגן זאָלט איר ווערן!"

די דייטשן האָבן אונדז איינגעשטילט מיטן געווער.

זיגמונט רייִנגאָלד, מרדכי חיים רומקאָווסקי (דער „קייסער" פון לאָדזשער געטאָ, אַ פּאַרטיי־חבר פון די אַלגעמיינע ציוניסטן), האָבן זיך אין לאָדזש אָנהייב יאָר 1940 געשטעלט אין דינסט פון די נאַציס. ווען ס'איז געשטאַרבן דער ערשטער פּאָליציאַנט אין לאָדזשער געטאָ (אַ טייל ייִדישע פּאָליציי אין אַ סך געטאָס האָט אַריינגעשריבן אַ שוואַרץ בלעטל אין דער ייִדישער געשיכטע מיט זייער אויפפירונג לגבי די ייִדן און מיט זייער דינען די נאַציס), האָט אים רייִנגאָלד איינגעאָרדנט אַ מיליטערישע לוויה מיט אַן אָרקעסטער. אַלע פּאָליציאַנטן האָבן אויף אַ מיליטערישן אופן געמאַרשירט ביזן בית־עולם. שפּעטער האָט ער אין לאָדזשער געטאָ גע־שאַפן די „זאָנדער", אַ ייִדישע פּאָליציי, וואָס איז דירעקט געשטאַנען אין דינסט פון דער געשטאַפּאָ. פריער איז ער געווען דער קאָמיסאַר איבער דער פּאָליציי. שפּעטער איז רייִנגאָלד אויך געוואָרן קאָמיסאַר איבער דער אַפּראָוויזאַציע (די גאַנצע שפּייז, וואָס איז אַריינגעקומען אין געטאָ). צוליב זיין אויסגעפּרעסנקייט און זיין גוטן אויסזען, בעת ייִדן זיינען מאַסנווייז

אויסגעשטאָרבן פון הונגער, האָבן אים יידן גערופן אָנשטאָט ריינגאָלד — ריינשמאַלץ.

איין מאָל האָבן די דייטשן געברענגט אין לאַגער אַריין עפּעס אַ בעט־לער, וואָס זיי האָבן געכאַפּט ערגעץ. דאָס איז געווען אַ זקן, אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן, באַוואַקסן מיט גרויע האָר, אויפן קאָפּ און אויפן פּנים. ער איז געווען ברוין פון דער זון, האָט געהאַט אַ פּנים פון אַן אַפריקאַנער און אַן איראָפּייער: גרויסע שוואַרצע אויגן, ברייטע נאָזלעכער און דיקע ליפּן. זיין נאַציאָנאַליטעט וויס איך נישט. אַ ייד איז ער זיכער נישט געווען. נאָך דעם ווי זיי האָבן אים פּאַרלייזיקט, האָבן זיי אים אויסגעטאָן נאַקעט. ער איז געווען צעקראַצט, זיין גוף צעקרימט מיט אַ הויקער. זיי האָבן אים עטלעכע מאָל פאָטאָגראַפירט פון אַלע זייטן און צו שטיקלעך פון זיין גוף. זיי האָבן אים באַפוילן צוריק זיך אָנצוטאָן און האָבן אים פאָטאָ־גראַפירט מיט אַ פאַרגרעסער־גלאָז די מלבושים, וואו עס זיינען געקראָכן אַלערליי לייז פון פאַרשיידענע מינים. דערנאָך האָבן זיי פון זיין הולך געדרייט אַ פילם. אַזוי האָבן זיי אים געפּייניקט עטלעכע טעג.

איין טאָג האָבן די דייטשן אַוועקגעשטעלט אַ גרויסן פאָטאָ־פילם־אַפּאַראַט אויף אַ הויכן לייטער, אונדז אויסגעשטעלט אין רייען און אויס־געטיילט ברויט מיט וואַסער. דאָס איז צוגעגאַנגען רואיק, געלאַסן, מענטש־לעך און זיי האָבן אַראָפּגענומען אַ פילם פון אונדז. קיינער האָט זיך נישט געדרייט מיט אַ רעוואָלווער, גרייט צו שיסן, קיינער איז נישט געשאָסן געוואָרן. אין די דאָזיקע פּאָר שעה האָבן מיר פרייער אָפּגעאָטעמט. יידן האָבן שוין אין דעם געזען אַ גוטן סימן, אַז דער דייטש האָלט שוין „שמאָל", דערפאַר טיילט „ער" ברויט און שיסט שוין נישט. פאַר נאַכט, ווען די יידישע גמינע האָט אַריינגעשיקט די זופּ מיט ברויט, זיינען ביים אויסטיילן די דייטשן ווידער געווען מיט די רעוואָלווערן אין די הענט און האָבן ווידער געשאָסן אין די יידן, אַזוי ווי יעדן טאָג.

איין זונטאָג, נאָכן אַריינשיקן דאָס עסן פון דער קראָקעווער גמינע, האָט ריינגאָלד פּלוצלינג אָפּגעשטעלט דאָס אויסטיילן דאָס עסן. ער האָט געהייסן, אַז אַלע זאָלן זיך אַנידערזעצן אויף דער ערד און מיך האָט ער געהייסן שטיין זיי צו היטן. מיר האָבן אים געפאָלגט.

דער יונגער מערדער, דער עסטרייכישער אָפיציר, וואָס האָט מיט אַ שטעקן מיט אַ שאַרף צוויגל געשפּאָלטן קעפּ און אָפּגעהאַקט אויערן און נעזער, האָט געזען פון וויטן, ווי עס זיצט אַ גרופּע יידן און איינער האָט די העזה צו שטיין. איז ער צוגעקומען און געבליבן שטיין אַן ערך צוואַנציק

טריט פון מיר. ער האָט זיך אויסגעגלייכט ווי אַ ווירע, אויסגעצויגן די האַנט מיט דער לאַנגער עלאַסטישער בייטש, וואָס ביים עק איז געווען אַ שאַרף שטיקל מעטאַל. נישט רירנדיק זיך פון אָרט און נישט רירנדיק די האַנט פון אָרט האָט ער זיך פאַרמאָסטן פאַמעלעך מיט דעם שאַרפן שטיקל מעטאַל אָפּצוהאַקן מיין שפּיץ נאָז — איין מאָל, נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל. ער האָט פאַר זיך אַליין געוואָלט באַווייזן, וואָס פאַר אַ ספּאָרטסמאַן ער איז. איך האָב געפילט אינטואיטיוו, אַז איך טאָר נישט צעשטערן זיין פאַרגעניגן — נישט רירן זיך פון אָרט, ווייל ער קאָן מיך פאַר דעם ממיתן. איך בין געשטאַנען אַזוי ווי אַ מומיע, ער האָט אַלץ באַוואויגן מיט דער בייטש אַ קלאַפּ צו געבן אויף מיין שפּיץ נאָז.

איך האָב געזען, אַז איך האָב גאָרנישט צו פאַרלירן, האָב איך אים געזאָגט:

„הערען אָפיציר! דער עלטעסטער האָט מיך געהייסן שטיין — האָב איך אָנגעוויזן אויף ריינגאָלדן — צו היטען דיזע לויטע!"

ריינגאָלד האָט דאָס דערהערט, האָט ער אויסגעשריגן:

„יאַוואָל!"

האָט דער מערדער מיך אָפּגעלאָזט און אַוועק זוכן אַנדערע קרבנות.

די קראָקעווער יידישע גמינע, בראש מיטן הויפּט־רב שאַפּיראָ, האָט זיך געסטאַרעט מיט אַלע כוחות, אַז מען זאָל אונדז באַפרייען. דער קאָ־מענדאַנט פון לאַגער איז געווען אַ דאָקטער פון ווין, ביי וועמען הרב שאַפּיראָ האָט זיך אַ מאָל געהיילט. האָט ער קודם ביי אים אויסגעפּועלט, אַז מען זאָל אָפּשטעלן דאָס שיסן ביים אויסטיילן עסן און דאָס אָפּהאַקן אויערן, נעז און שפּאַלטן קעפּ. ער האָט אויך ביי אים אויסגעפּועלט, אַז פאַר 300 פּוילישע זלאָטעס וועט ער באַפרייען יעדער ייד. דער רב האָט דאָס אונדז געלאָזט וויסן, אָבער ווער פון אונדז געפאַנגענע האָט געקענט האָבן געלט און דערצו אַזאַ סומע, אַז די דייטשן האָבן אונדז אין גאַנצן באַרויבט? האָבן יידן צו אים פּראָטעסטירט: „זאָל די גמינע אונדז אויס־קויפן! פּדיון־שבויים!" ווער עס האָט געהאַט רייכע קרובים אין קראָקע איז דורך זיי באַפרייט געוואָרן. יונגע ווייבער זיינען געקומען און געזאָגט: „דער און דער איז מיין מאַן, איך בין געקומען אים אַהיימנעמען". האָט מען איבערגעקויפט די קאָמענדאַנטור און דאָס ווייבל איז אַוועק מיט אַ באַפרייטן ייד.

דער לאַגער אין פּאָדגוזש איז פון טאָג צו טאָג שיטערער געוואָרן, אַ דאַנק דער יידישער גמינע. מען האָט יעדער טאָג אַרויסגעפירט גרופּעס

יידן צו דער אַרבעט און ס׳זיינען צוריקגעקומען אַ העלפט, ווייל מען האָט אונטערגעקויפט די וואַך. פּאַרטייען האָבן אויסגעקויפט זייערע מענטשן.

די יידישע גמינע האָט אויך אויסגעפּועלט פאַר געלט, אַז די דייטשן זאָלן באַפרייען קינדער ביז פערצן יאָר אַלט. האָט מען אויסגעשטעלט די געפאַנגענע אין רייען. דער יידישער דאָקטער פון שפּיטאָל, אין מונדיר פון פּוילישן מיליטער, און דער לאַגער־קאָמענדאַנט האָבן אויסגעקליבן וועמען צו באַפרייען. אין דערוואַקסענער פון מיין באַראַק האָט זיך אַריינגעשאַרט צווישן די קינדער. דער יידישער געפאַנגענער זעלנער, וואָס האָט פאַרשריבן די נעמען, האָט אים אויך פאַרשריבן. צו מאָרגנס איז דער דאָזיקער זעלנער געקומען מיט אַ דייטשן אָפיציר, האָט אויסגערופן לויטן אַלפאַבעט די באַפרייאונגס־שיינען און זיי אויסגעטיילט. די זיינען באַלד באַפרייט געוואָרן.

עס זיינען נאָך אַלץ פאַרבליבן קרוב טויזנט יידן, האָט מען אונדז גרופנווייז געפירט, צו עטלעכע הונדערט, אויסצובאָדן. די באָד איז געווען אין אַנדערן עק שטאָט, איז אונדז אויסגעקומען דורכצוגיין כמעט גאַנץ קראָקע. ווי אַלע שטעט אין פּוילן איז אויך קראָקע געווען באַוואוינט פון אַ סך יידן, און ס׳איז דעמאָלט געווען פרייטיק, האָט די גאַנצע שטאָט פאַרריסן פון ריח פון געקאָכטע „יידישע פיש". כ׳האָב געזען די אָפענע קראָמען פון שפּייז און פון בלעכליי סחורות, אַפּטייקן. עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז יידן פירן דאָ אַ נאָרמאַל לעבן, אַזוי ווי אין די גוטע צייטן. מיך האָט געצויגן אַריינצולויפן אין אַן אַפּטייק בעטן אַ ביסל טייסאָדע (נאַטראַן ביקאַרבאָנאַט), כדי אָפּצושטעלן די ווייטיקן אין מאָגן, איז אָבער לעבן מיר אויסגעוואַקסן אַ זעלנער מיט אַן אַראָפּניק אונדז אונטערצוטרייבן.

די באָד איז געווען אַ קליינע, עס זיינען נאָר אַריין אַ צוואַנציק פאַרזאָן. יעדער האָט באַקומען אַ זאַק מיט אַ נומער און אויך אַ בלעכל מיט דעם זעלביקן נומער. דאָס אָנטועכץ האָט מען אַריינגעלייגט אין זאַק. די באָד איז געווען אַ וואַרעמער טוש, אָבער אָן זייף. מיר האָבן זיך שוין נישט געהאַט געוואַשן עטלעכע חדשים, איז דער שמוץ נישט אַראָפּ. מיר האָבן זיך נאָר אָפּגעשווענקט. ווען איך האָב אַרויסגענומען די מלבושים פון זאַק, זיינען זיי געווען צעקנייטשט און צעקנאָדערט, הייס, און געשטונקען פון אָנגעברענטן וואָל. דער אַנצוג איז געווען פון גוטן וואָל. ער איז געוואָרן איינגעשרומפּן און געבליבן אַזוי צעקנייטשט ווי ער איז געלעגן אין זאַק. מען האָט געפּאַרעוועט די מלבושים צוליב די לייז. מיר האָבן געוואַרט

אויפן הויף, ביז אַלע װעלן זיך אויסבאָדן. דאָ האָט אַ לאָדזשער בחור באַקומען אַ נערוון־אַטאַק. ער איז געװען אַ שװאָגער פון אַ זינגער מיטן נאָמען װרובעל, װאָס האָט שטודירט אין אַ בערלינער קאָנסערװאַטאָריע. שפּעטער האָט ער אָנגעפירט מיט אַ פּויליש טעאַטער אין לאָדזש. דער שװאָגער איז צוזאַמען מיט אים אַנטלאָפן פון לאָדזש. זיי זיינען געפאַנגען געװאָרן אונטער ראַװע־מאַזאָװיעצק. אין געפאַנגען־לאַגער פון לוקענװאַלד האָט װרובעל געזונגען דייטשע לידער און שטיקלעך פון אָפּערעס פאַר די דייטשן. מיט זיין שטאַרקער שטים האָט ער נושא חן געװען. זיי האָבן אים געגעבן ברויט און ער האָט זיך געטיילט מיט זיין שװאָגער. װען מען האָט אַהיימגעשיקט די פּאַליאַקן, האָט דער קאָמענדאַנט געװאָלט מיטשיקן מיט זיי װרובעלן, אָבער ער האָט נישט געװאָלט איבערלאָזן דעם שװאָגער, איז ער געבליבן. אַציַנד איז אים געלונגען זיך צו באַפרייען. דער בחור האָט ספּאַזמאַטיש געשריגן און געװיינט. די זעלנערס האָבן געפּרוּװט אים באַרויקן. עס האָט זיך זיי נישט איינגעגעבן, האָבן זיי אים אַריינגעגעבן אין אַ שפּיטאָל.

אין לאַגער קאָביעזשין

נאָך דער פּאַראָװאָניע האָבן מיר אַרויסגעמאַרשירט צו פינף אין אַ ריי אין צעקנאָדערטע מלבושים. עס האָבן אונדז געפירט אַנדערע זעלנערס. מיר האָבן װידער דורכגעמאַרשירט איבער דער שטאָט, אָבער איבער אַנדערע גאַסן. מיר זיינען געקומען הינטער דער שטאָט. די זון איז שוין געשטאַנען נידעריק. עס זיינען געפאַלן לאַנגע שאָטנס פון נאַקעטע ביימער.

דאָ איז געװען אַ ליידיק פעלד. די זעלנערס האָבן זיך אָפּגערוט, זיצנ־דיק אויף דער ערד. איך האָב געפּלאַנט זיך אָװעקצושאַרן. איין זעלנער האָט דאָס באַמערקט, האָט ער אַראָפּגענומען פון אַקסל די ביקס און אַרויסגע־נומען פון איר דעם קוילן־האַלטער: עס זאָל הייסן, אַז ער װעט מיך נישט שיסן. איך האָב אָבער נישט געהאַט קיין צוטרוי צו אים. כ׳האָב אויך געטראַכט: כ׳בין אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן, װילד באַװאַקסן, מען װעט באַלד

דערקענען, אַז כ׳בין אַן אַנטלאָפענער פון אַ לאַגער. די נאַכט פאַלט שוין צו, ס׳איז קריגצושטאַנד, מוז מען זיצן אין הויז פון פאַר נאַכט ביז אין דער פרי. וואוהין וועל איך גיין?

שפּעטער זיינען מיר געגאַנגען דורך פעלדער און אין אוונט זיינען מיר אָנגעקומען אין אַ נייעם לאַגער, קאָביעזשין, אויך נישט ווייט פון קראָקע.

דאָ איז פאַר דער מילחמה געשטאַנען אַ פּולק קאַוואַלעריע. מען האָט אונדז אַריינגעלאָזט דורך אַ גרויסן, ברייטן, אויפגעפּראַלטן טויער, באַוואַכט נאָר פון איין זעלנער מיט אַ ביקס. דערנאָך האָט מען אונדז אַריינגעיאָגט אין די פערדשטאַלן. אויף די שטיינערנע פּאָדלאָגעס איז קוים געלעגן אַ ביסל צעריבן פּיכט שטרוי און מען האָט אונדז געזאָגט: לייגט אייך שלאָפן!

מיר האָבן שוין נישט געהאַט געגעסן אַ גאַנצן מעת־לעת. עס איז שווער געווען איינצושלאָפן פון הונגער און קעלט. צו מאָרגנס פאַר נאַכט האָבן מיר ערשט באַקומען אַ קליינטשיק שיסעלע זופּ מיט אַ שטיקל קליין ברויט. עס איז שוין געווען שפּעט האַרבסט: עס האָבן זיך אָנגערוקט קאַלטע רעגנס און שאַרפע ווינטן און מיר האָבן געציטערט פון קעלט. נישט ווייט פון דאַנען האָבן זיך געפונען הונדערטער געפאַנגענע יידישע זעלנערס, וואָס האָבן געקעמפט אין פּוילישן מיליטער קעגן די דייטשן.

אויסער די פערדשטאַלן זיינען דאָ געווען אײנשטאָקיקע הייזער, וואָס פאַר דער מילחמה זיינען דאָרטן געווען ביוראָען און ס׳האָבן דאָרטן געוואוינט די אָפיצירן. איצינד האָט זיך דאָ געפונען די קאָמענדאַנטור פון לאַגער און ס׳איז דאָ אויך געווען דער שפּיטאָל פאַר די געפאַנגענע. עס זיינען דאָ געלעגן כמעט בלויז קראַנקע אויף די לונגען, מיט הויכער טעמפּעראַטור. די דאָקטוירים דאָ זיינען אויך געווען יידישע געפאַנגענע. די דייטשן האָבן מורא געהאַט, אַז זיי וועלן זיך אָנשטעקן מיט טובערקולאָז, האָבן זיי פאַר־אָרדנט, אַז יעדער געפאַנגענער זאָל אונטערזוכט ווערן פון דאָקטער. מען האָט געשמועסט, אַז לונגען־קראַנקע וועט מען באַפרייען. איך האָב מיך אויך געמאָלדן צום דאָקטער. ער איז געווען אַ ייד, אַ געפאַנגענער פון פּוילישן מיליטער, אַ הויכער, ברייטבייניקער, די פיזישע גבורה האָט ממש גע־שפּריצט פון אים. אַזעלכע מענטשן, האָב איך שוין אַ סך מאָל געזען, זיינען אַן האַרץ, אַן געפיל און אַן שכל — זיינען צו פיל גשמיותדיק. איך האָב אים געזאָגט: „הער דאָקטער, שוין עטלעכע וואָכן ווי עס ברענט מיר אין מאָגן, איך קען פון יסורים נישט שלאָפן. דער דאָקטער פון פריערדיקן לאַגער האָט מיר געזאָגט, אַז איך האָב אַ געשוויר אין מאָגן. אויף דעם

קענט איר מיך באפרייען. זייט אזוי גוט, ראטעוועט מיך פון די וויטיקן און פון טויט״.

האט ער זיך אויף מיר צעשריגן מיט כעס: „דאס דארף מען פעסט־שטעלן דורך א רענטגען! — און איז פון מיר אנטלאפן. אזוי האט גע־האנדלט א יידישער דאקטער מיט א קראנקן אין לאגער.

אין שפיטאל האט געארבעט מיינס א באקאנטער פון לאדזש. זיין נאמען איז געווען חיים. ער איז געווען א טאפעצירער, געהאט אן אייגע־נעם ווערקשטעל. ער האט געקענט שיין פארדינען, איז ער אבער געווען א ליידנשאפטלעכער קארטן־שפילער, אלץ וואס ער האט געהאט האט ער פארשפילט אין קארטן. ער האט קיין מאל נישט געהאט קיין לייטישן מלבוש. ער איז געווען וואס אין דער קארט שטייט. זיין פאטער איז געווען א פארברענטער גערער חסיד און אן ערלעכער ייד. ער האט צוגע־צויגן צו יידישקייט קינדער פון קאליע־געווארענע היימען, אבער אויף זיין בן־יחיד, חיים, האט ער נישט געהאט קיין שליטה. חיים איז געווען שטארק ווי א ריז. ער האט געבויגן און געבראכן אייזערנע שטאנגען. פאר דער מלחמה האט ער נישט געוואלט ארבעטן און אציגד האט ער געזאגט: ווער ס׳וועט ארבעטן, וועט איבערלעבן די מלחמה״. און ער האט זיך פון די ערשטע אריינגעדרייט צו ארבעטן אין שפיטאל.

מיט א יאר צוריק איז ער געווען ביי מיר אין דער היים. בעתן שמועסן האט ער אויפגעעפנט די שאנק און באוואונדערט מיינע עטלעכע אנצוגן און מאנטלען. ער האט ארויסגענומען מיין טונקל־מארענגא וואלע־נעם ווינטער־מאנטל און געזאגט: „בריקסל, איך וויל אים אנמעסטן״. איך האב אים געענטפערט: „מיטן בעסטן פארגעניגן״. ער האט אנגע־מאסטן, כלומרשט אריינגעקוקט אין שפיגל, צי עס קליידט אים, פאר־רעדט מיר די ציין און דעם מאנטל מער נישט אויסגעטאן. אן ערך א האלבע שעה שפעטער גיט ער א זאג צו מיר: „ירחמילאלע, דו האסט דאך א נייערן, א שענערן, א מאדערנערן ווינטער־מאנטל, בארג זשע מיר דעם מאנטל אויף א צווי טעג.״ איך האב געטראכט: פאר וואס נישט? און האב אים געענטפערט: „מיטן בעסטן פארגעניגן, חיים.״ ער האט זיך שיין געזעגנט, איז אוועק און פון דעמאלט אן האב איך ערשט אציגד אים צום ערשטן מאל געזען — און טאקע אין מיין מאנטל. איך האב געטראכט: אט דער מאנטל קאן מיך ראטעווען פון טויט. האב איך אים גלייך גע־זאגט: „דו ווייסט דאך, אז איך בין א שוואכער און דו ביסט א ריז, דו שלאפסט אויף א פריטשע אין א הויז און איך שלאף אויף דער שטיי־

נערנער פּאַדלאַגע, אין אַ פּערדשטאַל, וועל איך דיר געבן מיין מאַרי־נאַרקע און דו וועסט מיר אָפּגעבן מיין מאַנטל.״ ער האָט מסכים געווען און אויפן אָרט האָבן מיר זיך איבערגעביטן. עס איז מיר באַלד געוואָרן אַ ביסל וואַרעמער. איך האָב צו אים געזאָגט: חיים, גאָטס דרכים קאָן מען נישט פאַרשטיין: האָסט געדאַרפט מיט אַ יאָר צוריק אויסנאַרן דעם מאַנטל, כדי איך זאָל אים דאָ באַקומען, וואָס קען מיך ראַטעווען פון אַ פאַרקילונג און אפשר אויך פון טויט.

פון די צרות האָט מען געקענט אַראָפּ פון זינען. יעדן האָט זיך געדאַכטן, אַז אַ צווייטער שטייט אים אין וועג. מען האָט זיך אַרומגעקריגט, געשאָלטן איינער דעם צווייטן, טייל מאָל איז דערגאַנגען ביז געשלעג.

איין נאַכט, ליגנדיק אויף דער שטיינערנער פּאַדלאָגע, האָבן זיך צוויי יידן געקריגט איבער אַ ביסל שטרוי, וואָס איז געווען פול מיט לייז. איינער דעם צווייטן האָט באַשולדיקט אין צונעמען זיינס אַ ביסל שטרוי. די געוואָלדן זיינען געגאַנגען אַזש ביז אין דרויסן אַרויס. עס איז אַריינ־געקומען דער וועכטער מיט דער ביקס. איך האָב געמיינט, אַז ער וועט זיי דערשיסן. ער האָט אָבער רחמנות געהאַט אויף זיי. האָט זיי געפּרואווט איינעמען מיט גוטן, ער האָט אָבער געזען, אַז ער קען גאָרנישט אויפטאָן, איז ער אַרויס פון שטאַל און די קריגעריי איז ווייטער אָנגעגאַנגען. דער זעלבער איז געווען אַן אַלטער עסטרייכער.

שפּעט ביי נאַכט זיינען מיר אויפגעוועקט געוואָרן פון באָמבע־אויפ־רייסן. די שטאַלן האָבן געציטערט, די ערד אונטער אונדז האָט זיך גע־טרייסלט. די באָמבעס האָבן אויפגעריסן איינע נאָך דער צווייטער. מיר האָבן געמיינט, אַז ענגלאַנד, אָדער פראַנקרייך באָמבאַרדירן. דער וויטיק איז געווען גרויס: אַזוי פיל געליטן און צום סוף וועלן מיר גאָר אומ־קומען פון באָמבעס, געוואָרפן פון פריינד. נאָך אַן ערך אַ האַלבער שעה האָט דאָס זיך אָפּגעשטעלט און מיר זיינען שפּעטער איינגעשלאָפן.

מיר האָבן געפּרואווט שטאַרקן אונדזער גייסט קעגן הונגער און פּיין דורך כאַפּן אַ זמרל. ווי אַ סטודיאַנט פון לאָדזשער „הזמיר״, האָב איך אָנ־געפירט מיט די יידישע ניגונים און פאָלקסלידער, וואָס מיר פלעגן זינ־גען בעיקר פאַרן איינשלאָפן. יידן האָבן זיך צונויפגעשאַרט אַרום מיר און זיך איינגעהערט מיט גרויס הנאה. מען האָט אַ ביסל פאַרגעסן, וואו מיר זיינען. נאָך אַזאַ „קאָנצערט״ זיינען מיר בעסער געשלאָפן. איך בין געוואָרן אַ יחסן, מען האָט אויף מיר געקוקט מיט דרך־ארץ. ביים אויס־טיילן די זופּ האָט מען מיך באַלוינט מיט נאָך אַ פּאָרציע, דאָס האָט מיך

נאָך נישט זאָט געמאַכט, אָבער ס׳איז געווען אַן איינשפּריצונג צו קענען איבערלעבן.

* * *

מיר האָט זיך איינגעבאַקן אין זיכרון עפּעס פון דער ערשטער וועלט־מילחמה, וואָס כ׳האָב געלייענט אין דער דערציילונג „אינדרויסן״ פון ש. בערלינסקי. דאָרטן דערציילט ער, אַז „אין אַ מלחמה קומט אַלצדינג צו נוץ: יעדע שמאַטע, דראָט קען נוצן פּאַר פּאָדעם״.

אַלצדינג, וואָס איך האָב געדעכנט, אַז עס קען ברענגען נוצן, האָב איך אויפגעהויבן: אַ שטיקל דראָט, וואָס כ׳האָב געזען אין דער ליימי־קער בלאָטע, נאָך אין לאַגער אין גערליץ, האָט מיר געדינט פּאַר שיכ־בענדלעך (שנורעוואַדלעס). ווען איך האָב געפונען נאָך אַ שטיקל דראָט, האָב איך מיר מיט דעם צוגעבונדן די לאַטשן צו די פיס, כדי כ׳זאָל זיי נישט פּאַרלירן אין די ליימיקע בלאָטעס און אויך די אוקראַאינער זאָלן זיי מיר נישט קענען אַראָפּנעמען פון די פיס בעתן שלאָף. אַז ס׳איז מיר אַראָפּגעפאַלן אַ קנעפּל, האָב איך עס צוריק צוגענייט מיט דראָט. עס האָט מיר איינער געגעבן אַ צעריסן היטל מיט בלויז לעכער, האָב איך עס פּאַראַכטן מיט דראָט. דאָס היטל האָט געהאָלפן, אַז איך זאָל מיר נישט דעם קאָפּ פּאַרקילן. אַזוי ווי כ׳בין געווען באַקליידט מיט דראָט פון קאָפּ ביז פיס, האָט מען מיך גערופן „דרוטשאַזש״. אַצינד האָב איך אויך דעם מאַנטל אַרומגעבונדן מיט דראָט אַזוי ווי מיט אַ רימען, כדי דער ווינט זאָל נישט אַרונטערבלאָזן. און דאָ, אינעם לאַגער פון קאָביעזשין, האָב איך נישט ווייט פון שפּיטאָל געזען אַ שטיק וואַטע, האָב איך עס אויפגעהויבן מיט דער אויסרעכענונג אפשר וועט דאָס מיר צו נוץ קומען, און אין אַן ערד אַ וואָך שפּעטער האָב איך אויף דער בלאָטיקער ערד געזען אַן אַרבל פון אַ מענעריש העמד, האָב איך עס אויפגעהויבן. ביידע „אוצרות״ האָב איך אַריינגעלייגט אין בוזעם־קעשענע און געהיטן ווי אַן אויג אין קאָפּ. אָט די צוויי זאַכן האָבן מיר געהאָלפן אין גיכן באַפרייט ווערן.

איך ווער באַפרייט

אין אַ פרייטיק נאָך מיטיק איז דער לאַגער־קאָמענדאַנט, מיט דעם יידישן דאָקטער פון שפּיטאָל און סעקרעטאַר פון דער קאָמענדאַנטור (אויך אַ געפאַנגענער יידישער זעלנער פון פּוילישן מיליטער), מיט אַ העפט און בליי אין האַנט, אַרומגעגאַנגען פון שטאָל צו שטאָל און פאַרשריבן אַ טייל געפאַנגענע. איך האָב נישט געוואוסט נאָך וואָס זיי גייען. ווען זיי זיינען אַריינגעקומען אין מיין באַראַק, האָב איך מיר גוט צוגעקוקט, וואָס זיי טוען. איך האָב געזען, אַז דער דאָקטער קלייבט אויס נאָר די, וואָס האָבן באַנדאַזשירטע גלידער, און דער זעלנער פאַרשרייבט באַלד דעם נאָמען און פון וועלכער שטאָט מען איז. איך האָב געטראַכט, אַז דאָס קען מיינען די באַפרייאונג.

ווי נאָר זיי זיינען אַרויסגעגאַנגען, האָב איך מיך שנעל אַרויסגעשאַרט דורך דעם הינטערטויער און כ׳בין גיך אַריין דורך דעם הינטערטויער אין נאָענטסטן באַראַק, וואוהין זיי האָבן באַדאַרפט אַריינקומען. איך האָב אַרויסגענומען דעם אַרבל מיט דעם שטיקל וואַטע. כ׳האָב מיטן אַרבל צועבונדן דאָס פּנים און אַריינגערוקט דאָס שטיק וואַטע ביי דער רעכטער באַק. ווען דער דאָקטער איז צו מיר צוגעקומען און געפרעגט: „וואָס טוט דיר ווי?״ האָב איך אים נישט געענטפערט. כ׳האָב מורא געהאַט זיך אויסצודרייען צו אים, ווייל אפשר וועט ער מיך דערקענען, אַז ער האָט מיך געזען אין פריערדיקן שטאָל. האָט ער זיך צו מיר אַראָפּגעבויגן און מיך געצויגן ביים אָרעם. איך האָב אַלץ מורא געהאַט, האָט ער מיך אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט און מיך צוגעפירט צום זעלנער. דער האָט מיך געפרעגט מיין נאָמען און פון וואַנען איך בין?

דער לאַגער־קאָמענדאַנט מיטן דאָקטער זיינען באַלד אַרויס און דער זעלנער איז נאָך דאָ געבליבן צו פאַרשרייבן די אויסגעקליבענע חולאים. באַלד איז צו אים צוגעלאָפן דער הויפּט פון דעם באַראַק, אויך אַ געפאַנגענער ייד, און ער האָט געשריגן פון קינאה: „פאַרשרייבט אים נישט! ער איז נישט פון דעם באַראַק!״ דער זעלנער האָט זיך נישט געמאַכט הערן. באַלד זיינען אַ סך אַנדערע צוגעקומען, מיך געזידלט און געשריגן צום זעלנער: „מעקט אים אויס! מעקט אים אויס!״ זיי האָבן געהאַלטן אין איין שרייען: „ער איז נישט פון אונדזער באַראַק!״ דער זעלנער האָט געזאָגט: „דער דאָקטער האָט אים אויסגעקליבן. דאַנקט גאָט, אַז אַ ייד ווערט באַפרייט״, און ער איז אַרויס. איך האָב געזען, אַז צוליב קינאה

קען מען מיך דאָ צערייסן אויף שטיקער, האָב איך מיך אַרויסגעשאַרט און כ׳בין צוריק אַריין אין מיין באַראַק. דעם אַרבל מיטן שטיק וואַטע האָב איך נישט אַראָפּגענומען פון פּנים.

אַ גאַנצע נאַכט האָב איך נישט געקענט שלאָפן: סיי פון אויפרעגונג, אַז איך וועל אפשר מאָרגן באַפרייט ווערן, סיי פון צווייפלען אפשר האָט זיך דער זעלנער יאָ געלאָזט איבעררעדן און מיך אויסגעמעקט פון דער ליסטע.

אויף מאָרגן איז דער יידישער זעלנער געגאַנגען איבער יעדער באַראַק און אויסגעטיילט די באַפרייאונג־שיינען. איך האָב געוואַרט נישט אין מיין באַראַק, נאָר אין צווייטן, וואו מען האָט מיך אַרויפגעשטעלט אויף דער ליסטע. יעדע מינוט האָט זיך געצויגן ווי אַ יאָר. ווען דער זעלנער איז סוף־סוף געקומען צום באַראַק און צווישן אַנדערע אויסגערופן אויך מיין נאָמען צווישן די באַפרייטע און מיר געגעבן דעם באַפרייאונג־שיין, בין איך געלאָפן צום טויער אַלץ מיט דער צוגעבונדענער באַק מיט דעם אַרבל און שטיק וואַטע. דער גרויסער, ברייטער טויער איז געווען פאַרהאַקט אויף זיבן שלעסער. אויף איין זייט פון דעם לאַנגן פּלויט לעבן טויער זיינען געווען אָפּגעריסן צוויי ברעטער. פון אינעווייניק און פון אויסנווייניק זיינען אין דער רעכטער און לינקער זייט געשטאַנען צו צוויי זעלנערס און יעדער פון זיי האָט קאָנטראָלירט די באַפרייאונג־שיינען. איך האָב געציטערט, זיי זאָלן נישט געפינען עפּעס אַ פעלער. ווען כ׳האָב צוריק באַקומען דעם באַפרייאונג־שיין, האָב איך לייכטער אָפּגעאָטעמט מיט אַ שווערן זיפץ. איך האָב מיך קוים דורכגעשטופּט דורך דער לאָך. איך האָב מיך דערמאָנט מיין מאַמעס אַ ווערטל: „אַריין גייט מען דורך אַ ברייט־צעעפנטן טויער און אַרויס גייט מען דורך אַ שפּאַרע״.

אויפן פעלד לעבן לאַגער זיינען געשטאַנען צענדליקער יידישע מייד־לעך און יונגע פרויען, וואָס האָבן אָפּגעוואַרט די באַפרייטע יידן, כדי זיי אַהיימצונעמען. איך האָב נישט געוואוסט וואוהין צו גיין. אין דעם דערהער איך אַ יונגע פרויענשטים: „בריקס! בריקס!״ האָב איך מיך אָנגערופן: „יאָ, איך!״ איך האָב דערזען אַ שוואַרץ־חנעוודיק מיידל, וואָס ענט זיך צו מיין מישפּחה. איך האָב גיך אַראָפּגענומען פון פּנים דעם אַרבל מיטן שטיק וואַטע און כ׳בין צוגעלאָפן צו איר. זי האָט מיר דערלאַנגט די האַנט מיט אַ ליכטיקן שמייכל: „איך בין לאַלע שמעונס. קום צו אונדז אַהיים. ס׳איז אַ האַלבע שעה גאַנג.״

ס׳ערשטע האָט זי מיך געפרעגט: „האָסטו באַקומען ס׳פּעקל?״. „ניין.״

האָב איך געענטפערט. „אַ שאָד! אַ גרויסער שאָד! מיר האָבן געמאַכט אַ פּעקל פון שענסטן און פון בעסטן: עטלעכע שאַכטלעך סאַרדינען, געבעקס, שיך, וועש, אַ וואָלענעם האַנט־געשטריקטן סוועטער, אַן אַנצוג, אַ מאַנטל און צוקערוואַרג." מיך האָט דאָס שטאַרק געקרענקט.

דערנאָך האָט זי מיך אויסגעפרעגט וועגן דער מישפּחה אין סקאַרזשיסק. כמעט ס׳גאַנצע שטעטל יידן איז געווען איין מישפּחה. דערנאָך האָב איך זיך נאָכגעפרעגט אויף יעדער איינעם פון די קרובים אין קראָקע. זי האָט מיר דערציילט, אַז איבער צוויי וואָכן איז זי יעדער טאָג געקומען צום לאַגער און מיך אָפּגעוואַרט. זי האָט געהאַט אַ געפיל, אַז איך וועל באַפרייט ווערן.

לאָלע, וואָס איר יידישער נאָמען איז געווען לאה, האָט מיר דער־ציילט, ווי מיין בריוו, וואָס זיי האָבן דערהאַלטן דורך דער גמינע, האָט זיי צעריסן די הערצער און זיי האָבן געזוכט אַלע מיטלען מיך צו באַפרייען.

ווען מיר זיינען אַהיימגעקומען איז שוין געווען פינצטער. אַלע האָבן זיך מיט מיר דערפרייט. דער פאָטער שמעון האָט געמאַכט הבדלה, מיט אַ געבראָכן קול געזונגען „המבדיל". די צוויי זין האָבן מיטגעזונגען. דער־נאָך האָבן זיי זיך אַנידערגעזעצט ביים טיש און האָבן איבערגעשריבן פון אַ מאַנוסקריפּט חידושים פון גערער רבין.

די וואוינונג האָט געהאַט צוויי גרעסערע שטובן און אַ קיך. די פאַ־מיליע איז באַשטאַנען פון פאָטער שמעון, דער מאַמע, דריי טעכטער און צוויי זין, גערער חסידים, מיט קורצע בערדלעך און לאַנגע פּיאות. זיי האָבן זיך אויסגעהיטן נישט אַרויסצוגיין אין גאַס. ווען זיי האָבן געמוזט אַרויס־גיין, האָבן זיי זיך אַרומגעבונדן ס׳פּנים, מען זאָל נישט אַרויסזען די באָרד. די טעכטער האָבן געלערנט אין גימנאַזיע און די זין האָבן גע־לערנט אין בית־המדרש.

מען האָט מיר באַלד געגעבן צו עסן. דערנאָך האָב איך געבעטן אַ שיסל וואַרעם וואַסער און זייף. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל אין די עטלעכע חדשים זינט איך בין געפאַנגען געוואָרן, וואָס כ׳האָב מיך געוואַשן מיט זייף. כ׳בין די נאַכט געשמאַק געשלאָפן. כ׳האָב נישט געוואוסט וואוהין די נאַכט איז אַהינגעקומען.

אויף מאָרגן בין איך אַוועק צו אַ פריזירער. לויטן מבול פון לייז אין מיינע האָר, האָט ער גלייך דערקענט, אַז איך קום פון לאַגער פאַר געפאַנ־גענע. דורך עטלעכע „וויזיטן" ביי אים האָט ער מיט נאַפט אויסגערייניקט פון מיינע האָר די מכּה פון כּינים.

איך בין געווען זייער אָפּגעשוואַכט און שטאַרק אויסגעהונגערט פון

די עטלעכע חדשים זיין אין לאַגער. איך האָב געוואָלט פאָרן קיין לאָדזש, איז אָבער די באַן נישט געגאַנגען פאַר ציווילע מענטשן. דערווייל האָב איך מיך געניייטיקט אין מלבושים, אין גוט עסן, אין אויסרוען זיך, כדי כ׳זאָל קענען פירן הצלחהדיק מיין קאַמף פאַרן לעבן.

די מומע, דעם פעטער הערשלס ווייב, אַ בידעריקע יידענע, האָט מיך אַהינגעפירט צו איר זון אַברהם. ער האָט געהאַט אַ הורטאָווניע פון שפייז. זיי האָבן געפירט אַ גבירישע באַלעבאַטישקייט, ווי פאַר דער מילחמה. די גאַנצע שטוב־באַלעבאַטישקייט איז געלעגן אין די הענט פון אַ יידיש דינסטמיידל, ווייל אַברהם און זיין ווייב זיינען געווען פאַריאָגט אין געשעפט.

ביי אַברהמען האָב איך באַקומען אַן איבערגעגאַנגענע „יעשאַנקע״ (האַרבסטמאַנטל) און אַ בערעט. מיט מיינע „בייע״ מלבושים און נאָכן אָפּשערן די האָר, האָב איך אויסגעזען אַ ביסל „לייטישער״.

אַצינד, אַז כ׳בין שוין געווען האַלב־לייטיש אָנגעטאָן, אַ זויבערן מאַנטל מיט אַ בערעט, נישט קיין יידישן לבוש און נישט קיין אויטענטיש יידיש פנים, מיט מיינע בלויע אויגן און העלע האָר, — האָט מען געמיינט, אַז כ׳בין נישט קיין ייד. ווען כ׳בין דורכגעגאַנגען די יידישע גאַסן, האָב איך געפילט ווי יידן האָבן מורא פאַר מיר. ווען כ׳בין דורכגעגאַנגען דעם מאַרק מיט פויערישע וועגענער, האָב איך געזען, ווי די פויערים שרעקן זיך פאַר מיר, זיי האָבן געמיינט, אַז איך בין אַ דייטש. אַזוי ווי מען האָט נישט דערקענט, אַז כ׳בין אַ ייד מיט מיין באַפרייאונג־שיין פון געפאַנגען־לאַגער, מיט אַ שטעמפּל פון דער וועהרמאַכט, מיט אַ האַקנקרייץ, האָב איך מיך געפילט זיכערער און כ׳האָב נאָך שטאַרקער אָנגעהויבן טראַכטן וועגן אַהיימפאָרן קיין לאָדזש.

שבת בין איך ווידער אַהינגעגאַנגען צו אַברהמען. מיר האָבן גע־דאַוונט אין דער היים. מיר האָבן געמאַכט „קידוש״ איבערן ווין און פאַר־ביסן מיט גרויסע פאַרציעס קוכן. כ׳בין נאָך געווען אַזוי אויסגעהונגערט, אַז ווען אַברהם איז אַריינגעגאַנגען אין דער צווייטער שטוב, האָב איך שנעל אַראָפּגעגנבעט אַ שטיקל פון זיין פאַרציע און אויפגעגעסן. איך האָב מיך באַלד אַליין געמוסרט: גאָט, וואָס האָבן די דייטשן פון מיר געמאַכט? אַ חיה? ווען וועל איך מיך שוין אַ מאָל אָנעסן צו דער זעט? אויס מענטש האָבן זיי פון מיר געמאַכט.

דאָס עסן איז דאָ געווען אויפן חסידישן שטייגער: זיסע פיש, פעטער טשאָלנט, אַ קוגל, פלייש און צימעס.

די רעליגיעזע יידן אין קראָקע האָבן געהאַט אַ קיך מיט אַ באַקאַייוועלע,

וואָס האָט פאַרהיטן פון מחלל שבת זיין: מען האָט געמאַכט פריטיק פאַר ליכטצינדן אַ „שבת־אויוון", מען האָט אַריינגעשיט אויף די צעגליטע קוילן אַ פולע קיך מיט „כאַש" (קוילן־מיאַל), מען האָט אַרויפגעלייגט אַלע „פייער־קעס" (רינגען), אַרויפגעשטעלט אַ גרויסן קופּערנעם טשייניק אָדער אַ קעסל פול מיט וואַסער און אַרומגעשיט מיט ווייסן זאַמד. די פייערקעס האָבן זיך אָנגעגליט. דער כאַש האָט נישט געפלאַמט, נאָר געטליעט, געוואָרן אַזוי ווי אַ שטיק אָנגעגליט שטאָל. דאָס פייער האָט אָנגעהאַלטן ביז שבת צו נאַכטס און טייל מאָל ביז זונטיק. דאָס זאַמד האָט נישט געלאָזט אָפּקילן דאָס קעסל, האָט מען געהאַט טיי אַ גאַנצן שבת. אין דער זייט, וואו דער פּלאָם איז אַרויסגעלאָפן, איז געווען אויפגעבויט אַ „שאַמאַט" (ציגל, וואָס האַלטן היץ)־אייוועלע, און דער פּלאָם איז דורכגעלאָפן איבער דעם גאַנצן אייוועלע: דאָ האָט מען געשטעלט טשאָלנט און דאָ האָט מען אויך געבאַקן.

דאָס מיידל האָט אַרויסגערוקט דעם פעטן „יאַפּצאַק" (טשאָלנט פון צעריבענע קאַרטאָפל אויף אַ ריבאייזן), אויך פעטע קישקע און געבראָטן געענדזנס. מיינע אויגן האָבן נאָר געוואָלט קוקן אין יענעמס טעלער. איך האָב מיך קוים באַהערשט.

נאָך דער סעודה האָט מען געשמועסט וועגן מישפּחה־ענינים און איך האָב ווידער דערציילט עפּיזאָדן פון מיינע ביטערע איבערלעבענישן אין די פאַרשיידענע לאַגערן.

איך האָב זיך געזעגנט אין קראָקע מיט אַ סך קרובים, זיך געטראָפן אין גאַס מיט אַמאָליקע באַקאַנטע, אָבער מיין געדאַנק איז געווען בעיקר פאַר־נומען מיטן פּלאַן זיך צו דערשלאָגן קיין לאָדזש.

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז בכדי דורכצומאַכן אַזאַ נסיעה אין אַזאַ צייט, דאַרף מען זיך גוט אָנגאַרטלען, דאָס הייסט, ווי עס איז צו זאָרגן אויף אויסקומעניש, סיי בעת דער נסיעה, סיי אויף שפּעטער. איז מיר איינגעפאַלן אַזאַ געדאַנק: זאַלץ. זינט דער קריג איז אויסגעבראָכן, האָט געפעלט זאַלץ איבער גאַנץ פּוילן. ערשט צוויי טעג פאַר מיין אַוועקפאָרן האָט מען אין קראָקע באַקומען גענוג זאַלץ. האָב איך גערעכנט: אַזוי ווי קראָקע איז נישט ווייט פון וויעליטשקאַ, וואו עס זיינען דאָ די זאַלצגרובנס, דערפאַר איז דאָ פאַראַן זאַלץ. אָבער איבער גאַנץ פּוילן וועט עס נאָך נעמען צייט ביז מען וועט ברענגען פון דאַנען, דעריבער האָב איך באַשלאָסן אַהיימצופירן זאַלץ. מיין קוזין אַברהם האָט מיר געגעבן צוואַנציק זלאָטעס, האָב איך געקויפט אַ האַלב זעקל זאַלץ פאַר צען זלאָטעס. איך בין געווען זיכער, אַז כ'וועל פון דעם אין לאָדזש מאַכן אַן אוצר. איך האָב אויך מיטגענומען

דאָס בלעכענע קאָנסערוון־פּושקעלע, מיטן פאַרזשאַווערטן לעפל פון לאַגער צו האַלטן אַ זכר אויף אייביק, ווי אויך אַ קליינטשיק טעפּעלע, איך זאָל האָבן אין וואָס צו עסן אָדער האַלטן אַ ביסל וואַסער. איך האָב מיך געזעגנט מיט אַלע פריינט און פאַר נאַכט בין איך אָנגעקומען אויף דער באַנסטאַציע.

אין סקאַרזשיסק — אויף נייע צרות

דער צוג, וואָס איז געגאַנגען קיין לאָדזש, איז געווען אַ פּאַסאַזשיר־צוג. עס האָט לאַנג נישט געדויערט און דער צוג איז פול געוואָרן מיט פּאָליאַקן. עס האָט געדויערט אַ דריי שעה, ביז דער צוג האָט גענומען פאָרן. קיינער האָט נישט דערקענט, אַז איך בין אַ ייד. איך האָב געטראַכט: ווי גוט ס'איז היינט נישט צו זיין אַ ייד. די פּאָליאַקן האָבן מיר אָפּגעגעבן פלאַץ צו שלאָפן. דער צוג האָט זיך געשלעפּט אַ גאַנצע נאַכט. אין דער פרי האָבן זיך די פּאָליאַקן געטיילט מיט מיר מיטן ביסן. דער גרעסטער טייל פון זייערע שמועסן איז געווען קעגן יידן. עס האָט פון זיי אַרויסגערעדט געבעלסעס אַנטיסעמיטיש־גיפטיקע פּראָפּאַגאַנדע.

אַ גאַנצן טאָג האָט זיך דער צוג געשלעפּט זייער פּאַמעלעך און האָט זיך כסדר אָפּגעשטעלט. ערשט אויף דער נאַכט איז מען אָנגעקומען קיין טשענסטאָכאָוו. דער קאָנדוקטאָר האָט געלאָזט וויסן: ווער עס פאָרט קיין לאָדזש מוז דאָ זיך איבערזעצן אויף אַ צווייטן צוג, ווייל דער צוג גייט קיין ראַדאָם. האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דער צוג מוז דורכפאָרן דורך מיין שטעטל סקאַרזשיסק, וואו עס וואוינען מיינע עלטערן און מיין פאַרצווייגטע מישפּחה. האָב איך באַשלאָסן צו בלייבן אויף דעם צוג, כדי זיך צו זען מיט זיי.

דער צוג האָט זיך געשלעפּט. ערשט צו מאָרגנס נאָך מיטאָג איז מען אָנגעקומען קיין קעלץ. דאָ איז מען געשטאַנען עטלעכע שעה. ס'איז געווען אַ זוניקער טאָג. אַ סך רייזנדע זיינען אַרויסגעגאַנגען אויפן פּעראָן, האָב איך אויך אַזוי געטאָן. איך האָב נישט געוואוסט, אַז ס'וועט מיר אויסקומען אַזוי לאַנג צו פאָרן, האָב איך נאָר מיטגענומען אַ פּויערישן ווייסן קעז און איין ברויטל. כ'האָב געזען, אַז זעלנערס טראָגן „מענאַשקעס" זופּ, בין

איך צוגעגאַנגען צום קוכער ביי אַ פעלדקיך אויף אַן אָפענעם וואַגאָן פון אַ צוג מיט מיליטער. דער דייטש האָט מיר אַנגעגאָסן אַ טעפּעלע זופּ.

ווען כ׳בין אַריין אין וואַגאָן, זיינען אָנגעקומען סוחרים מיט גרויסע קייבערס ווייסן קוכן. איך האָב געקויפט און געגעסן מיט גרויס הנאה. איך האָב געקויפט נאָך אַ שטיקל און נאָך אַ שטיקל. דערנאָך איז אָנגעקומען נאָך אַ סוחר מיט אַזאַ קויבער און זעלביקן קוכן. האָב איך אים אויך געגעבן צו לייזן. ער האָט מיר איינגערוימט אין אויער: „פּאַליאַקו, יענער, וואָס דו האָסט ביי אים פריער געקויפט, איז אַ זשיד!" האָב איך אים געענטפערט מיט אַ געבייזער: „ביי מיר איז נישט קיין אונטערשייד. ער דאַרף אויך לעבן. דער פאַן יעזוס האָט געזאָגט: „זאָלסט ליב האָבן יעדער מענטשן אַזוי ווי דו האָסט ליב דיך אַליין." דער פּאַליאַק האָט זיך פאַרשעמט און איז אַוועקגעגאַנגען.

פאָרן מיט דער באַן פון קעלץ קיין סקאַרזשיסק האָט פאַר דער מלחמה געדויערט אַ שעה, אַצינד האָט זיך דער צוג געשלעפּט אַ זעקס שעה. אין דער פינצטערניש האָב איך דערקענט, אַז מיר זיינען שוין ביי סקאַרזשיסק. ווען מיר זיינען אָנגעקומען נאָענט צו דער סטאַציע און דער צוג האָט זיך כסדר אָפּגעשטעלט און זיך געשלעפּט צו עטלעכע מעטער, איז מיר נימאס געוואָרן, האָב גענומען דאָס האַלבע זעקל מיטן זאַלץ אויף די פּלייצעס, דעם אַלטן מאַנטל אונטערן אָרעם, געעפנט די טיר און אַראָפּגעטרעטן אויף דער שוועל פון וואַגאָן. איז דאָ אָבער געשטאַנען אַ דייטשער זעלנער און ער האָט אויף מיר געשריגן: „צוריק! פערשווינד! הויטע גיבטס ניכט מער דרעקיש פּאָלען"!" איך בין עפּעס צעחושט געוואָרן, האָב איך אים געענטפערט אין דייטש, אַז איך וואָלט נישט וויט פון דאַנען. דער צוג האָט אָנגעהויבן פאָרן. ער האָט געהערט, אַז איך רעד דייטש, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז איך בין אַ ייד. האָט זיך די יוכע אין אים צעקאָכט און ער האָט זיך אויף מיר צעשריגן: „דו פערפלוכטער יודע!" ער האָט מיך אָנגעכאַפּט און געוואָלט אַראָפּשליידערן. איך האָב מיך פעסט אָנגעהאַלטן ביים פאָרענטש און געשריגן: „איך בין קיין יודע! איך בין פּאָלע! איך האָבע געלערנט דויטש אין שולע!" האָט ער מיך אָפּגעלאָזט. איך האָב דעמאָלט באַשלאָסן: רעדן צו די דייטשן נאָר אין פּויליש.

ווען דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דער סטאַציע סקאַרזשיסקאָ, בין איך אַראָפּגעגאַנגען מיט אַ קליינער צאָל מענטשן. כ׳בין דורכגעגאַנגען די פינצטערע בריק און געקומען אין שטעטל. ס׳איז געווען פינצטער חושך. קיין איין עלעקטרישער לאָמפּ האָט נישט געלויכטן. מען האָט קיין

מענטש נישט געזען. ווען כ׳בין געקומען אויף דער הויפּטגאַס, אויף דער יילזשעצקאַ, איז אויך געווען דאָס זעלביקע. נאָך עטלעכע מינוט גאַנג איז צו מיר צוגעקומען אַ יונג פּאָרל, מסתמא פּאָלקסדייטשן, זיי האָבן מיך אָפּגעשטעלט און געפרעגט אויף פּויליש:

— וואוהין גייסטו?

— אַהיים, צו מיינע עלטערן.

— פון וואַנען קומסטו?

— פון געפאַנגען־לאַגער פון קראָקע.

— מען באַפרייט שוין פון געפאַנגען־לאַגער?

— יאָ.

— וואָס האָסטו דאָ אין זאַק?

— זאַלץ.

— עס איז שוין דאָ זאַלץ?

— יאָ, אַלע, וואָס זיינען געפאָרן מיט מיר, האָבן מיטגענומען פולע זעק מיט זאַלץ.

— מיר דיזשורירן אַצינד. מען טאָר נישט אַרויסגיין פון הויז פון ניין אוונט ביז אַכט אין דער פרי. גיי גיך אַהיים, טאָמער טרעפט דיך אַ זעלנער, קען ער דיך נאָך דערשיסן.

— גוט, אַ דאַנק.

מיר איז איינגעפאַלן: דאָס בעסטע וועט זיין אַנצוקלאַפּן אין דער ערשטער יידישער שטוב און דאָרטן איבערנעכטיקן. כ׳האָב זיך אַריינגעדרייט אין אַ הינטערגעסל. דאָרט האָט געוואוינט אַ זייער בכבודיקע אַלמנה מיט צוויי זין, מיט דעם עלטערן, אלתר, בין איך געגאַנגען אין איין חדר. איך האָב אָנגעקלאַפּט פאָרנט אין פענצטער. דער ייִנגערער זון, מענדל, האָט מיך געפרעגט אויף פּויליש: „ווער איז דאָרט?" האָב איך געענטפערט אין יידיש: „ירחמיאל בריקס, פון לאָדזש." ער האָט געעפנט די טיר און מיך אַריינגעלאָזט. איך האָט אַראָפּגעוואָרפן פון מיר דאָס האַלבע זעקל זאַלץ און כ׳האָב לייכטער אָפּגעאָטעמט. ער האָט זיך מיט מיר דערפרייט און געזאָגט, אַז מען האָט זיך שוין פון מיר מייאש געווען. איך האָב אים געזאָגט פאַר וואָס איך האָב דאָ אָפּגעטרעטן. ער האָט מיר אָנגעוויזן אויף אַ בעטל אין דער קיך. אין דער פרי האָב איך גענומען דאָס זעקל מיטן מאַנטל און געגאַנגען צו מיינע עלטערן. אויף די גאַסן זיינען געגאַנגען ווייניק מענטשן. קיין יידן האָט מען בכלל נישט געזען. די געוועלבער זיינען געווען ווי פאַרהאַקט. ווען כ׳בין געקומען אויף דער גאַס, וואו מיר

האָבן געוואוינט, האָב איך געזען מיין פּאָטער פּאָרויס פון מיר. האָב איך געררופן: „טאַטעשי! טאַטעשי!” ער האָט זיך אויסגעדרייט און צוגעלאָפן צו מיר. ווען איך האָב אים דערזען, האָב איך אויסגעבראָכן אין אַ געוויין: וואו איז זיין שיינע באָרד? זיין שוואַרץ קיילעכדיק יידיש היטעלע? און זיינע יידישע מלבושים? ער טראָגט אַ מאַטשעיואווקע, אַ קורץ רעקל, נישט אַ לאַנגע יוביצע; זיין פּנים איז פאַרצוקט, די אויגן — שרעק און טרויער. איך האָב אַראָפּגעלאָזט ס׳זעקל מיטן מאַנטל. מיר זיינען אויף זיך אַרויפגעפאַלן און לאַנג זיך געדריקט איינער צום צווייטן מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם.

אין דער היים האָב איך אויסער דער מאַמעשין אויך געטראָפן מיין יינגסטע שוועסטער ליבע, מיין יינגסטן ברודער יאָסל און מיין עלטסטע שוועסטער אסתר פון לאָדזש, מיט אירע צוויי קינדער, משהלע און רחלע, די וואָס זיינען מיט מיר אַנטלאָפן פון לאָדזש און איך האָב זיי געהאַט איבערגעלאָזט אין בזשעשין.

יחיאל, אסתרס מאַן, וואָס די פּאָליאַקן האָבן מאָביליזירט צוויי וואָכן פאַר דער מילחמה, איז אויך געווען ביי אונדז. ער האָט דערציילט, אַז מען האָט אים געגעבן אַ ביקס מיט קוילן און ער האָט נישט געוואוסט ווי אַזוי זיך אומצוגיין מיט דעם. די דייטשן האָבן אים גענומען אין געפאַנגענשאַפט נישט ווייט פון ראַדאָם. ער האָט זיך אַזוי לאַנג געדרייט ביז ס׳איז אים געלונגען צו אַנטלויפן. אַזוי ווי ראַדאָם איז נישט ווייט פון סקאַרזשיסק, איז ער דאָ אַהערגעקומען און געטראָפן זיין ווייב מיט די קינדער.

אין דער היים איז געווען אַ הונגער. די דייטשן האָבן אַלץ אויסגערויבט, אַלצדינג האָט געקאָסט טייער. ברויט איז געווען אויף קאַרטן. פאַר יידן איז געווען אַ ספּעציעלער סאָרט ברויט: איין פּערטל קילאָ אַ טאָג פאַר אַ „קאָפּ”, שוואַרץ ווי קויל, געמישט מיט גיפּס און קאַשטאַנענמעל. ס׳איז געווען פייכט, קלעבעצדיק און שווער אויף דער וואָג. דאָס ברויט, וואָס מען האָט געקענט קויפן אָן קאַרטן, איז געווען בעסער, אָבער עס האָט געקאָסט זייער טייער. מיין פּאָטערס הכנסות האָבן זיך אין גאַנצן אָפּגעשטעלט. ער האָט געהאַנדלט מיט רונדיק האָלץ, וואָס ער האָט פאַרקויפט דירעקט פון די מלוכישע וועלדער צו די טאַרטאַקן. וואו האָט אַ ייד אַצינד געקענט קויפן האָלץ ביי דער מלוכה, אַז די דייטשן האָבן אַלץ איבערגענומען? קיין אָפּגעשפּאָרט געלט האָט ער נישט געהאַט. דאָס אָפּגעשפּאָרטע יידישע געלט אין די בענק האָבן די דייטשן אויך צוגערויבט. מיין פּאָטער האָט אויך געהאַנדלט מיט האָלץ צו בויען הייזער, אָבער

ווער האָט אַצינד געבויט הייזער? ביי וואָס צו פאַרדינען איז נישט געווען און דער יקרות איז געווען אין לשער. האָט מען געהונגערט.

יעדער ייד, וואָס איז געווען איינגעמאָלדן אין שטעטל, האָט געמוזט אַרבעטן צוויי טעג אין דער וואָך בחינם פאַר די דייטשן. די יידישע גמינע האָט געמוזט צושטעלן די יידן צו דער אַרבעט. די אָרעמערע האָבן זיך צוגעשטעלט און די רייכערע האָבן זיך אויסגעקויפט פאַר געלט, אָדער זיי האָבן צוגעשטעלט אַנדערע אויף זייער אָרט, וואָס האָבן זיך גענייטיקט צו פאַרדינען אויף אַ שטיקל ברויט. די דייטשן, וואָס זיינען געווען די אויפזעערס ביי דער אַרבעט, זיינען געווען די ריכטיק אויסגעשטודירטע סאַדיסטן און מערדערס, זיי האָבן ביי דער אַרבעט געפייניקט און גע־מאָרדעט די יידן, אָבער אין אונדזער שטעטל איז עס נאָך אַזוי ווייט נישט געווען דערגאַנגען, ווען איך בין דאָרטן געווען. איך האָב מיך נישט איינ־געמאָלדן אין מאַגיסטראַט (כ'בין געווען אומלעגאַל און פאַר איינמעלדן האָט מען אויך געדאַרפט באַצאָלן לאַפּוּאוּקע אַ שיינע מטבע), דעריבער האָב איך נישט געאַרבעט.

מיין פאָטערס ברודער, ירחמיאל, איז געווען אַ קאָמאַשן־מאַכער. ער האָט יעדע וואָך באַקומען אַן אויפפאָדערונג פון דער גמינע צו גיין אַרבעטן צוויי טעג. האָט ער מיך געפרעגט, צי איך וויל גיין פאַר אים אַרבעטן און ער וועט מיר באַצאָלן וויפל כ'וויל. איך האָב מסכים געווען, ווייל כ'האָב מיך גענייטיקט אין געלט.

די אַרבעט איז געווען צו פאַרשיטן די טיפע גריבער, וואָס די דייטשע באַמבעס האָבן אָנגעמאַכט. אָנגעפירט מיט דער אַרבעט האָט אַ יונגער פּאָליאַק, וואָס איז דערצויגן געוואָרן צווישן יידן אין שטעטל. ער האָט זיך אויסגעלעבט צווישן יידן און געלעבט פון יידן. אַן איידעלער שגץ און אַ יידן־פריינד. באַלד אין דער פרי האָט ער אונדז אונטערגעשריבן די צעט־לען, אַז מיר האָבן אָפּגעאַרבעט דעם טאָג. איך האָב אונטער אים אָפּגע־אַרבעט עטלעכע טעג. איך האָב אים מכבד געווען מיט פּאַפּיראָסן. מיר האָבן זיך באַפריינדט. איין טאָג זאָגט ער צו מיר: „בריקסיו, לייג אַוועק דעם רידל, זיץ דאָ מיט מיר. איך מאַך דיך פאַר אַן אויפזעער אונטער מיר. לאָמיר רעדן, עס איז גוט צו שמועסן מיט דיר". איך בין אַ ביסל געזעסן מיט אים אויף אַ ברעט, אונטערגעשפּאַרט מיט אַלטע ציגל, און מיר האָבן גערעדט פּאָליטיק. אַזוי ווי מיר זיצן און שמועסן איז אָנגעקומען אַ פּאָליאַק, אַ חזיר־קיילער מיט אַ שטעקן און ער האָט גענומען שלאָגן די יידישע אַרבעטערס, שרייענדיק: „איך בין פון אַצינד אַן אייער אויפ־

זעער!" דער אידעלער פּאַליאַק איז געוואָרן איבערראַשט, אַזוי ווי מיר יידן און ער האָט אויך מורא געקריגן אַזוי ווי די יידן. איך האָב מיך שטי־לערהייט אוועקגעשאַרט און מער בין איך צו דער דאָזיקער אַרבעט נישט געגאַנגען.

די יידישע גמינע איז אויך געצוואונגען געוואָרן צוצושטעלן יידישע אַרבעטערס אין דער אַמוניציע־פאַבריק. אין סקאַרזשיסק איז געווען די גרעסטע געווער־פאַבריק פון פוילן.

אַזוי ווי מיין שוואָגער יחיאל האָט זיך געניטיקט אין געלט, איז ער געגאַנגען אין דער יידישער גמינע נאָך אַרבעט. האָט מען אים געשיקט אין דער וויטפּורניע (אַמוניציע־פאַבריק). אין אָונט, ווען ער איז אַהיימגע־קומען,איז ער געווען צעשלאָגן. ער האָט דערציילט: ער האָט געאַרבעט אונטער אַ דייטש, וואָס האָט געהאַט דעם טיטל דאָקטאָר און ער האָט אַ גאַנצן טאָג געפּייניקט די יידישע אַרבעטערס. זיין גרעסטע הנאה איז געווען צו שלאָגן די יידן מיט אַ שטעקעלע איבער די אויערן און נאָז. די יידן האָבן אים אַ נאָמען געגעבן: „דאָקטאָר מערדער".

כאָטש די יידישע גמינע האָט צוגעשטעלט אויף פאַרשידענע פּלעצער יידן צו דער אַרבעט, האָבן די דייטשן אויך טאָג־טעגלעך געכאַפּט יידן צו דער אַרבעט פון די גאַסן און פון די שטיבן. אַזוי ווי איך האָב געהאַט אַ באַפרייאונג־שיין פון געפאַנגען־לאַגער מיט אַ האַקנקרייץ, וואו עס איז געווען אויסגעשטעלט, אַז איך קען פאָרן אין אַ שטאָט פון די רוסישע געביטן, האָב איך, אין מיין נאַאיוקייט געגלייבט, אַז דאָס איז אַ שוץ קעגן די כאַפּעניש. איין מאָל אין דער פרי האָט גיך אין ייד איבערגע־געבן דעם צוויטן: די דייטשן כאַפּן יידן אויף אַרבעט. האָבן זיי זיך באַהאַלטן. איך, זיכער מיט מיין שיין, בין אַרויסגעגאַנגען אין גאַס. אַ פּאָר מינוט שפּעטער האָט מיך געכאַפּט אַ דייטשער אָפיציר און מיך צוגע־פירט צו אַן אָרט, וואו עס זיינען שוין געשטאַנען מער ווי צען געכאַפּטע יידן, געהיטן פון צווי זעלנערס מיט ביקסן און שפּיזן. דאָ איז אויך געווען מיין גמרא־מלמד, דער ליטוואַק ר' אברהם פּאַלאָסעדסקי, וואָס מיין פעטער ר' מענדל פעלדמאַן האָט אים אַראָפּגעברענגט פון ליטע ספּעציעל פאַר זיינע קינדער און ער האָט אים געגעבן אַ וואוינונג אין איינעם פון זיינע הייזער. איך האָב אַרויסגענומען מיין באַפרייאונג־שיין מיטן האַקנ־קרייץ, צוגעגאַנגען צום אָפיציר און אים געזאָגט, אַז איך מוז באַלד אַוועק־פאָרן. ער האָט צוגעכאַפּט דעם דאָקומענט, אָפילו נישט אַריינגעקוקט אין אים, אַריינגעשטעקט אין מאַנקעט פון אַרבל פון שינעל און מיך נישט

געלאזט רעדן. ער האט אנגעזאגט איין זעלנער, ער זאל מיך גוט היטן כ'זאל נישט אנטלויפן. ער האט איבערגעציילט די געכאפטע יידן און איז אוועק־געגאנגען.

מען האט אונדז געפירט איבער דער גאנצער שטאט, ביז מיר זיינען צוגעקומען צו דער ראמפע פון דער באן, וואו עס זיינען געלעגן קוילן. דא האט אונדז איבערגענומען אן אפיציר. ער האט אונדז באפוילן מאר־שירן מיט אים. מיר זיינען צוגעקומען צו עטלעכע זעלנערס און זיי האבן אונדז צוגעפירט צו א בארג בריקעטן־ציגל פון קוילנשטויב. יעדער ברי־קעט האט געוואויגן פופצן קילא. דאס האט די פוילישע רעגירונג אנגע־גרייט פאר די לאקאמאטיוון אין א נויטפאל. מיט דעם האבן מיר געדארפט אנלאדן א וואגאן. דער וואגאן איז געשטאנען ווייט פון די בריקעטן און די טיר פון וואגאן איז געווען הויך. האבן עטלעכע יידן אראפגענומען די בריקעטן פון בארג, דערלאנגט עטלעכע יידן, וואס האבן צוגעטראגן צום וואגאן און אריינגעלייגט. איך מיט מיין גמרא־מלמד זיינען געווען אין וואגאן. מיר האבן געדארפט אנצולייגן די בריקעטן גלייך, אזוי ווי ציגל אין א געמויערטער וואנט. איך האב מיך באמיט צו ארבעטן פארביידן. ס'הארץ האט מיר געשניטן, ווי דער רבי אטעמט שווער און דער וואכמאן האט מיך אונטערגעטריבן מיט דעם פריקלאד אויף מיינע זייטן:

„שנעלער ארבייטען! שנעלער, יודע!"

ווען עס איז פינצטער געווארן, האט מען אונדז דערלויבט אהיימצו־גיין. איין אפיציר האט געזאגט: „אלע פאליאקן און אלע יידן קענען אהיימנעמען קוילן וויפל זיי ווילן". די פאליאקן האבן אהיימגענומען, וויפל זיי האבן געקענט טראגן, אבער מיר יידן זיינען געווען אזוי אויס־געשעפט, אז מען האט געדאנקט גאט, אז מען קען זיך אהיימשלעפן.

איך האב מיך קוים דערשלעפט אהיים א וואקלנדיקער און מיך באלד געלייגט אין בעט אריין. צו מארגנס האב איך נישט געקענט אויפשטיין. עס האט מיר ווי געטאן יעדער אבר. מען האט אנגעריבן מיט אלקאהאל דעם גאנצן קערפער. איך בין געלעגן דריי טעג אין בעט. דאס איז פאר מיר געווען די אמתע לעקציע זיך אויסצוהיטן פון יעדער מין ארבעט פאר די נאציס.

אין בית־מדרש האט מען נישט געדאווענט — דער מקום קדוש איז פארוואנדלט געווארן אין א הקדש פאר די יידן, וואס די דייטשן האבן ארויסגעטריבן פון לאדזש און אנדערע ערטער. זיי זיינען געשלאפן אויף דער שטיינערנער פאדלאגע מיט די פיצלעך קינדער.

געדאַוונט מיט אַ מנין האָט מען נאָר פּרײַטיק צו נאַכטס און שבת אין דער פרי אין אַ פּריוואַטער היים. מיר האָבן געדאַוונט בײַ מײַן פעטער מאיר. ער האָט זײַן הדרת־פּנימדיקע באָרד נישט אָפּגעשניטן. ער איז געווען אַ תלמיד־חכם, אַ פאָלקסמענטש און אַ גערער חסיד.

ר׳ מאיר האָט געהאַט דרײַ זין. די צוויי עלטערע, אַכצן און זעכצן יאָר, האָט ער אַליין אַוועקגעשיקט קיין רוסלאַנד: „דאָ איז געפערלעך — האָט ער געזאָגט — דאָרטן האָבן זיי אַ שאַנס איבערצולעבן די מלחמה״. דאָס יינגסטע ייִנגל, וואָס איז נאָך נישט געווען בר־מצווה, האָט ער גע־האַלטן בײַ זיך. אַלע דרײַ בחורים זײַנען געווען שטאַרק פרום און האָבן געקענט גוט לערנען. דער פעטער מאיר מיט זײַנע בני־בית האָט מען עטלעכע יאָר פאַר דער מלחמה געוואָלט אַראָפּנעמען קיין אַמעריקע, האָט ער נישט געוואָלט פאָרן. „אַמעריקע — האָט ער געזאָגט — איז אַ טריף לאַנד. די לופט איז דאָרט טריף! אַלץ איז בלאָף! מײַנע קינדער וועלן דאָרטן אויסוואַקסן גוים און איך וועל דאָרטן נישט קענען לעבן ווי אַ ייִד.״

אַלע דרײַ זײַנען אומגעבראַכט געוואָרן פון די דײַטשן און אוקראַ־אינער, אָבער די צוויי עלטערע זין האָבן זיך טאַקע געראַטעוועט אין רוסלאַנד.

מײַן ייִנגערער ברודער שמחה האָט געדינט אין דער פּוילישער אַרמיי און געקעמפט אויפן פראָנט קעגן די נאַציס. ער איז געווען אַן אונ־טער־אָפיציר. אַן אָפיציר האָט אויף אים געמאַכט אַ בילבול, אַז ער איז אַ דײַטשער שפּיאָן. עס האָט אים געדראָט דערשאָסן צו ווערן און נאָר על־פּי נס איז ער געראַטעוועט געוואָרן. ער האָט אַ קורצע צײַט שפּעטער געשמוגלט די גרענעץ און איז אַוועק קיין סאָוועט־רוסלאַנד.

אַ קענטיקער טייל פון סקאַרזשיסקער ייִדישער יוגנט איז אַוועק קיין רוסלאַנד. אַזוי ווי אַלע זײַנען געפאָרן, האָט מײַן ייִנגסטער ברודער יאָסל, וואָס איז אַלט געווען פערצן יאָר, אויך באַשלאָסן צו פאָרן קיין רוסלאַנד. ער האָט גענומען איין העמד און איין פּאָר אונטערהויזן, האָט זיך גע־קויפט אַ באַנבילעט ביז צו דער גרענעץ און שטילערהייט אַוועקגעפאָרן. זײַן טאַטע איז נישט געווען אין שטוב ווען ער איז אַרויס צו דער באַן. נאָר איך אַליין האָב אים צוגעפירט צו דער באַן. איך האָב אים נישט געוואָלט נישט צורעדן און נישט אָפּרעדן. אפשר וועט ער אויף דעם אופן יאָ איבערלעבן די מלחמה. איך האָב געהאַט אין קעשענע אַ שטיקל זייף, האָב איך עס יאָסלען געגעבן און געזאָגט: „געדענק, זאָלסט זיך אַ סך

וואַשן, וועט דאָס דיך אויסהיטן פון קראַנקייטן." מיר האָבן זיך געזעגנט מיט טרערן.

אין איינעם פון מיין פעטער מענדל פעלדמאַנס הייזער זיינען איינגעקוואַרטירט געוואָרן דייטשע זעלנערס, טייל פון זיי אין די זעכציקער. אויפן העכערן שטאָק פון דעם הויז זיינען געבליבן וואוינען דריי יידישע דערוואַקסענע יתומים, צוויי שוועסטערן און אַ ברודער. די דייטשע זעלנערס, די עלטערע, האָבן זיך גוט איינגעלעבט מיט זיי און אויך מיט אַנדערע יידן. זיי האָבן אין דער פרייער צייט פאַרברענגט אין יידישע הייזער. איין עלטערער זעלנער האָט גענומען אויף זיין שויס אַ יידיש קינד, געצערטלט עס און זיך געשפּילט מיט אים: איך האָב אין דער היים אַן אייניקל אין דעם זעלבן עלטער, צו אַן אייניקל בענקט זיך שטאַרק... אַך, דער פערפלוכטע קריג!

ווען די דייטשן זיינען אַריין אין שטעטל, האָבן זיי געכאַפּט מענער אויף די וועגן און זיי פאַרשפּאַרט אין מיין פעטער מענדלס פאַבריק. די יידן האָבן זיי אָפּגעזונדערט פון די פּאָליאַקן און זיי האָבן זיי נישט געגעבן צו עסן. האָבן די יידן אין שטעטל פאַר זיי אַריינגעשיקט שפּייז מיט די זעלנערס, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין פעטער מענדלס הויז. דעמאָלט איז נאָך געווען וויס ברויט. ווען איינע פון די צוויי שוועסטער־יתומות האָט אַן עלטערן דייטשן זעלנער געגעבן עטלעכע שטיקלעך וויס ברויט פאַר די געפאַנגענע יידן, האָט ער נישט דרייסט געזאָגט: „אַזאַ וויס ברויט האָב איך שוין עטלעכע יאָר נישט געגעסן." האָט אים די עלטערע שוועסטער געזאָגט: „נעמען זי פיר זיך איין בראָט." האָט ער געענטפערט: „ניין, ניין, איך וועל נישט נעמען, איך דאַרף עס נישט. די געפאַנגענע יודען הונגערן שוין עטלעכע טעג". דאָס האָט מיר מיין שוועסטער אַליין דערציילט.

איין מאָל בין איך ביי די יתומים געזעסן מיט עטלעכע דייטשע זעלנערס און מיר האָבן אַלע געפירט אַ היימישן פריינדלעכן שמועס. האָב איך אַ פרעג געטאָן איין עלטערן זעלנער: „דו האָסט היינט אָוונט וואַכע אין דער שטראָסע, ווען דו טרעפסט מיך אין גאַס — וואָלסטו מיך דערשאָסן?" (ביי נאַכט האָט יעדער געמוזט זיין אין הויז, ס'איז געווען קריגצושטאַנד). „ניין — האָט ער געענטפערט — איך וואָלט דיך אַהיימגעפירט ביז אין הויז אַריין". פון די יונגע נאַציס האָט מען כמעט קיין מאָל נישט געקענט דערוואַרטן עפּעס אַ מענטשלעכע באַציאונג צום יידן.

איין מאָל בין איך מיט מיינס אַ פעטער צוגעגאַנגען צו דער באַן

צו טרעפן דורכפאָרן אַ באַקאַנטן ייד. אין וואָקזאַל האָב איך טאַקע גע־טראָפן עטלעכע לאָדזשער יידן, וואָס זיינען געפאָרן אין זייערע שטעטלעך. די דייטשן האָבן זיי אַראָפּגענומען פון דער באַן, אַריינגעפירט אין אַ צימער, זיי באַרויבט, צעהרגעט און אַרויסגעוואָרפן. ווען דער צוג איז שוין געהאַט אָפּגעגאַנגען, מיין פעטער האָט צו מיר געזאָגט מיט מורא: „ירחמיאל, לאָמיר שנעל אַנטלויפן, אײדער זיי טוען צו אונדז דאָס זעל־ביקע!" מיר האָבן זיך גיך אָפּגעטראָגן.

כאָטש סקאַרזשיסק האָט די ערשטע צייט וויניקער געליטן פון די דייטשן, ווי אַ סך אַנדערע יידישע שטעטלעך — און דאָס איז געווען אַ דאַנק גרויסע סומעס געלט, וואָס די אָרטיקע יידישע פירערס האָבן אַריינ־געפּאָמפּט אין די „דויטשע באַהערדען" — האָבן אָלץ נישט אויסגעפעלט קיין צרות און פיין.

אַ גרויס אומגליק זיינען געווען די שטענדיקע גרויסע קאָנטריבוציעס. די פירערס פון דער יידישער גמינע זיינען נישט זעלטן געווען געצוואונ־גען צו הייסן אַרעסטירן די רייכע יידן אָדער זייערע קינדער און אייניק־לעך און אויף אַזאַ אופן אַרויסצוקריגן גרויסע סומעס געלט.

דער גרעסטער גביר אין סקאַרזשיסק, משה ביטער, האָט געהאַט דאָס גרעסטע געשעפט פון אייזן און בוי־מאַטעריאַלן אין דעם גאַנצן ראַיאָן און הונדערטער הייזער, וואָס די פּאָליאַקן האָבן אויפגעבויט. אײדער די דייטשן זיינען געקומען, האָבן די פּאָליאַקן צעראַבירט זיין געשעפט, אָבער עס איז נאָך גענוג געבליבן. אַזוי ווי די געשטאַפּאָ האָט אים אַרומגעזוכט, איז ער געווען ערגעץ באַהאַלטן אויסער דעם שטעטל. האָט מען זיין יינגסטע טאָכטער מיט אַ זויגקינד איינגעזעצט אין טורמע אַרויסצוציען וואָס גיכער גרויסע סומעס קאָנטריבוציע. די דייטשן האָבן אויך פון זיי פאַרלאַנגט אייזערנע בעטן, מאַטראַצן, ראַדיאָס, בוי־מאַטעריאַלן א״אַ. דער סוף איז געווען, אַז די דייטשן האָבן די גאַנצע מישפּחה ביטער אויסגע־הרגעט און ס'איז נישט געבליבן קיין זכר פון זיינע מאַיאָנטקעס.

(מערער פּרטים וועגן גורל פון מיין מישפּחה און פון דער גאַנצער סקאַרזשיסקער קהילה קען מען געפינען אין דעם גרויסן יזכור־בוך וועגן סקאַרזשיסק, וואָס איז אַרויס אין תל־אביב 1971.)

אין קאָלושעק

די צייט איז געקומען דורכצופירן מיין ערשטן פּלאַן נאָכן פאַר־לאָזן דעם לאַגער פאַר געפאַנגענע: צו זוכן אַ וועג צו דערגרייכן לאָדזש. ס'איז געווען זייער זייער שווער זיך צו געזעגענען מיט מיין טאַטן, מיט מיין מאַמען, מיט אונדזער גאַנצער פאַמיליע און אַזוי פיל באַענטע פריינד — אָבער איך האָב געפילט, אַז אויב איך וויל איבערלעבן די שרעקלעכע צייט, מוז איך זיך אומקערן קיין לאָדזש. פאַרשטאַרקט מיין דאָזיקן געפיל האָט די ידיעה, אַז מיט צוויי וואָכן שפּעטער וועלן יידן שוין נישט טאָרן פאָרן מיט דער באַן און אַ ייד, וואָס וועט געכאַפּט ווערן ביי דעם „פאַר־ברעכן", וועט דערשאָסן ווערן.

האָט מען זיך געמוזט צואיילן, און סוף יאַנואַר 1940 האָב איך און מיין שוואָגער יחיאל זיך אָוועקגעלאָזט קיין לאָדזש. אַ יידן איז שוין דע־מאָלט נישט אַזוי לייכט אָנגעקומען צו פאָרן אויף דער באַן. אָבער אין סקאַרזשיסק איז אונדז נישט שווער געווען צו קויפן באַנבילעטן. אַ פּאָ־ליאַק האָט פאַר אונדז געקויפט צוויי בילעטן ביז קאָלושעק. פון דאָרטן האָט מען שוין געמוזט שוואַרצן די גרענעץ פון „פּראָטעקטאָראַט" אין „גויעם רייך" אַריין. קיין שום פּעקלעך האָבן מיר נישט מיטגענומען. מיר זיינען געפאָרן אַזוי ווי מיר זיינען געגאַנגען און געשטאַנען.

נאָרמאַל האָבן מיר אין דריי שעה געדאַרפט זיין אין קאָלושעק, אָבער דער צוג האָט זיך געשלעפּט אַ גאַנצן טאָג. דער גאַנצער צוג איז געווען געפּאַקט מיט פּאָליאַקן. זיי האָבן גערעדט וועגן אַלערליי זאַכן. אויף יידן האָבן זיי גערעדט כל דבר אָסור. פון צייט צו צייט האָבן מיר געמוזט צובאַסעווען מיט אַ וואָרט. איינער האָט געזאָגט: „אויף דער רוסישער זייט (פוילן) האָבן די יידן די גאַנצע מאַכט!"

— הע הע! די רוסן ווייסן נישט, ווי עס זעט אויס אַ זייגער: מ'האָט צוגעלייגט אַ רוסישן זעלנער צום אויער אַ זייגערל — איז ער אָפּגע־שפּרונגען פון שרעק און זיך געצלמט! ער האָט געמיינט, אַז עס זיצט אינע־ווייניק אַ טייוול!

— די רוסן קויפן אויף אַלע זייגערלעך!

— די רוסישע זעלנערס גייען אַרום מיט זעקלעך נייע רובלס און קויפן אויס, וואָס די אויגן זעען!

— אַ שיינעם תכלית האָבן די באָלשעוויקעס געמאַכט פון דעם רייכן רוסלאַנד, פּשאַקרעוו, כאָלעראַ!

— אַלץ די זשידעס! — שרייט איינער מיט צאָרן.

— נו, יאָ, די זשידעס האָבן געוואָלט מילחמה און די זשידעס האָבן געמאַכט די מילחמה!

— די זשידעס האָבן געהאַט אין פּוילן די פאַבריקן, די גרעסטע געשעפטן, די גרעסטע קאַמיעניצעס (געבויטע הייזער). די פּוילישע רעגירונג האָט זיך מיט זיי נישט געקענט קיין עצה געבן, אָבער אַצינד איז אויף די זשידעס געקומען די ריכטיקע צייט: היטלער וועט זיי שוין אָנלערנען!

— ווען נישט די זשידקעס — האָט אַן אַלטער געזאָגט הויך — וואָלט נאָך היינט גאַנץ פּוילן געווען בלויז דערפער. די זשידקעס האָבן אויפגעבויט שטעט און פאַבריקן. זיי האָבן געשאַפן אַרבעט. ווער האָט איך נישט געלאָזט בויען הייזער, פאַבריקן און געשעפטן? די זשידקעס האָבן גוטע קעפּ. זיי האָבן פּוילן רייכער און שטאַרקער געמאַכט...

— אַן אַלטער שוטה! — האָט איינער איבערגעריסן — די זשידעס האָבן צו ווינציק געלט געגעבן אויף באַוואָפענונג. דערפאַר האָט פּוילן פאַרשפּילט דעם קריג! דו זשידאָווסקי פּאַכאָלעק!

— די מילחמה איז אויסגעבראָכן, ווייל די זשידעס האָבן יאָ געגעבן געלט אויף באַוואָפענונג, זיי האָבן מורא געהאַט פאַר היטלערס אַריינקומען קיין פּוילן! ווען די זשידעס העלפן נישט באַוואָפענען פּוילן, וואָלט היטלער אַריינגעקומען אַן איין שאָס. מען האָט געדאַרפט היטלערן געבן נישט נאָר פּאָמערן און דאַנציק, נאָר גאַנץ פּוילן! וואָס, אונדז, פּאָליאַקן, איז דען היינט שלעכט? אונדז איז דאָך היינט בעסער ווי פאַר דער מילחמה! היטלער וועט זיי שוין אָנלערנען, די פאַרשיווע זשידעס! ער וועט פון זיי אַלצדינג צונעמען און אונדז אַוועקגעבן!

דערנאָך האָבן זיי זיך צוליב עפּעס צעקריגט ביז זיי האָבן זיך צעשלאָגן. זיי האָבן אַרויסגעצויגן שאַרפע מעסערס. איך מיט מיין שוואָגער האָבן געזען, אַז מיר קאָנען דאָ אומשולדיק געשטאָכן ווערן, זיינען מיר אַרויס פון דעם וואַגאָן אין אַריין אין אַ צווייטן.

ווען דער צוג איז אָנגעקומען קיין קאָלושעק, איז שוין געווען שטאַרק טונקל. אויפן פּעראָן האָבן רחבותדיק געלויכטן די עלעקטרישע לאָמפּן. זייער אַ סך פּאַסאַזשירן זיינען אַראָפּגעגאַנגען פון דעם צוג, אויך איך מיט מיין שוואָגער. מיר האָבן זיך באַלד דערפילט פאַרלוירענע. דער פּעראָן איז געווען פול מיט פּאַסאַזשירן. באַלד האָט מען געהערט, אַז ביים אַרויסגאַנג פאַרהאַלטן די דייטשן אַלע פּאַסאַזשירן, אויסער די דייטשן. מען רעוויִדירט און מען שלאָגט. איך האָב מיך דערמאָנט, וואָס כ׳האָב געזען אויף

דער באַנסטאַציע אין סקאַרזשיסק, וואָס די דייטשן האָבן דאָרטן געטאָן צו די יידן. קאַלושעק איז אַ הויפּטסטאַציע, וואו עס קרייצן זיך פיר וועגן, אַזוי ווי אין סקאַרזשיסק. כאָטש מיר האָבן גאָרנישט פאַרמאָגט, אויסער עטלעכע צענדליק מאַרק, האָבן מיר באַשלאָסן נישט אַרויסצוגיין פון וואַגאָן.

איך האָב געהאַט אַ פּראָבלעם: וואָס טוט מען מיט די עטלעכע אַנטי־מילחמה־לידער? אַוועקוואַרפן? פאַרניכטן? דאָס איז מיין אוצר, וואָס איך האָב געשאַפן די לעצטע וואָכן. און טאָמער פאַלן אַריין די יידישע כתבים צו די דייטשן, קענען זיי מיינען, אַז דאָס איז עפּעס אַ פאַרשווערונג קעגן זיי. איך האָב צען מאָל געביטן מיין מיינונג: דאָ האָב איך באַשלאָסן די לידער אַוועקצוואַרפן, דאָ האָב איך זיי געוואָלט באַהאַלטן ערגעץ, ביז סוף סוף האָב איך באַשלאָסן זיי צו לאָזן אין מיין קעשענע.

מיר האָבן זיך אַלץ געדרייט ווייט פון פּעראָן. עס איז שוין געווען פינצטער. פּלוצלינג איז מיר איינגעפאַלן אַ געדאַנק: „וויסטו, חיל, לאָמיר צוריק אַריינגיין אין צוג. מיר וועלן צופאָרן צו דער ערשטער סטאַציע און פון דאָרטן וועלן מיר צוריקגיין קיין קאַלושעק." מיין שוואָגער האָט מסכים געווען. ווי נאָר מיר זיינען אַריין אין צוג, איז ער באַלד געפאָרן. אַ צען מינוט שפּעטער איז ער שטיין געבליבן אויף אַ קליינער סטאַציע, וואָס האָט אַפילו נישט געהאַט קיין וואָקזאַל. מיר זיינען אַראָפּגעגאַנגען צוזאַמען מיט אַנדערע פּאַסאַזשירן. באַלד איז צוגעקומען אַ יונגע פּאָלקע און אונדז געפרעגט: „איר ווילט אַן אָרט צו שלאָפן?" האָבן מיר ביידע געענטפערט: „יאָ."

מיר זיינען געגאַנגען אַן ערך צען מינוט, אין הויכן שניי, און צוגע־קומען צו אַ ווייס געקאַלכט הילצערן הויז, וואָס איז געווען באַדעקט מיט שניי און איז געשטאַנען אין פעלד מיט הויכן שניי. צום אַריינגאַנג איז געווען אויסגעטרעטן אַ סטעשקע. מיר זיינען אַרויפגעגאַנגען אין שטאָק: דאָס מיידל האָט געעפנט די טיר און מיר זיינען אַריינגעקומען אין אַ בוידעמשטוב. מיר האָבן דאָ געטראָפן אַ מיטלאַריקע פרוי, איר מוטער. אויף דער וואַנט האָט געלויכטן אַ נאַפטלעמפל און דערביי זיינען גע־האַנגען בילדער פון מאַריען און יעזוסן. די מוטער האָט איינגעהייצט דאָס אייזערנע אייוועלע, עס האָט זיך צעפלאַמט און געקנאַקט. עס איז באַלד וואַרעם געוואָרן. די פרוי האָט צוגעשטעלט אַ טשייניק וואַסער אויף טיי און די טאָכטער איז צוריקגעקומען מיט פרישע זעמל.

נאָכן אָפּטרינקען טיי און אַראָפּרוימען פון טיש, האָט די מוטער אַריינגעבראַכט אַ שעניק פון בוידעם, אַנידערגעלייגט אויף דער פאָדלאָגע

לעבן דער וואַנט, אַרויפגעלייגט אַ קישן מיט אַ קאָלדרע אוןביידע זיינען אַרויסגעגאַנגען. מיר האָבן אויסגעטאָן די שיך מיט דער מאַרינאַרקע און זיך געלייגט אין אָנטועכץ. זיי זיינען באַלד אַריינגעקומען. די מאַמע האָט אויסגעלאָשן דעם לאָמפּ און זיי האָבן זיך געלייגט שלאָפן אין דעם איינ־ציקן בעט ביי דער אַנדערער זייט וואַנט.

אין דער פרי האָבן מיר ווידער געגעסן זעמל מיט טיי. פּלוצעם האָט מען אָנגעקלאַפּט אין טיר. עס איז אַריינגעקומען אַ גוט און שיין־געקליידטער מאַן. ער האָט אויף אונדז געוואָרפן פאַרדעכטיקע בליקן, זיך גע־סודעט מיט דער מוטער. איך האָב דערקענט, אַז דאָס איז אַ פאַלקסדייטש און מסתמא אַ געהיים־אַגענט. ער האָט דערקענט, אַז מיר זיינען נישט קיין שמוגלערס, איז ער גיך אַוועק. אָבער איך האָב נאָך אַלץ מורא געהאַט, אַז ער זאָל נאָך אונדז נישט צוריקקומען. האָבן מיר גיך באַצאָלט פאַר אַלץ און פאַרלאָזן דאָס שטעטל.

נאָכן גיין איבער אַ האַלבער שעה, זיינען מיר אַריינגעקומען אין דער יידישער געגנט פון קאָלושעק. יידן האָבן אונדז אָנגעוויזן, וואוהין מיר זאָלן אַריינגיין. דאָס איז געווען אַן אכסניה פון צוויי שטובן. אין דער דריטער שטוב האָבן געוואוינט די באַלעבאַטים, אַן עלטערער ייד מיטן וויב. זיי האָבן פון קיינעם נישט געוואָלט נעמען באַצאָלט. די טיר איז געווען אָפן פאַר אַלע יידן, וואָס איינער האָט געוואָלט האָט ער געטאָן. עס זיינען דאָ געווען צוואַנציק יידן — אַזעלכע, וואָס זיינען אַנטלאָפן פון לאָדזש דורך שוואַרצן די גרענעץ און אַזעלכע, וואָס ווילן פאָרן קיין לאָדזש דורך שוואַרצן די גרענעץ. אַלע האָבן געהאַט פּלעצאַקעס. די וואָס זיינען געקומען פון לאָדזש האָבן געטראָגן געלע לאַטעס אין פאָרעם פון אַ מגן דוד אויף דער לינקער ברוסט און אויף דער רעכטער זייט פּלייצע. דאָס האָט געהייסן „יודען־שטערן”. די יידן פון „פּראָטעקטאָראַט” האָבן געטראָגן אויפן לינקן אָרעם אַ ווייסע באַנד מיט אַ בלויען מגן דוד. דאָס האָט גע־הייסן: „יודען לענטע”. פון דאָ האָבן פּאַליאַקן פערד און וואָגן גענומען די יידן און געשוואַרצט די גרענעץ אין „נייעם רייך”, קיין לאָדזש.

איך מיט מיין שוואָגער האָבן זיך דאָ געשאַפן „יודען־שטערן” און „יודען־לענטעס”. די לענטעס האָבן מיר באַלד אָנגעטאָן אויפן לינקן אָרעם פון מאַנטל און די געלע לאַטעס האָבן מיר אָנגעגרייט אָנצוטאָן אין לאָדזש.

דער טעראָר פון די דייטשן איז אין קאָלושעק נישט געווען אַזוי גרויס. אין אַ יידישער ראַזורע זיינען געזעסן אַ סך עלטערע דייטשע זעל־נערס און געוואַרט אין דער ריי. דער באַלעבאָס, אַ פאַלקסטימלעכער ייד,

האָט זיי געשווירן און ראַזירט און גלייכצייטיק מיט זיי געשמועסט. ער האָט גערעדט יידיש מיט פּתחן און מיט עטלעכע דייטשע ווערטער. אַלע האָבן זיך געפילט היימיש און פריינדלעך, האָבן גערעדט אָפנהאַרציק וועגן אייגענע דאגות און אַפילו פּאָליטיק; כ׳האָב געזען, אַז דער נאַציזם ליגט זיי גאָרנישט אין זינען. איין זעלנער האָט געהאַט אַ שטאַרקן טרוקענעם הוסט. האָט דעם פריזירערס ווייב זיך שטאַרק געזאָרגט און אים געזאָגט מיט איר דייטש: „טרינקען זי הייסע מילך מיט פּוטער און האָניק. טרינקען זי הייסע טיי מיט אַספּירין און שוויצן זי זיך דורך, וועלען זי געזונט ווערן.״

דער יעקע פרעגט זי: „וואו קען איך באַקומען מילך, האָניק און פּוטער?״

ענטפערט זי אים: „איך וועל אין דאָס פאַרשאַפן.״

דער יעקע זאָגט: „דאַנקע שיין, דאַנקע שיין.״

מיר האָבן פאַרלאָזט די ראַזורע און מיר זיינען אַריינגעגאַנגען אין אַ יידיש שפּייזגעוועלב. דער סוחר, אַ ייד מיט אַ לאַנגער באָרד און אַ שוואַרצער פלושענער צאַפּע אויפן קאָפּ, האָט באַלד דערקענט, אַז מיר זיינען פרעמדע: „שלום עליכם, יידן! פון וואַנען קומען יידן? און וואוהין פאָרן יידן?״

איך האָב אים געענטפערט: „מיר קומען פון ווייט, מיר פאָרן קיין לאָדזש, אָבער דער פערד־און־וואָגן פאָרט ערשט מאָרגן.״

„זאָרגט נישט, יידן, מיר האָבן אַ גרויסן גאָט אין הימל! איר קאָנט ביי מיר עסן און שלאָפן. איך וועל אייך גאָרנישט רעכענען. איר וועט נאָר באַצאָלן פאַר דעם, וואָס איר וועט קויפן אין געוועלב. דער עיקר איז ביטחון, ווייל דער אייבערשטער האָט אייביק געטאָן ניסים צו זיין פאָלק ישראל, וועט ער אַצינד אויך באַווייזן אַ נס. דער ׳מאַלאַזש׳ (היטלער) וועט גאָר אין גיכן איינעמען אַ מיתה משונה!...״

מיר זיינען אויך געוואָרן האָפערדיקער פון זיין התלהבותדיקן טאָן און די רייד. איך האָב אים געזאָגט: „מיר יידן האָבן זיי אין דער אדמה און וועגט מיר אָן אַ קילאָ ברויט און אַ פערטל קילאָ צוקער.״ דער ייד האָט גענומען שניידן ס׳ברויט און עס האָט זיך געעפנט די טיר. ס׳איז אַריינגעקומען אַ ציוויל־געקליידטער גוי מיט אַ ביקס אויפן אָרעם. ער האָט קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט. ער איז געווען הויך און דיק, אַן

אויסגעפּאַשעט, קיילעכדיק פּנים, מיט דיקע און לאַנגע וואָנצעס און שוואַר־צע אויגן, וואָס האָבן געקוקט און דורכגעשפּיזט יעדער ווינקעלע און איז אַן אויסרעדן אַיין וואָרט אַרויסגעגאַנגען. פון שרעק האָבן אַלע אונדזערע איברים געציטערט.

דער ייד האָט צוריק גענומען דאָס ברויט מיטן מעסער, געשניטן און געזאָגט: „איר הערט, אָט דער גוי לעבט שוין דאָ פון נאָך דער ערשטער וועלט־מילחמה. ווי נאָר די דייטשן זיינען אַריין אַהער אין איצטיקן קריג, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז נישט קיין פּאָליאַק, נאָר גאָר אַ פאָלקס־דייטש. ער רעדט אַן עכטן דייטש. ער איז געוואָרן אַ מיליציאַנט. יענע וואָך האָט ער ביי מיר געמאַכט אַ רעוויזיע. ביי זיינע פיס איז געשטאַנען אַ באַנקע נאַפט פון צען ליטער. אַז מען זאָל היינט געפינען ביי אַ ייד נאַפט, איז ער נישט זיכער מיטן לעבן. איר קענט אייך פאָרשטעלן מיין שרעק. איז וואָס מיינט איר, איז נישט געשען אַ נס? ער האָט געזוכט און געזוכט און די באַנקע נאַפט נישט געזען. מען דאַרף האָבן ביטחון אין רבונו של עולם.״ ער האָט מיר דערלאַנגט דאָס ברויט מיטן צוקער (דאָ האָט מען נאָך דאָס געקריגן אַן קאַרטן), איך האָב אים באַצאָלט. ער האָט אונדז אַריינגעבעטן אין דער וואוינונג דורך דער טיר הינטערן טישקאַסטן און אונדז מכבד געווען מיט טיי. מיר האָבן גוט אָנגעצוקערט, צוגעגעסן ס׳ברויט און זיך דערוואָרעמט.

מיר זיינען אין ערגעץ שוין נישט געגאַנגען. ס׳איז שנעל צוגעפאַלן די נאַכט. דער ייד האָט צוגעמאַכט ס׳געוועלב. מיר זיינען געזעסן אין אַ וואַרעמער שטוב און געשמועסט וועגן דעם ביטערן גורל פון דעם יידישן פאָלק. זיין ווייב האָט דערציילט, ווי אַזוי די דייטשן האָבן געפּייניקט די יידן באַלד ביים אָקופּירן זייער שטאָט. איך האָב דערציילט פון מיינע איבערלעבונגען אין געפאַנגענשאַפט ביי די דייטשן און יחיאל — וועגן זיינע איבערלעבענישן אויפן פראָנט. דער ייד האָט געזאָגט: „איר זעט דאָך, אַז דער, וואָס לעבט איביק, האָט אייך מציל געווען פון טויט. מען דאַרף זיך נאָר אויף אים פאַרלאָזן.״ איך האָב געטראַכט, אַז ער זיצט נאָך אין זיין היים, וואו עס איז וואַרעם און ליכטיק און עסט צו דער זעט און האָט וואַרעמע ווינטער־מלבושים און יוכטענע שטיוול, שלעפּט זיך נישט אַרום אויף די וועגן אין הויכן שניי, אין זאַווערוכעס, ווי די צענדליקער טויזנטער יידן — קען ער זיין אַזוי ביטחונדיק. כ׳האָב אים געוואונטשן, אַז עס זאָל אים, חלילה, דאָס נישט פאַרשטערט ווערן.

אין דער פרי האָבן מיר ווידער געגעסן ברויט מיט טיי. מיר האָבן זיי־

האַרציק געדאַנקט און זיך געזעגנט. מיר האָבן זיך אַוועקגעלאָזט צוריק צו דער אכסניה צו שוואַרצן די גרענעץ פון „פּראָטעקטאַראַט" אין „נייעם רייך."

מיר קומען אָן קיין לאָדזש

צוויי פּויערים, מיט אַ פּאָר פערד און אַ פּויערישן וואָגן, האָבן געפירט די פּאַסאַזשירן. דאָס זיינען געווען מער פּוילישע מענער און פרויען — שמוגלערס, און נאָר עטלעכע יידן מיט „יודען-לענטעס" אָדער מיט „געלע לאַטעס". איך מיט מיין שוואָגער האָבן זיך אַריינגעקוועטשט אין דער מיט.

מיר זיינען בכלל נישט געפאָרן מיטן שאָסיי, נאָר דורך פאַרשנייטע פּעלדער, ווייט פון שאָסיי. עס איז געפאַלן אַ דינער טרוקענער שניי, באַגלייט מיט אַ ווינט. ס'איז געווען די אמתע זאַוויערוכע; עס האָט געשטאָכן אין פּנים, אונטער די נעגל. עס האָבן נישט געהאָלפן: די אויערן-האַלטערס, די הענטשקעס, נישט די קאַלאָשן. איך בין אַראָפּ פון וואָגן און געגאַנגען צו פוס. איך האָב געפילט, אַז זיצן אין אָפענעם וואָגן וועל איך געפרוירן ווערן צום טויט.

נאָך מיטיק זיינען מיר אָנגעקומען קיין בזשעזשין. דאָ האָט מען זיך אָפּגעשטעלט און דערוואַרעמט אין אַ יידישער שטוב מיט הייסע טיי. מיר האָבן געזען, אַז אין שטעטל טראָגן יידן געלע לאַטעס. האָב איך און מיין שוואָגער אויך אָנגעטאָן די געלע לאַטעס, וואָס מיר האָבן זיך פאַרשאַפט אין קאָלושעק, און מיר האָבן אויסגעטאָן די „יודען-לענטע".

מיר זיינען באַלד ווייטער געפאָרן, כדי מען זאָל אָנקומען קיין לאָדזש איידער עס ווערט פינצטער. די זאַוויערוכע האָט זיך אָפּגעשטעלט. די זון האָט זיך באַוויזן גאַנץ נידעריק אויף דרום און מערב, דער שניי אויף די ברייטע פעלדער איז געוואָרן באַגילדט. מיר זיינען געבליבן שטיין הינטער לאָדזש. איך און מיין שוואָגער זיינען צוגעגאַנגען צום נייעם יידישן בית-עולם, אויף דער בזשינער גאַס, וואו עס איז געווען די ערשטע סטאַציע פון טראַמוויי, וואָס האָט געפירט אין שטאָט אַריין.

מיר זיינען אַריין אין טראַמווי. ווען איך האָב באַצאָלט דעם קאָנ־דוקטאָר און ער האָט דערזען אויף מיר די געלע לאַטע, האָב איך דערפילט זיין ביטולדיקן בליק אויף מיר. זיין באַנעמונג צו אונדז איז געווען אַזוי ווי צו נידעריקע באַשעפענישן. מיר זיינען דורכגעפאָרן די גאַנצע בזשע־זשינער גאַס און דער טראַמוויי איז כמעט געווען ליידיק. איך האָב אַרויס־געקוקט דורך די שויבן. עס האָט אויסגעזען אַזוי ווי יום־כּיפּור: אַלע געוועלבער זיינען געווען פאַרהאַקט, פאַרלייגט מיטן פּרענט. מען האָט נישט געזען קיין לעבעדיק באַשעפעניש. די גאַס איז געווען באַוואוינט פון בלויז יידן. דאָס איז געווען אַ האַנדלס־צענטער. די גאַס פלעגט שטענדיק זיין פול מיט מענטשן. עס האָט דאָ געקאָכט און געברויזט. אַצינד הערשט דאָ אַזאַ טויטקייט, וואָס וואַרפט אָן אַ גרויל; עס פילט זיך דער מלאך־המוות. די עטלעכע מענטשן, וואָס זיינען געזעסן אין טראַמווי, האָבן מורא געהאַט אַ וואָרט אַרויסצורעדן. מיר זיינען דאָ געווען די איינציקע יידן. דאָס איז געווען אין די לעצטע טעג, ווען עס איז נאָך געווען דערלויבט יידן צו פאָרן אויפן טראַמווי.

מיין שוואָגער האָט געטראָפן זיין שטוב אין זעלביקן צושטאַנד, ווי זיין ווייב האָט איבערגעלאָזט, ווען זי איז אַהיימגעפאָרן מיט די קינדער צו אירע עלטערן קיין סקאַרזשיסק. אַלץ איז געבליבן: דאָס מעבל, דאָס בעטגעוואַנט, ס׳געשיר. דאָס איז געווען דערפאַר, ווייל אין דער ערשטער שטוב האָט געוואוינט אַ גוטער שכן, וואָס האָט אַכטונג געגעבן.

אין „פּראָטעקטאָראַט" איז נישט געווען וואָס צו עסן. כמעט אַלץ איז שוין געווען ראַציאָנירט אויף קאַרטן; אַזוי איז אין לאָדזש אַלץ געווען לרוב פון כּל־טוב און אָן קאַרטן. מען האָט נאָר באַדאַרפט האָבן געלט. יידן האָבן אָבער נישט געהאַט ביי וואָס צו פאַרדינען. די גרעסטע גבירים זיינען אין איין מינוט געוואָרן די גרעסטע אביונים. די דייטשן האָבן זיי אַרויסגעטריבן פון זייערע דירות, פאַבריקן, געשעפטן. מען האָט ביי זיי צוגענומען די שליסלען און אַרויסגעטריבן מיט אויסגעליידיקטע קעשענעס, אַזוי ווי זיי זיינען געגאַנגען און געשטאַנען אין איין העמד.

באַלד צו מאָרגנס האָב איך מיך צו פוס אַהינגעשוואַרצט אויף דער שענקיעוויטש־גאַס, איינע פון די שענסטע גאַסן, וואו איך האָב געהאַט מיין שטוב. איך בין צוגעקומען צו דער טיר, איז געהאַנגען אַ שלאָס אויף איר. איך בין אַריינגעגאַנגען צו אַ שכנטע, אַ פּאָלקע. זי האָט זיך מיט מיר דערפרייט. זי האָט מיר דערציילט, אַז „אין מיין שטוב וואוינט אַ דייטש און אַז אַלע מיינע זאַכן זיינען פאַרבליבן." זי האָט מיר אויך איבערגעגעבן,

אַז אײדער די דײַטשן האָבן אָקופּירט לאָדזש, האָבן די, װאָס זײַנען געװען אין מײַן שטוב, אַ גאַנצע נאַכט געבערנט מײַנע ביכער, װאָס איך האָב אַרױסגעגעבן דעם זומער. זײ האָבן געזאָגט, אַז דאָ געפֿינען זיך לידער קעגן מילחמה. דאָס איז געװען מײַן ערשט ביכל לירישע לידער „יונג־גרין־מײַ". זײ האָבן קײן אײן עקזעמפּלאַר נישט איבערגעלאָזט. זי האָט מיר אױך דערצײלט, אַז אין דעם הױז װאױנען שױן קײן ייִדן און דעם באַלעבאָס, דעם פֿאַן קאַץ, מיט דער גאַנצער משפּחה, האָבן די דײַטשן בײַ נאַכט אַרױסגענומען פֿון די בעטן און זײ ערגעץ פֿאַרשיקט. איך האָב מיך מיט איר געזעגנט און אַװעקגעגאַנגען.

פֿון מײַן האָפֿענונג צו האָבן אַן אָנצוג, אַ פּאָר שיך, אַ ביסל װעש איז גאָרנישט געװאָרן. איך בין געבליבן אין אײן העמד. כ׳בין צו גאָרנישט צוגעבונדן, כ׳בין אַ פֿרײַער מענטש. כ׳בין געװען פֿרײַ װי אַ פֿױגל. דאָס האָט מיך געמאַכט צופֿרידן, ממש „גליקלעך"...

איך בין אַרײַנגעגאַנגען צום סטרוזש (הױזװעכטער), אַ מיטליאָריקער פּאָליאַק, אַ פּױער פֿון אַ דאָרף. ער איז דאָ געקומען מיט אַ צװײ יאָר צוריק. געװען נישט קײן שלעכטער גױ, אָבער די ענדעקישע צײַטונג „דװאַ גראָשע" האָט אים געמאַכט פֿאַר אַן אַנטיסעמיט. ער האָט מיך אָציבנד אױפֿ־גענומען גלײַכגילטיק. ער האָט געטראָגן נײַע װינטער־מלבושים, אַ פּוטערנע צאַפּע, אַ פּאָר נײַע געמזענע שטיװל, װאָס חסידים פֿלעגן טראָגן. כ׳האָב מיך משער געװען, אַז דאָס אַלץ איז צוגערױבט פֿון ייִדן. איך האָב אים געזאָגט: „יאַניע, איך בין געקומען זען װאָס דו מאַכסט. װי גײט עס דיר?"

— „אַ, נישט שלעכט." — האָט ער געענטפֿערט מיט אַ פּױערישן אַקצענט.

— „װען איז דיר געװען בעסער, הײַנט צי פֿאַר דער מילחמה?"

— „אַ, פֿאַר דער מילחמה איז מיר אױך נישט שלעכט געװען. נאָר הײַנט איז מיר אַ סך בעסער."

— „יאַניע, בענקסטו נאָך די ייִדישע לאָקאַטאָרן? װעסט פֿון די פּױ־לישע און דײַטשע גאָרנישט האָבן. שבת מאַכן זײ אַלײן פֿײַער."

— „נאָך דער כאַלקע (חלה), די זשידאָװסקאַ ריבקאַ און נאָך דעם זשידאָװסקי שנאַפּס ׳שאַבאַסאָװקאַ׳, בענק איך יאָ."

— „װען די ייִדן װעלן צוריק קומען, װעסטו װידער דאָס האָבן."

ער האָט מיר גאָרנישט געענטפֿערט און איך האָב זיך געזעגנט מיט אים.

עס איז מיר אײַנגעפֿאַלן אַרױפֿצוגײן אױפֿן בױדעם, איבער מײַן

געוועזענער שטוב. אפשר וועל איך דאָרטן טרעפן עפּעס פון מיינע זאַכן. כ׳האָב טאַקע געפונען צוויי מיינע מאַנוסקריפּטן פּראָזע און אַ דראַמע און אויך עטלעכע ווערטיקע יידישע ביכער. דאָס אַלץ האָב איך אַריינגעלייגט אין דעם זאַק, וואָס איך האָב מיטגעבראַכט. איך האָב אויך דאָ געטראָפן אַ מאַלאַרסקן עמער, מיט עטלעכע פּאַפּירענע טאַרבעלעך, מיט פאַרשיידענע טרוקענע פאַרבן, אַ גרויסע באַרשט צום מאָלן די ווענט, עטלעכע קלענערע בערשטלעך און אַ שפּאַכלע. איך האָב מיך מיט דעם דערפרייט, ווייל מיט דעם וועל איך קאָנען פאַרדינען אויף אַ שטיקל ברויט.

איבער די גאַסן איז פאַר אַ ייד נישט געווען אַזוי לייכט צו גיין: אומעטום האָבן אויף אים געלויערט דייטשע אָפּיצירן אָדער פאָלקסדייטשן, וואָס האָבן געכאַפּט אויף אַרבעט און מען איז קיין מאָל נישט זיכער געווען, צי מען וועט אַרויס אַ לעבעדיקער פון זייערע הענט. דער זאַק, וואָס איך האָב געטראָגן, האָט צוגעדעקט מיינע געלע לאַטעס, האָט מען נישט געוואוסט, צי דאָ גייט אַ ייד. אין מיינע אָרעמע מלבושים און דרייסטן גאַנג האָב איך געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ גוי. די מאַלאַרסקע כלים האָבן אויך אַרויסגעהאָלפן, און איך בין בשלום געקומען אַהיים.

אויף אַלע טירן, וואו עס האָבן געוואוינט יידן, און אויף זייערע געשעפטן האָט מען געמוזט אויפהענגען אַ געלן מגן־דוד. די דייטשן האָבן בסדר אויסגערויבט יידישע געשעפטן און איבערגעלאָזט ליידיקע פּאַלי־צעס, אָדער עס קאָנפיסקירט און באַזעצט מיט דייטשע באַלעבאַטים. יידי־שע פּראַצע איז געוואָרן הפקר אַזוי ווי דער ייד גופא.

די דייטשע צייטונגען אין לאָדזש האָט געשריבן: „עס וועט פאַר יידן געמאַכט ווערן אַ געטאָ און די דייטשן וועלן די יידן אויסלערנען אַרבעטן. די דייטשן וועלן די יידן העלפן זיך אַריבערציען אין געטאָ“.

נאָר יידן האָבן געזאָגט: „ווער וועט פירן די פאַבריקן? די געשעפטן? אַ „שיין“ פּנים קאָן לאָדזש האָבן אָן יידן“.

פון גייערס־מאַרק האָבן טאַקע די דייטשן עטלעכע טעג געהאָלפן די דריי הונדערט יידן אַריבערפירן אויפן שטח, וואו עס איז געווען די געטאָ. האָבן יידן געזאָגט: „ביז ׳יעקע נאַר׳ וועט באַוויזן אַריבערצופירן אַלע יידן אין געטאָ אַריין, וועט זיך פריער ענדיקן די מילחמה“. און אויס מילחמה האָט ביי יידן געהייסן — דייטשלאַנדס מפּלה.

אָבער אין נאַכט זיינען דייטשע זעלנערס פּלוצעם באַפאַלן יידישע היימען, דערשאָסן הונדערטער יידן און טויזנטער ערגעץ פאַרשיקט. די נאַכט איז אַריין אין דער געשיכטע א״נ „דער בלוטיקער דאָנערשטיק“.

דאָס האָט אָנגעוואָרפן אַזאַ מורא, אַז אַלע יידן זיינען אַליין געלאָפן אין געטאָ אַריין.

איך האָב געוואוינט אין „אַלטשטאָט", וואָס האָט געהערט צו דער געטאָ. אַזוי ווי די געטאָ איז נאָך געווען אָפן, האָבן פּאָליאַקן געברענגט ברויט, זעמל, אייער, פּוטער, היגער און נאָך גוטע זאַכן. ווער עס האָט געהאַט געלט, האָט געקאָנט לעבן. איינע אַזאַ סוחרטע האָט צו מיר געזאָגט: „מען וועט אייך פאַרמאַכן אין אַ געטאָ. פאַר אונדז, פּאָליאַקן, וועט דאָס נישט גוט זיין און אייך, יידן, וועט אויך נישט גוט זיין." איך האָב איר געזאָגט: „פאַר אייך, פּאָליאַקן, וועט דאָס טאַקע נישט גוט זיין, אָבער אונדז, יידן, וועט זייער שלעכט זיין."

איך האָב אַ ביסל פאַרדינט פון אויסמאָלן שטובן אויסער דער געטאָ און פון דעם האָב איך מיך דערנערט.

עס האָט זיך אונטערגערוקט דער יום־טוב פּסח. עס איז געוואָרן וואַרעמער. דער פרילינג איז געקומען, אָבער פאַר אונדז, יידן, איז פון טאָג צו טאָג געוואָרן אַלץ ערגער און ערגער. ס'איז נישט געווען ביי וואָס צו פאַרדינען. איך האָב מיך אַרויסגעגנבעט פון געטאָ מיט אַ זאַק, וואָס האָט צוגעדעקט די געלע לאַטעס. כ'בין געגאַנגען אויף דער וויסכאַדניע גאַס צו אַ קוילנסקלאַד, וואָס האָט פריער געהערט צו אַ ייד און אַצינד האָט דאָס אַ פּאָליאַק. איך האָב געקויפט אַ פּוד קוילן, אַריינגעטראָגן אין געטאָ און פאַרקויפט. אַזוי האָב איך געטאָן דריי־פיר מאָל טעגלעך, האָב איך פאַרדינט אַ צוויי־דריי מאַרק אַ טאָג. פון דעם האָב איך מיך מפרנס געווען. איך האָב לייכט געקענט ביי די קוילן מער פאַרדינען, ווייל עס איז נישט געווען מיט וואָס צו קאָכן, אָבער כ'האָב נישט געהאַט קיין שכל.

פּאָליאַקן שמוגלערס פון גאַנץ פּוילן האָבן זיך אַרומגעדרייט אין דער נאָך נישט־פאַרמאַכטער געטאָ און האָבן אויפגעקויפט ביי יידן אַלערליי סחורות. זיי האָבן יאָ געוואוסט, אַז מען גייט צומאַכן די געטאָ.

די דייטשן האָבן געוואָלט מאַסקירן זייערע מערדערישע מעשים לגבי יידן, האָבן זיי געניצט פאַרפירערישע מיטלען צו ווייזן פאַר דער וועלט, אַז די יידן איז גוט. און איינער פון אַזעלכע מיטלען אין לאָדזש איז געווען אַזאַ:

זיי האָבן אויסגעשולט אַ יידישן פּאָליציאַנט, ער זאָל קאָנען אָנפירן מיט דעם גאַסן־פאַרקער. זיי האָבן אים אַוועקגעשטעלט אויף דער נאָוואָ-

מיעיסקאַ־גאַס, עק אַלטשטאַט און אָנהייב זגיערזשער גאַס, וואו עס איז געווען אַ שטאַרקער פּאַרקער פון טראַמווייען, אויטאָס, דראָזשקעס און ראַלוועגענער, און אים געגעבן די אויפגאַבע צו רעגולירן דעם פּאַרקער. ער האָט געטראָגן ציווילע קליידער מיט צוויי געלע לאַטעס, אַזוי ווי יעדער ייד, אָבער אויפן לינקן אָרעם האָט ער געהאַט אַ ווייסע באַנד מיט אַ טונקל־בלויען מגן־דוד און אַ פּאָליציי־שטעקל אין האַנט. ער האָט רעגולירט דעם פּאַרקער מיט גרויס קענטשאַפט. אַפילו דייטשן און מיליטער־לייט, וואָס זיינען געפאָרן אין אויטאָס און דראָזשקעס, האָבן געמוזט וואַרטן אויף זיין אָנווייז. ער האָט די מלאכה געטאָן אַזוי געשיקט, אַז פּאָליאַקן, יידן און דייטשן זיינען פאַרגאַפט געוואָרן און אים באַוואונדערט. איך האָב אויך באַוואונדערט, ווי גיך אַ ייד מאַכט דאָס געשיקטער פון אַלע פּאָליציאַנטן, וואָס ס'איז מיר אויסגעקומען ווען צו זען. איין מיטליאָריקער פּאָליאַק האָט צו מיר געזאָגט: „זעט איר, איך, יידן, איז בעסער פון אונדז. איר וועט האָבן אַן אייגענע געטאָ מיט אַן אייגענער רעגירונג. אָט האָט איר שוין אייער אייגענע פּאָליציי. איך, יידן, איז גוט." האָט ער פאַרענדיקט מיט קינאה.

— פּאַניע, דאָס איז גאָרנישט אַזוי גוט פאַר אונדז — האָב איך אים געענטפערט — איר קענט גאָרנישט באַגרייפן, ווי שלעכט דאָס איז פאַר אונדז. איך האָב געזען, אַז ער קאָן נישט באַגרייפן.

עס איז אָנגעקומען אַן אָפיציר מיט אַן אויטאָמאָביל און האָט פון דעם פּאַרקער־פּאָליציאַנט געדרייט אַ פילם. נאָר איין און איינציק מאָל האָט דער יידישער פּאָליציאַנט אָנגעפירט מיטן גאַסן־פּאַרקער. מער האָט זיך שוין דאָס ספּעקטאַקל נישט איבערגעחזרט.

מיט וואָכן צוריק, נאָך דעם ווי די יידן זיינען אַריין אין געטאָ, האָבן פּוילישע אַרבעטערס אָנגעהויבן גראָבן שמאָלע און טיפע גריבער אויף ביידע זייטן טראָטואַר פון די גאַסן נאַוואָמיעיסקאָ און אַלעקסאַנדראָווסקי. זיי האָבן דאָס זעלביקע געטאָן אויך אויף אַנדערע גאַסן. אין די גריבער זיינען אַריינגעשטעלט געוואָרן סלופּעס און אויף זיי האָבן די אַרבעטערס אַרויפגעצויגן דראָטן. די יידן האָבן זיך גענומען אַריינטירן ערשט דעמאָלט, ווען מען האָט גענומען בויען דריי בריקן אַריבערצוגיין פון איין זייט געטאָ אויף דער צווייטער זייט געטאָ. און פאַר די אַלע מאַטעריאַלן און פאַר דער אַרבעט, האָבן יידן אַליין געמוזט באַצאָלן.

דעם 31סטן אַפּריל 1940 פאַר נאַכט איז שוין די גאַנצע געטאָ

געוועזן אַרומגענומען מיט דראָטן. צו מאָרגנס, דעם 1טן מאַי, האָבן באַ־העלמטע דייטשע סאָלדאַטן, מיט אָנגעלאָדענע ביקסן און שפּיזן, געהיט אַרום דעם געטאָצוים, אַזוי ווי מיר וואָלטן געווען קרימינעלע פאַרברעכערס אָדער ווילדע חיות. מיר זיינען געוואָרן פולשטענדיק אָפּגעשניטן פון דער וועלט.

אויף דעם טאָג, דעם ערשטן מאַי, טויזנט ניין הונדערט און פערציק, איז דער גאַולייטער איבער „וואַרטיגאַו״ אָדער „נויעס רייך״, האַנס גרייזער, ימח שמו! געקומען קיין לאָדזש. די געשטאַפּאָ האָט אים צוגעטראָגן די מתנה: לאָדזשער געטאָ. גרייזער האָט דעמאָלט געהאַלטן אַ רעדע פאַר דער היטלער־יוגנט, און וועלכער ער האָט געזאָגט: „די יודען זיינען גע־בענדיקט! פון הונגער וועלן זיי פאַרוואַנדלט ווערן אין משוגענע הינט. איינער פון צווייטן וועט אָפּבייסן שטיקער פלייש. זיי וועלן זיך אַליין אויפפרעסן. אויף דעם אָרט, וואו עס איז הייגט די געטאָ, וועט אין צוואַנ־ציק יאָר אַרום זיין אַ פּרעכטיקער גאָרטן... ווען אַ דייטש וועט שפּאַ־צירן מיט זיינע קינדער, וועט ער פאַר זיי מוזן אָפּשילדערן, ווי אַזוי די „ווילדע חיות״ האָבן אויסגעזען...״

ביי וואָס צו פאַרדינען איז נישט געווען. קיין שפּייז האָט מען נישט אַריינגעשיקט. זיינען מיר אויסגעשטעלט געוואָרן אויסצושטאַרבן פון הונ־גער און עפּידעמיעס. ווען מיין שוואָגער האָט אַ פאַרצווייפלטער מיך געפרעגט: „ירחמיאל, וואָס וועט זיין?״ האָב איך אים געענטפערט מיט רעציטירן מיין ערשט ליד, וואָס איך האָב אָנגעשריבן אונטער דער פאַר־שקלאָפונג פון די נאַציס מיטן נאָמען „נישט פאַרצווייפלען״ (דער טעקסט פון ליד ווערט געגעבן אויף ז׳ 150).

אָבער שפּעטער זיינען מיר באַשערט געווען נאָך גרעסערע צרות און פּיינען אין די פאַרשיידענע היטלעריסטישע קאַצעטן.

באַגעגעניש מיט מרדכי געבירטיג

בשייכות מיט מיינע מעמואַרן פון דער אוממענטשלעכער היטלער־צייט אין פּוילן, האַלט איך פאַר וויכטיק צוצוגעבן זיכרונות וועגן מיינע באַגעגענישן מיט מרדכי געבירטיג און יוסף וואולף אין קראָקע. איך האָב זיך דאָרטן פאַרהאַלטן אַ קורצע צייט גלייך נאָך מיין באַפרייט ווערן פון לאַגער פאַר געפאַנגענע סוף 1939 און האָב אויסגעניצט די געלעגנהייט זיך צו זען צום ערשטן מאָל מיט ביידע קראָקאָווער שרייבערס.

איך האָב געוואוסט, אַז אין קראָקע וואוינט דער פאָלקסדיכטער מרדכי געבירטיג, וואָס יידן איבער גאָר דער וועלט זינגען זיינע לידער. האָב איך געפרעגט מיין קוזינקע לאָלע וועגן זיין אַדרעס. האָט זי מיר געענטפערט: „ערגעץ אויף קוזמיר.” ווען כ׳בין געקומען אויפן קוזמיר, האָב איך אָפּגעשטעלט אַ סך יידן און זיך נאָכגעפרעגט אויף געבירטיגס אַדרעס. יעדער האָט געזאָגט: „אַ, געבירטיג, דער זינגער”, אָבער זיין אַדרעס האָט קיינער נישט געוואוסט, ביז איך האָב אָנגעטראָפן אויף אַ יידן, וואָס האָט מיך צוגעפירט צום דיכטערס דירה, ערגעץ אין אַ הויף אויפן דריטן עטאַזש, אַרויפצוגיין אויף אויסגעטראָטענע הילצערנע טרעפּלעך.

איך בין אַריינגעקומען אין דער קיך און באַלד איז פון דער צווייטער שטוב אַריינגעקומען אַ מיטליאָריקער מענטש און געזאָגט:

—„געבירטיג? דאָס בין איך. שלום־עליכם, אַ ייד! — האָט ער מיך באַגריסט מיט האַרץ, דריקנדיק מיין האַנט — ווער איז אַ ייד? פון וואַנען איז אַ ייד?”

—„איך בין אַ יונגער יידישער דיכטער, פון לאָדזש...”

—„אַ איר זענט פון די געפאַנגענע לאָדזשער יידן? ווען זענט איר באַפרייט געוואָרן?”

—„מיט עטלעכע טעג צוריק.”

—„ווי הייסט איר?”

—„ירחמיאל בריקס.”

—„אַ, אויב אַזוי, קומט דאָך אייך טאַקע אַ ברייטער שלום־עליכם! — האָט ער מיר נאָך אַ מאָל געדריקט די האַנט — מיר האָבן זיך דאָך צוזאַמען געדרוקט אין „אינדזל”, ביי זישע באַגישן...”

—„יאָ, אין מאַי, דאָס יאָר, אין דערשינען מיין ערשטלינג, לירישע לידער אונטערן נאָמען „יונג־גרין־מאַי.”

—„כ׳וויס, כ׳וויס, נו, קומט אַריין.” ער האָט מיך גענומען אונטערן

אָרעם און אַריינגעפירט אין דער צווייטער שטוב. איך האָב באַלד דער־פילט אַ באַקאַנטקייט צו אים, ווי מיר וואָלטן זיך שוין לאַנגע יאָרן געקענט. דאָס האָט געשאַפן זיין פּאָלקסטימלעכקייט און זיין ענווות.

מרדכי געבירטיג איז געווען פון העכערן וואוקס. ער האָט געהאַט אַ לענגלעך, ברייט און רונדיק פּנים, אַ לאַנגע, ברייטע נאָז און גרויסע שוואַרצע אויגן. זיין פּנים האָט אויסגעדריקט טרויער און יסורים. ער האָט געהאַט אַ קראַנק האַרץ, ביים רעדן האָט אים פאַרפעלט אָטעם. זיין שטים איז געווען אַ ווייכענדיקע. דאָס ערשטע האָט זיך מיר געוואָרפן אין די אויגן: אַ סך מעדיצינען, וואָס זענען געשטאַנען אויפן קרעדענץ.

„זעצט אייך — האָט ער מיר אָנגעוויזן אויף אַ שטול ביים טיש — מאַכט אייך באַקוועם, פילט אייך ווי ביי זיך אין דער היים. טוט אויס דעם מאַנטל."

— זעט איר, חבר בריקס: אַפילו דער קריג קען אויך ברענגען עפּעס גוטס, כ'מיין דאָס, וואָס מיר זיינען אַצינד צוזאַמען. פאַר וואָס זענט איר נישט געקומען פאַר דער מלחמה? איך וואָלט אייך געווען איינגעאָרדנט אַ ליטעראַרישן אָוונט."

—„ס'טוט מיר טאַקע באַנג."

כאָטש ס'איז געווען אַ זוניקער טאָג, איז דאָ טונקל געווען, וויל די באַלקאָנען האָבן פאַרשטעלט דאָס ליכט. די דירה איז באַשטאַנען פון איין שטוב מיט אַ קיך, מיט אַלט מעבל. אויף די ווענט זיינען געהאַנגען דריי פּאָרטרעטן פון זיינע מיידלעך, וואָס ער האָט פאַראייביקט אין זיין באַ־וואוסט ליד „דריי טעכטערלעך", וואָס יידן זינגען און פאַרגיסן דערביי טרערן. אויף דער וואַנט גלייך קעגן איבער דער טיר איז געהאַנגען אַ גרויס בילד פון אַ באַוואוסטן מאָלער: געבירטיג מיט זיין יינגסטער טאָכטער. זי האָט עס מיט איר שיינער שטים און שטאַרקן געפיל די ערשטע מפורסם געמאַכט דעם פּאָעטס לידער.

געבירטיג האָט געזען, ווי איך ביטראַכט דאָס בילד, האָט ער געזאָגט: „איך האָב אַנומלט געזען, אַז נישט אַלע דייטשן זיינען פאַרדאָרבן: די דייטשן האָבן געכאַפּט יידן אויף אַרבעט, זיינען אַריינגעפאַלן פון שטוב צו שטוב און געשלאָגן. איך האָב איבערגעלעבט אימת־מוות. די טיר איז אויפגעפּראַלט געוואָרן און עס האָבן זיך אַריינגעריסן אַן אָפיציר מיט צוויי זעלנערס. ווען דער אָפיציר האָט דערזען דאָס בילד, איז ער געבליבן פאַרגאַפט און ער האָט מיך פריינדלעך געפרעגט: „ווער איז דאָס אויף

דעם בילד? ווער איז דער מאָלער?" ער האָט באַוואונדערט ווי נאַטירלעך און לעבעדיק דאָס בילד איז און זיי זיינען אַוועקגעגאַנגען.

אין דער קיך האָט זיך ביי עפּעס געפּאָרעט די ייִנגסטע טאָכטער. עס איז אָנגעקומען פון דער גאַס די מיטלסטע טאָכטער. געבירטיג האָט מיך מיט איר באַקענט. דערנאָך איז אָנגעקומען זיין פרוי, אַן אויסגע־אַרבעטע, אַן אויסגעמאַטערטע פון צרות און נויט. מרדכי געבירטיג איז כל ימיו געווען אַן אָרעמאַן. ער איז געווען אַ טישלער, פון אָט דער אַרבעט האָט ער זיך מפרנס געווען. ווי ס'ווייזט אויס, האָבן די קראָקעווער יידן אים אָפּגעשאַצט און געהאָלפן, ווייל אַלע זיינע דריי קינדער האָבן געהאַט געענדיקט גימנאַזיום. אין פּוילן איז דעמאָלט דאָס געווען פאַרבונדן מיט אַ סך געלט.

„באַקען דיך מיט אַ יונגן יידישן פּאָעט — האָט געבירטיג געזאָגט צו זיין פרוי — אַ לאָדזשער, ער קומט פון געפאַנגען־לאַגער, פון קאָ־ביעזשין."

מיר האָבן זיך באַגריסט. זי האָט אויף מיר געוואָרפן טרויעריקע בליקן און האָט באַלד פאַרלאָזט דאָס הויז. עס האָט נישט געדויערט לאַנג און זי איז אַריינגעקומען מיט אַ שוואַרצער איבערגעגאַנגענער מאַרינאַרקע אין דער האַנט און צו מיר געזאָגט: „מעסט נאָר דאָס אָן." איך האָב זי געפאָלגט. די מאַרינאַרקע איז נישט געווען מיין מאָס, אָבער איך האָב זי צוגענומען מיט אַ האַרציקן דאַנק.

געבירטיג האָט מיר אָנגעוויזן אַ בילד אויף דער וואַנט: „איר זעט, חבר בריקס, דאָס איז מיין עלטסטע טאָכטער שיפרעלע. זי האָט חתונה געהאַט אין דער מילחמה מיט אַ דאָקטער און זיינען באַלד אַוועק קיין רוסלאַנד. זיי שיקן מיר בריוו מיט שליחים. דעם לעצטן בריוו פון זיי האָבן מיר באַקומען פון לעמבערג. ווער ווייסט וואו די זיינען אַצינד? מען שמועסט שטאַרק, אַז די רוסן וועלן קומען, אַז ס'וועלן איינגעשטעלט ווערן די גרענעצן פון פאַרן 1914־טן יאָר."

געבירטיג האָט פאַר מיר פון זיכרון פאָרגעלייענט דאָס ליד:

שיפּרעלעס פּאָרטרעט

אויף דער וואַנט לינקס פון מיין בעט
הענגט מיין טאָכטער שיפּרעלעס פּאָרטרעט.
אָפט מאָל, אין דער מיט פון נאַכט,
ווען איך בענק נאָך איר און טראַכט,
זע איך, ווי זי קוקט אויף מיר,
הער איך, ווי זי רעדט...
— טאַטעשי, כ׳ווייס, ס׳איז דיר באַנג.
ס׳וועט דער קריג שוין נישט געדויערן לאַנג.
קומען וועל איך באַלד צו דיר,
ס׳קלאַפּט דער פרילינג שוין אין טיר.
— שמייכלט ליב צו מיר און רעדט
שיפּרעלעס פּאָרטרעט...

טרערן זיינען אים געשטאַנען אין די אויגן. ביידע טעכטער זיינען געזעסן ביים טיש, האָבן געקוקט דעם טאַטן אין מויל אַריין און האָבן זיך איינגעהערט מיט יראת־הכבוד. דאָס ווייב האָט זיך געפּאָרעט אין קיך. געבירטיג האָט זיך אויפגעשטעלט און געברענגט זיינס אַ בוך. ער האָט עס געהאַלטן אַזוי ווי מען האַלט אַ נאַר וואָס געבוירן פייגעלע: „איר זעט, חבר בריקס, דאָס זיינען מיינע לידער, וואָס דער „ייווא״, דער „ייווא״ אין ווילנע, האָט אַרויסגעגעבן.״ „ייווא״ האָט ער אַרויסגעזאָגט מיט שטאָלץ און דערהויבנקייט.

„אייערע לידער זיינען געשריבן פּשוט, מיט דעם לשון ווי דאָס פאָלק רעדט״, האָב איך אים געזאָגט, בעמענדיק פון אים דאָס בוך, אַרויסגעגעבן אין 1938. איך האָב איבערגעמישט אַ בלעטל און געלייענט דאָס פאָרוואָרט פון מ. קיפּניס:

„יעדער דור האָט זיינע פאָלקס־זינגער און דיכטער. נישט מער: דאָס רוב זינגער און דיכטער זינגען פאַר זיך אַליין. זייער שירה האָט נישט דעם כּוח אַרויסצורייסן זיך אין גאַס אַריין. כל־זמן זיי לעבן זינגען זיי, שטאַרבן זיי אָפּ — שטאַרבט מיט זיי אָפּ זייער דיכטונג און פאָלקס־געזאַנג. מרדכי געבירטיג איז דער הונדערט־פּראָצענטיקער פאָלקס־זינגער און פאָלקס־דיכטער, וואָס זינגט, שאַפט און וויינט אויס זיין ליד אין שטוב און דאָס ליד זיינס פראַלט אויף טיר און פענצטער און פילט אָן די גאַס מיט שירה, באַזינגט דאָס אייגנאַרטיקע יידישע לעבן.

געבירטיגס אַ ליד קלעמט דאָס האַרץ, וואַרעמט און פילט אָן די יידישע נשמה מיט זיסער מעלאַנכאָליע און פריידיקן ציטער. און נאָך אַ סימן פון עכטער נישט־געפעלשטער פאָלקס־דיכטונג און פאָלקס־געזאַנג: וואָס מער מען הערט עס, אַלץ מער באַגייסטערט עס, וואַרעמט און ווירקט. דאָס איז אויך דער כוח און סוד פון געבירטיגס דיכטונג און געזאַנג, וואָס איז שוין געוואָרן די דיכטונג און געזאַנג פון גאַנצן פאָלק.״

איך האָב געטראַכט: דאָס איז דאָס העכסטע, וואָס מען קען זאָגן וועגן ריכטיקער קונסט, וועגן פאָלקסטימלעכער דיכטונג.

איך האָב דורכגעלייענט עטלעכע לידער. צו יעדער ליד איז געווען געדרוקט די מוזיק.

„חבר געבירטיג — האָב איך געזאָגט — איך האָב געהערט אייערע לידער זינגען אין יידישן טעאַטער, איבער די הייפן און גאַסן פון גאַסן־זינגערס, אין די וואַרקשטאַטן פון אַרבעטערס; מאַמעס וויגן איין קינדער מיט אייערע לידער. איך אַליין האָב גרויס הנאה פון זינגען אייערע לי־דער. די יוגנט אין יידישע אָרגאַניזאַציעס זינגט אייערע לידער. וואו עס וואוינען נאָר יידן זינגט מען אייערע לידער. איר האָט אונדז געגעבן דעם מיזרח־אייראָפּעאישן ייד פון געבוירן ווערן ביז צום קבר, דעם שטייגער לעבן פון אַלע זיינע שיכטן: אַפילו דעם גנב, אָבער מיט רחמנות, און דעם אַרבעטסלאָזן פּראָלעטאַריער. איר קומט פון פאָלק, שעפּט פון פאָלק און שאַפט פאַר דעם פאָלק. איר מאַכט נישט קיין לידער דורך אויסגעלערנטער טעכניק, אַ בער קען מען אויך אויסלערנען טאַנצן; די לידער און די מוזיק קוואַלן אַרויס פון אייער האַרץ אַזוי ווי אַ שטראָם פון אַ קוואַל; אַזוי עכט, אַזוי נאַטוראַל.״

געבירטיג האָט געפּרואווט פּאַרטושן מיינע רייד און ער האָט געזאָגט: „ווייס איך וואָס? איך שרייב פּשוט אַזוי ווי איך קען — אַ פּשוט לידל און שוין. חבר בריקס, מען האָט מיך באַגנבעט ס׳גאַנצע לעבן. די יידישע אַקטיאָרן האָבן געמאַכט געלט פון מיינע לידער און מיר נישט באַצאָלט קיין איין גראָשן. איר זעט דאָך וואָס פאַר אַ מזל איך האָב: די פירמע „סירענאַ״, אין וואַרשע, האָט געמאַכט פּלאַטן פון מיינע לידער אָן מיין וויסן. ווען כ׳האָב מיך דערוואוסט וועגן דעם, האָב איך זי איינגעקלאָגט און דאָס געריכט האָט צוגעמישפּט מיר צו באַצאָלן פופציק טויזנט זלאָטעס! די פירמע האָט אַפּעלירט און דאָס אַפּעלאַציע־געריכט האָט באַשטעטיקט דעם אורטייל. האָט די פירמע אָנגעגעבן צום העכסטן גע־ריכט אין וואַרשע. איך האָב געהאַט אַ געוואונענע „ספּראַווע״: איר שטעלט

איך פאַר: פופציק טויזנט זלאָטעס?! דער קאָסאַציע־פּראָצעס האָט גע־זאָלט פאָרקומען דעם אַכטן סעפּטעמבער און די מלחמה איז אויסגע־בראָכן דעם ערשטן סעפּטעמבער", האָט געבירטיג פאַרענדיקט טרויעריק.

„אַזוי איז שוין דער גורל פון קינסטלער", האָב איך געזאָגט.

„כ'האָב געלייענט דאָס עסייעלע, וואָס מיין חבר ל. מ. פּעטשעניק האָט וועגן אייך געשריבן. ער איז אַן ערלעכער מענטש, אַ גרויסער תלמיד־חכם און ערודיט. ער וואוינט אין לויוויטש, אָבער יעדער זומער האָבן מיר צוזאַמען געוואוינט אין ראַבקע, לעבן קאַזשימיעזש. עס זיינען דאָרטן אַהין געקומען אַ סך יידישע קינסטלערס" — ער האָט אַרויסגע־נומען אַ פאָטאָגראַפיע און מיר געוויזן — „איר זעט, דאָס בין איך און פעטשעניק. דאָס בילד איז גענומען געוואָרן דעם לעצטן זומער אין ראַבקע."

„אַ פיינער עסיקאַיסט דער פעטשעניק — האָט געבירטיג וויטער גערעדט — אַ גרויסער קענער פון דער אַלטער גריכישער ליטעראַטור. ער איז אויך אַ לינגוויסט: ער האָט אַרויסגעגעבן אַ ביכל וועגן אַלטן יידיש, האָב איך נישט פאַרשטאַנען מער ווי צוויי ווערטער. גאָר אַן אַנדער יידיש האָבן יידן גערעדט מיט הונדערטער יאָרן צוריק. אויסגע־וואַקסן אַ שיין לשון, אַ רייך לשון."

מיט אַ תירוץ האָב איך זיך אַרויסגעדרייט פון אָנגעבאָטענעם עסן און האָב אָנגענומען געבירטיגס בקשה צו קומען צו אים זונטיק צו מיטיק.

איך האָב געהאַלטן וואָרט און געקומען צו דער באַשטימטער צייט, נאָכן טרעפן זיך מיטן יונגן שרייבער יוסף וואולף, וואָס האָט אויך גע־לעבט אין קראָקע, און וועגן דעם וועל איך שפּעטער באַשרייבן.

נאָכן אָפּעסן אַן איינפאַכן מיטיק האָט געבירטיג מיר איבערגעגעבן, אַז יוסף וואולף איז היינט געווען ביי אים. „ער האָט מיר דערציילט וועגן אייער רעציטירן משה שולשטיינס „צוגן" און געזאָגט, אַז די רעציטאַציע אייערע איז בעסער פון מאַלווינאַ ראַפּעלס."

געבירטיג האָט פאַרגעלייענט פאַר מיר עטלעכע לידער אויף אויס־דוויניק, צווישן זיי דאָס באַרימטע „אונדזער שטעטל ברענט". היות שפּע־טער זיינען אַריינגעפאַלן פאַרשידענע וואַריאַנטן אין דאַזיקן ליד, איז כדאַי דאָ צו ברענגען דעם טעקסט, ווי איך האָב עס געהערט פון געביר־טיגס מויל:

אונדזער שטעטל ברענט

ס׳ברענט, ברידערלעך, ס׳ברענט!
אוי, אונדזער אָרעם שטעטל, נעבעך, ברענט!
בייזע ווינטן מיט ירגזון
רייסן, ברעכן און צעבלאָזן
שטאַרקער נאָך די ווילדע פלאַמען.
אַלץ אַרום שוין ברענט!

און איר שטייט און קוקט אַזוי זיך
מיט פאַרלייגטע הענט,
און איר שטייט און קוקט אַזוי זיך —
אונדזער שטעטל ברענט!...

ס׳ברענט! ברידערלעך, ס׳ברענט!
אוי, אונדזער אָרעם שטעטל, נעבעך, ברענט!
ס׳האָבן שוין די פייערצונגען
דאָס גאַנצע שטעטל איינגעשלונגען —
און די בייזע ווינטן הוזשען,
ס׳גאַנצע שטעטל ברענט!

און איר שטייט און קוקט אַזוי זיך
מיט פאַרלייגטע הענט,
און איר שטייט און קוקט אַזוי זיך —
אונדזער שטעטל ברענט!...

ס׳ברענט! ברידערלעך, ס׳ברענט!
אוי, עס קען, חלילה, קומען דער מאָמענט:
אונדזער שטאָט מיט אונדז צוזאַמען
זאָל אויף אַש אַוועק אין פלאַמען.
בלייבן זאָל, ווי נאָך אַ שלאַכט,
נאָר פוסטע, שוואַרצע ווענט!

און איר שטייט און קוקט אַזוי זיך
מיט פאַרלייגטע הענט
און איר שטייט און קוקט אַזוי זיך —
אונדזער שטעטל ברענט!...

ס׳ברענט! ברידערלעך, ס׳ברענט!
די הילף איז נאָר אין איך אַליין געווענדט:
אויב דאָס שטעטל איז איך טייער,
נעמט די כלים לעשט דאָס פייער,
לעשט מיט אייער אייגן בלוט —
באַווייזט, אַז איר דאָס קענט.

שטייט נישט, ברידער, אָט אַזוי זיך
מיט פאַרלייגטע הענט.
שטייט נישט, ברידער, לעשט דאָס פייער!
אונדזער שטעטל ברענט!

געבירטיג האָט געלייענט פשוט, מיט הארץ, מיט אַזאַ גוטער דיקציע, אַז מען האָט געהערט אַרויסריידן יעדער אות. דאָס ליד האָט מיך אויפגעטרייסלט; מרדכי געבירטיג דער פאָלקסמענטש, אין די מיטעלע יאָרן, האָט געהאַט אַ וויטן בליק, ער האָט דערפילט מיט זיין אינטואיציע, וואָס עס רוקט זיך אָן אויף דעם יידישן פאָלק אין פוילן. ער איז געווען דער נביא פון זיין פאָלק, אַזוי ווי וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי האָט פאַרויסגעזען דעם חורבן פון די יידן אין פוילן. יצחק קאַצענעלסאָן האָט געמוזט פריער דורכמאַכן וואַרשעווער געטאָ, כדי ער זאָל וואַרפן די לאָזונג: „יידן, נעמט אייך צום געווער! יידן לערנט אייך שיסן!״ געבירטיג האָט נאָך אין יאָר 1938 דאָס אַלץ פאַרויסגעזען און פאַרויסגעזונגען.

געבירטיגס רוף האָבן אויסגעפירט די יידישע פאַרטיזאַנער, די אויפשטענדלערס אין וואַרשעווער געטאָ און אַנדערע געטאָס און לאַגערן. דאָס דאָזיקע ליד, כאָטש עס איז פריער קיין מאָל נישט געווען געדרוקט, איז דערגאַנגען צום פאָלק פון מויל צו מויל, פון געטאָ צו געטאָ, פון לאַגער צו לאַגער. ס׳איז געוואָרן אַ נאַציאָנאַלער הימן, ווייל דער פאָלקסדיכטער מרדכי געבירטיג איז געווען אַ שליח־ציבור פון פוילישן יידנטום. ער האָט אין זיינע לידער געגעבן: דאָס האַרץ און די נשמה פון זיין פאָלק.

איך האָב אָבער נישט געקענט מסכים זיין מיט געבירטיגס פעסימיזם. איך בין געווען אַן אָפּטימיסט, אין 1940, ווי אַלע שפּעטערדיקע יאָרן פון דעם צווייטן וועלטקריג.

איך האָב שפּעטער אָנגעשריבן אַן אָפּטימיסטיש ליד ווי אַ מין ענטפער אויף געבירטיגס „שטעטל״ און אים געווידמעט. איך האָב עס אים

איבערגעשיקט מיט מיין קוזין משה־הערש, וואָס האָט געוואוינט אין קראָקע. משה־הערש האָט מיר דערציילט, אַז דאָס ליד האָט אויף געביר־טיגן געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק און ער האָט געזאָגט: „עס איז פאָלקס־טימלעך און ליטעראַריש.” אָט איז דאָס ליד:

נישט פאַרצווייפלען

ס'איז נאָר אַ דורכווייענדיקער ווינט —
נישט פאַרצווייפלען מיין קינד.
מיר זיינען אַלטעביימער, טיף און ברייט,
אין דער ערד פאַרוואָרצלט
מיט גרויסע קרוינען,
וואָס באַצירן די וועלט;
שטאַרקע שטורעמווינטן
קענען פון אונדז
די בלעטער נאָר אָפּרייסן,
די צווייגן אָפּברעכן,
אָבער נישט די קרוינען.
שטאַרקע, טיף־פאַרוואָרצלטע ביימער
קענען ווינטן נישט אויסרייסן,
נישט אויסוואָרצלען!
מיר זיינען ביימער אייביקע,
וואָס גיבן דער וועלט פּירות שפּייזנדיקע.
מיר וועלן אייביק זיין!
ס'איז נאָר אַ דורכווייענדיקער ווינט —
נישט פאַרצווייפלען מיין קינד...

אין לאָדזשער געטאָ איז דאָס ליד רעציטירט געוואָרן. עס האָט אַריינ־געבלאָזן ביטחון, גלויבן, אַז מיר וועלן איבערלעבן. היינט זע איך: ביידע זיינען מיר געווען גערעכט. ביידנס ווערטער זיינען מקוים געוואָרן.

איך האָב מיך געזעגנט מיט דער פרוי, מיט די צוויי טעכטער. ווען

כ׳האָב מיך געזעגנט מיט דער ייִנגסטער טאָכטער, האָט זי שטאַרק געדריקט מיין האַנט, איך האָב אויך אַזוי געטאָן. זי האָט שעמעוודיק אַראָפּגעלאָזט די אויגן און דאָס פּנים איז געוואָרן ראָזיק. מיך האָט גע־צויגן זי אַ קוש צו טאָן, אָבער כ׳האָב מיך געשעמט. מיט געבירטיגן האָב איך מיך שטאַרק צעקושט. זיינע לעצטע ווערטער צו מיר זיינען געווען: „געדענקט, למען השם, באַשרייבט אַלץ, וואָס איר האָט דורכגעלעבט. אייער חוב איז דורכצופירן די דאָזיקע מיסיע.״

איך האָב מיטגענומען ליבע און ווייטיק צו דער דאָזיקער משפּחה. די גאַנצע מלחמה האָב איך נישט פאַרגעסן די געבירטיגס און געחלומט: ווען די מלחמה וועט זיך ענדיקן, וועל איך פאָרן קיין קראָקע צו זיי, אפשר וועט די ייִנגסטע טאָכטער ווערן מיין באַשערטע.

פון געבירטיגס משפּחה איז קיינער נישט געבליבן לעבן. מען דער־ציילט: ווען די דייטשן האָבן ליקווידירט די קראָקעווער געטאָ, איז מרדכי געבירטיג געזעסן אין גאַס אויף אַ שטיין און געשריבן אַ ליד, האָט אים אַ דייטש דערשאָסן. וואוהין זיין געביין איז אַהינגעקומען, ווייסט מען נישט. זיין ליד איז אָבער געבליבן און ווערט געזונגען פון זיין פאָלק, וואָס איז צעשפּרייט איבער דער וועלט. וואָס מער מען זינגט עס, אַלץ מער באַ־גייסטערט עס. זיין ליד פון חורבן וועט בלייבן אויף דורות.

אַ באַזוך ביי יוסף וואולף

זייענדיק אין קראָקע אָנהייב 1940, נאָך מיין באַפרייט ווערן פון געפאַנגען־לאַגער, האָב איך זיך געוואָלט טרעפן מיטן יונגן ייִדישן שריי־בער יוסף וואולף, וואָס האָט אויך, ווי געבירטיג, געלעבט אין יענער שטאָט. ביים געזעגענען זיך פון געבירטיגן, האָב איך אים טאַקע געבעטן וואולפס אַדרעס, וואָס ער האָט מיר געגעבן.

י. וואולף האָט נישט לאַנג צוריק געהאַט אַרויסגעגעבן אַ בוך קריטיק מיט אַ פאָרוואָרט פון משה שימעל. דאָס בוך האָט ער מיר צוגעשיקט. ער האָט דאָרטן געשריבן וועגן אַ סך פאַרשוויגענע יונגע ייִדישע דיכטערס

און פּראָזאַאיקערס. כ'האָב געזען, אַז ער איז געלערנט און אָנגעלייענט מיט דער וועלט־ליטעראַטור. איך האָב אים געהאַט צוגעשיקט מיין ביכל לידער „יונג־גרין־מאַי" און איך האָב זייער געוואָלט זיך באַקענען מיט אים.

יוסף וואולף האָט געוואוינט אויף דער דיעטלאַ אַלייע. מען האָט דאָס גערופן די „פּלאַנטן". דאָס איז געווען די שענסטע און רייכסטע יידישע געגנט. ער האָט געוואוינט ביי זיין פּאָטער, אַ גביר אין זיין אייגן הויז, וואָס איז געווען אַ פינפשטאָקיקער קאַסטן — אַ הויף מיט אַ פּראָנט און דריי אָפיצינעס. די וואולפס האָבן געוואוינט אויפן צווייטן שטאָק מיט צוויי איינגאַנגען, פון פּאַרנט און פון דער קיך.

אויף מיין קלונג אין טיר האָט אַ יונגע סימפּאַטישע פרוי זייער פאַר־דעכטיקט געעפנט די טיר, אָבער נישט אַראָפּגענומען דאָס קייטל אויף דער טיר. איך האָב זי געפרעגט אויף יידיש: „דאָ וואוינט יוסף וואולף?"

„יאָ. ווער זענט איר?" — האָט זי געפרעגט.

„איך בין ירחמיאל בריקס, אַ יונגער דיכטער פון לאָדזש. קאָן איך אים זען?"

„איך בין זיין פרוי — האָט זי שוין געעפנט ברייט די טיר — קומט אַריין."

באַלד איז יוסף וואולף געקומען. איך האָב אים געזאָגט ווער איך בין. ער האָט מיר געגעבן אַ וואַרעמען שלום־עליכם און מיך אַריינגעפירט אין עסצימער. ער האָט מיך פאָרגעשטעלט פאַר זיין פאָטער און מוטער: „באַקענט אַ יונגן יידישן דיכטער פון לאָדזש." די מוטער האָט מיך פריינד־לעך באַגריסט און דער פאָטער, מעשה־סוחר, האָב איך דערפילט, קוקט מיט ביטול אויף די נישט פּראַקטישע פּאָעטן.

יוסף וואולף האָט מיך געפרעגט אויף יעדער יונגן יידישן דיכטער און פּראָזאַאיקער אין לאָדזש. איך האָב מיך געוואונדערט, ווי ער געדענקט יעדער נאָמען. „גיט זיי איבער — האָט ער געזאָגט — אַז אין מיין נאָענטסטן בוך וועל איך וועגן זיי אַלע שרייבן, וועגן אייך אויך. אייער ביכל איז דאָך דערשינען נאָך מיין בוך." ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט ליגן אַ מאַנוסקריפּט וועגן פּרצן, וואָס ס'וועט זיין אַ גאַנץ בוך. ער האָט מיר אויך דערציילט, אַז זיין ווייב איז אַן אור־אור־אור־אייניקל פון בעל־שם־טוב.

די דירה איז געווען אַ גבירישע און רייך אויסגעמעבלירט. ער האָט מיר געוויזן זיין ביבליאָטעק. איך האָב באַוואונדערט ווי מען פילט דאָ נישט די מילחמה. זיי האָבן מיך פאַרבעטן אויף פרייטיק־צו־נאַכטס און איך האָב זיי צוגעזאָגט צו קומען.

פרייטיק, גלייך נאָך ליכטצינדן, בין איך אַרויפגעקומען צו די וואולפס. עס האָט געשמעקט מיט שבתדיקע מאכלים. יוסף, זיין טאַטע און איך זיינען געגאַנגען צו קבלת־שבת אין אַ פּריוואַט הויז. יידן אין קראָקע האָבן געהערט, אַז די דייטשן האָבן אין אַנדערע ערטער פאַרברענט יידן אין די שולן, האָבן זיי מורא געהאַט זיך צו פאַרזאַמלען אין בתי־כנסת. עס האָט דאָ געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ דאַווענען פון מאַראַנען. דער בעל תפילה האָט געדאַוונט מיט אַ געבראָכן קול. (בכלל איז מיר דער נוסח אויסגעקומען פרעמד, נישט אַזוי זיס ווי ביי יידן אין קאָנגרעס־פּוילן.)

דער „קידוש", וואָס דער פאָטער און זון האָבן געמאַכט, האָט אויך געקלונגען פרעמד אין מיינע אויערן. איך האָב געוואָלט, אַז זיי זאָלן הערן ווי אַזוי מען מאַכט „קידוש" אויפן חסידישן שטייגער אין קאָנגרעס־פּוילן. האָב איך אין מיין „קידוש" זיך געסטאַרעט אויסצוזינגען יעדער וואָרט מיטן ניגון פון מיין פאָטער. איך האָב געפילט, אַז די ליידן און פּיין אין געפאַנגען־לאַגער האָבן געשאַפן ביי מיר אַ שטאַרקערן געפיל, יעדער וואָרט קומט אַרויס אַצינד האַרציקער, מתיקותדיקער. ווען כ'האָב געענדיקט, האָבן אַלע באַוואונדערט, ווי שיין איך האָב געמאַכט „קידוש".

עס איז געווען אָנגעגרייט אַ פרייטיק־צו־נאַכטס סעודה אַזוי ווי ביי אַ גביר אין נאָרמאַלע צייטן. אַ מאָדנע זאַך: וויפל איך האָב נישט געגעסן, בין איך אַלץ נישט געווען זאַט. נאָך מער: מיינע אויגן האָבן אַלץ געוואָלט קוקן אין יענעמס טעלער. איך בין תמיד געווען אַ קליינער עסער. איך האָב זיך געשעמט פאַר מיר אַליין, וואָס דער הונגער האָט פון מיר געמאַכט.

ביים עסן האָב איך דערציילט וועגן מיינע אוממענטשלעכע איבערלעבענישן אין געפאַנגענשאַפט, אָבער כ'האָב געפילט, אַז זיי באַנעמען דאָס נישט, איבער הויפּט דער פאָטער. ער האָט געמיינט, אַז דאָס איז עפעס אַ קראַנקע פאַנטאַזיע. איך האָב געטראַכט: אַז מען מאַכט דאָס נישט אַליין דורך, קען מען עס נישט פאַרשטיין, נישט מיטפילן, און אפשר טאַקע נישט גלייבן.

באַלד נאָכן בענטשן זיינען פאָטער און מוטער אַריין אין זייער צימער.

מיר האָבן גערעדט וועגן פּאָליטיק, ליטעראַטור, טעאַטער א״א. איך האָב רעציטירט אַ ריי יידישע שאַפונגען און יוסף וואולף מיט זיין פרוי זיינען אַנטציקט געוואָרן. ער האָט מיך געפרעגט: „פאַר וואָס זענט איר נישט געקומען פאַר דער מילחמה קיין קראָקע צו געבן אַ קאָנצערט פון רעציטאַציעס?״ — „עס טוט מיר טאַקע באַנג״, האָב איך געענטפערט.

צום סוף האָב איך זיי געזאָגט, אַז איך קלייב זיך צו דערשלאָגן קיין לאָדזש. מיר האָבן האַרציק זיך געזעגנט און יוסף האָט מיך ווידער געבעטן איבערצוגעבן די יונגע יידישע ליטעראַטן פון לאָדזש, אַז אין זיין נייגעפּלאַנטן בוך וועט ער זיך אומקערן צו דער טעמע פון די אמתע טאַלאַנטן און זיך אָפּשטעלן מערער אויף די יעניקע, וואָס ער האָט נישט דערמאָנט אין זיין לעצטן ביכל.

פון גסיסה צום לעבן

דער מחבר אין 1970

דעפּאָרטירט קיין אוישוויץ

דעם 24סטן אויגוסט, אין יאָר 1944, בין איך אָנגעקומען מיט אַ טראַנספּאָרט יידן פון לאָדזשער געטאָ קיין אוישוויץ. נאָכן דורכגיין די סעלעקציע און מיטמאַכן דעם גיהנום, בין איך אַריינגעשיקט געוואָרן אין „צע"־לאַגער.

עטלעכע טעג שפּעטער, די זון האָט געשיינט פון לויטערן בלויען הימל, האָבן מיר, הונגעריקע קאַצעטלערס, זיך געדרייט אין דרויסן, הינטער די באַראַקן, און אויסגעקוקט, מען זאָל ברענגען די קעסלען זופּ. פּלוצלינג איז אָנגעקומען דער סעקרעטאַר פון „אַרבעטסאַמט" פון דעם לאַגער. ער האָט גוט גערעדט דייטש און פּויליש. מיר האָבן אים גערופן „שעניצקי", ווייל אין לאָדזשער געטאָ איז געווען אַ פּועלי־ציוניסט, קיווע שעניצקי, וואָס האָט געהאַט די זעלביקע פונקציע וואָס דער דאָ: געמאַכט סעלעקציעס, אויסגעקליבן יידן אויף לייכטער אָדער אויף שווערער אַרבעט, אונטער דער שמירה פון דייטשן מיט געווער אָדער בייטשן אין די הענט — צו געפינען סחורה, וואַלוטע אָדער צירונג, וואָס יידן האָבן דאָ געזאָלט האָבן באַהאַלטן.

„שעניצקי" איז אַצינד אָנגעקומען מיט עטלעכע עס־עס־מענער, הויכע, ברייטע, אויסגעפּרעסענע, אין מונדירן מיט עפּאָלעטן און מעדאַלן. שעניצקי האָט געגעבן אַ באַפעל: „פינף אין אַ ריי!" באַלד האָבן אונדז די „שטובן־דינסט" און די „קאַפּאָס" געשווינד אויסגעשטעלט צו פינף אין אַ ריי.

מיר זיינען געווען די, וואָס זיינען מיט עטלעכע טעג צוריק דורכגעגאַנגען די סעלעקציע ביים טויער פון אוישוויץ, וואָס ד"ר מענגעלע, דער מלאך־המוות פון אוישוויץ, האָט דורכגעפירט: אַלטע, קראַנקע, שוואַכע קינדער און מאַמעס מיט קינדער אויף די הענט האָט ער באַלד געשיקט אין אויוון אַריין. מיר האָבן געהערט צו די גליקלעכע.

שעניצקי האָט געגעבן אַ באַפעל: „אויסדרייען לינקס!" האָבן מיר אַזוי געטאָן. זיינען מיר אַצינד געוואָרן פינף לאַנגע רייען. איין עס־עס־מאַן האָט באַפוילן „לאָופען! שנעללער!" האָבן מיר אַזוי געטאָן. דאָס האָט מיך דערמאָנט אַ פערדמאַרק ביים קויפן פערד. דערנאָך האָט דער עס־עס־

מאָן באַפּוילן: „שטיין בלייבן!" האָבן מיר אַזוי געטאָן. די עס־עס זיינען געגאַנגען אַרום אונדז, יעדן גוט אָנגעקוקט. עלטערע און די, וואָס זיינען נישט געפעלן געוואָרן, האָבן זיי געהייסן אַרויסגיין פון די רייען און זיך אַנידערזעצן אויף דער ערד. מיך האָט מען געלאָזט שטיין אין דער ריי.

דער עס־עס־קאָמאַנדיר האָט געפרעגט: „ווער עס איז אַ שלאָסער, זאָל אויפהייבן אַ האַנט!"

האָבן צענדליקער געהויבן די הענט. האָט ער זיי געהייסן אַריבערגיין אויף דער צווייטער זייט לעבן באַראַק.

„ווער פון אייך איז אַ מעכאַניקער?!"

האָבן זיך ווידער געהויבן צענדליקער הענט. האָט ער זיי באַפוילן צוגיין צו יענע. דערנאָך האָט ער געפרעגט: „ווער איז אַן עלעקטראָ־טעכניקער?!" האָבן נאָר צוויי געהויבן די הענט. דער עס־עס־מאַן האָט זיך אָנטוישט, ווייל די דייטשן האָבן זיך געניייטיקט אין עלעקטראָטעכני־קערס. און ער האָט ווידער געפרעגט: „ווער איז אַ בוי־אַרבעטער?! אַ טישלער?! אַ גלעזער?! אַ שטובן־מאָלער?!" דאָ האָב איך אויך אויפגע־הויבן אַ האַנט. צום סוף האָט ער געפרעגט: „ווער איז אַ טרעגער?!" האָבן די לעצטע אויפגעהויבן די הענט. זיי האָבן אויך אויסגעקליבן יונגע יינגלעך.

ווען די עס־עס־לייט זיינען אַוועק, האָט שעניצקי געפרעגט די יידן, וואָס זיינען געזעסן אויף דער ערד: „ווער איז אַ בוכהאַלטער?" האָבן אַרום צען אויפגעהויבן אַ האַנט. האָט ער געזאָגט: „קומט מיט מיר, איך וועל אייך געבן בעזעמס, וועט איר ריין מאַכן די אָפּטריטן". די בוכ־האַלטערס האָבן זיך פאַרשעמט און די באַלמעלאָכעס האָבן געזען, אַז זיי האָבן אויך עפּעס אַ ווערט.

פאַר נאַכט האָט שעניצקי אַליין יעדער פאַרשריבענעם געגעבן אַ גרין קאַרטל מיט זיין נאָמען און פאַך און ער האָט געזאָגט: „איר זייט גליקלעכע מענטשן. איר וועט פאָרן אויף אַרבעט קיין דייטשלאַנד. דאָס קאַרטל זאָלט איר היטן ווי אַן אויג אין קאָפּ".

דאָס איז געווען, ווען דייטשלאַנד האָט זיך שטאַרק געניייטיקט אין אַרבעטערס, ווייל היטלער האָט שוין געהאַט מאָביליזירט אַלע יונגע און עלטערע אַרבעטערס — און לאָדזשער יידן זיינען געווען גוטע אַרבעטערס און גוטע באַלמעלאָכעס.

מען האָט אונדז, איבער זעקס הונדערט יידן, אויסגעקליבן אויף אַרבעט, אויסגעשטעלט צו צען אין אַ ריי. אַ ייד אין קאַצעטקליידער מיט

אַ שטעקן אין האַנט האָט מיט אונדז קאָמאַנדירט: „איר שייסע גייט אין באָד אַריין! אָפּמאַרשירן, שייסע! לינקס! צוויי! דריי! פיר!" ווי לאַנג מיר האָבן מאַרשירט צו דער באָד און פון דער באָד, האָט ער כסדר געשריגן מיט אַ ריטעם: „לינקס! צוויי! דריי! פיר!" און מיר האָבן געשטעלט טריט צום ריטעם.

אין דרויסן ביי דער באָד האָבן מיר אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די שמאַטעס און גענומען אַ וואַרעמען טוש. דערנאָך האָט מען אונדזערע געשלעכט־אָרגאַנען באַשפּריצט מיט קאַרבאָל. דאָס האָט געברענט ווי פייער. אַרויסגעגאַנגען זיינען מיר דורך אַן אַנדערער זייט. אין דרויסן אויף דער ערד זיינען געלעגן: אונטערהעמדער, אונטערהויזן און „פּאַשאַקן" (מונדירן אַזוי ווי פּידזשאַמעס מיט ווייסע און בלויע פּאַסן אין דער לענג), וואָס מען האָט יעדערן צוגעטיילט. מען האָט זיך באַלד אָנגעטאָן. איינער האָט אונדז אויף דער לענג פּלייצע פון „פּאַשאַק" מיט אַ בערשטל אויפגעשמירט אַ רויטן פּאַס איילפּאַרב און אין דער ברייט אַ געלן פּאַס איילפּאַרב — אַ צלם. רויט איז געווען דער צייכן: „פּאָליטישער פאַרברעכער", און געל איז געווען דער צייכן: „יודען פערברעכער". דער קאָמאַנדיר האָט אונדז צוריק אויסגעשטעלט צו צען אין אַ ריי און האָט געגעבן אַ באַפעל: „שייסע! מאַרשירן! לינקס! צוויי! דריי! פיר!" און מיר האָבן מאַרשירט אונטערן ריטעם פון זיינע געשרייען.

אָוונט־צו האָט מען אונדז אָפּגעקליבענע אַריינגעפירט אין בלאָק 4. ביז אַציינד זיינען מיר געווען אין בלאָק 12, צוזאַמען צוועלף הונדערט מענטשן. ביי נאַכט זיינען מיר געווען איינגעפּרעסט אַזוי ווי הערינג אין אַ פאַס. דאָ זיינען מיר נישט געשלאָפן אויף דער בלויזער שטיינערנער פּאָדלאָגע, נאָר מען האָט אונטערגעלייגט דיוואַנעס. מען האָט געמוזט אויסטאָן די פּאַשאַקן, הויזן און בלוזע אונטערגעלייגט אונטערן קאָפּ, און מען האָט געקענט ליגן אויסגעצויגן, ווייל ס'איז געווען פּלאַץ. מען האָט אונדז אַפילו געגעבן מיט וואָס זיך צוצודעקן.

די „קאַנאַדער" „שטובנדינסט" און „קאַפּאָס" זיינען געשלאָפן אויף „פּריטשעס" מיט שטרוי און „קאָצן" (קאָלדרעס). זיי האָבן געהאַט אויסטאַטואירטע נומערן אויפן לינקן אָרעם מיטן נומער אויף דער בלוזקע, ביידע „נאָגעוויצעס" אין היטל. פאַר די נומערן האָט מען זיי מקנא געווען, ווייל מיט דעם זיינען זיי געווען בירגערס פון אוישוויץ; אַציינד האָב איך שוין געהאַט אַ קאַצעט־מונדיר, אָבער נישט קיין נומער.

אַיין מאָל פאַר נאַכט ביים „אַפּעל" האָט איינער געפעלט. מען האָט

דורכגעגישטערט דעם גאַנצן „צע״־לאַגער און אים נישט געפונען. ביי אַלע בלאָקן זיינען הונדערטער קאַצעטלערס געשטאַנען אויף דעם „אַפּעל״. דער עס־עס־מאַן האָט זיי איבערגעציילט נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל, אפשר האָט ער זיך ערגעץ צוגעשטעלט (ער איז געווען פון מיין בלאָק 12), אָבער אין אַלע בלאָקן האָט געשטימט, אויסער ביי אונדז.

אונדזער בלאָקאַווע איז געווען אַ פּאָליאַק, פון דער לאָדזשער אונ־טערוועלט. פאַר דערמאָרדן אַ מענטשן האָט מען אים דאָ אַריינגעשיקט און אים געמאַכט פאַר אַן אויפזעער איבער די יידן פון בלאָק נומער 12. ער האָט געטראָגן אַ „שוואַרצן ווינקל״, אַ דרייעק. שוואַרץ האָבן געטראָגן די, וואָס האָבן געהאַט אַ טויטאורטייל, אַ „גרינעם ווינקל״ — קרימינעלע פאַרברעכערס, אַ „רויטן ווינקל״ — די פּאָליטישע פאַרברעכערס. יידן זיינען געווען „טאָפּלטע פאַרברעכערס״, האָבן זיי געטראָגן אַ געלן צייכן ווי „יודען פאַרברעכער״ און אַ רויטן צייכן ווי „פּאָליטישער פאַרברעכער״. דאָס איז געווען אַ צולאָג צו דעם געלן און רויטן צייכן ווי אַ צלם אויף דער פּלייצע.

אָט דער בלאָקאַווע מיטן „שוואַרצן ווינקל״ האָט איינגעלייגט וועלטן צו געפינען דעם פעליקן יידן. קרוב דרייסיק טויזנט שטייען שוין איבער אַ שעה. איך פיל, אַז כ׳וועל אַנידערפאַלן. אָבער מען מוז שטיין אויסגעצויגן ווי אַ סטרונע. ענדלעך האָט ער אים געפונען און אים געברענגט צו אונדז. דאָס איז געווען אַ יידישער בחור פון אַ פופצן־זעכצן יאָר. ער איז געווען צום טויט דערשראָקן. מיר זיינען געווען זיכער, אַז ער וועט אים דער־הרגענען. ער פרעגט אים: „פאַר וואָס ביסטו דאָ נישט געווען?״ האָט ער געענטפערט: „איך האָב געוואָלט, אַז מען זאָל מיר אויסטאַטואירן אַ נומער...״ איז ער אים אַריינגעפאַלן אין די רייד מיט אַ רחמנות־טאָן: „פאַר וואָס זאָל איך אים באַשטראָפן? ער וויל דאָך בלייבן לעבן. גיי אַריין אין דער ריי״. דאָס יינגל האָט אַזוי געטאָן און מיר האָבן פרייער אָפּגע־אָטעמט.

אין מיטן נאַכט דערפיל איך, אַז עס ליגט לעבן מיר אַ פרעמדער, ווייל איך בין געלעגן דער לעצטער אין דער ריי. איך האָב מיך איינגע־קוקט אין אים, האָט ער מיך אַרומגענומען און געקושט: „אוי, ווייל, גיט מיך נישט אויס...״ איך בין אַריינגעפאַלן אין די רייד: „ששש, שלאָף געזונטערהייט״. ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט איבערגעקויפט דעם שומר ביי דער טיר, אַז יענער זאָל אים דאָ אַריינלאָזן.

פאַר טאָג, ווען דער בלאָקעלטסטער האָט אונדז אויפגעוועקט מיט אַ

פיפערל, האָט מיין „נאַכטגאַסט" צו מיר געזאָגט: „איך וועל אייך געבן מיין פּאָרציע ברויט און גיט מיר אייער קאַרטל אַרויסצופאָרן אויף אַר־בעט". איך האָב געטראַכט: יעדער האָט רעכט צו ראַטעווען זיין לעבן ווי ער קען. און אים האָב איך געענטפערט מיט אַ גוטמוטיקן טאָן: „הער מיך גוט, מיט קאָפּ: אין דער היינטיקער מילחמה קאָן מען נישט זיין קיין חכם. איך האָב מיך אָוועקגעזעצט אויפן וואָגן מיט די פליייצעס צו די פערד, זאָלן זיי מיך פירן וואוהין זיי ווילן. אפשר איז דאָס קאַרטעלע מיין לאָטעריע־צעטל איבערצולעבן די מילחמה. איך בין נישט בייז אויף דיר. איך פאַרשטיי דיך זייער גוט". ער האָט מיר גאָרנישט געענטפערט און האָט פאַרלאָזט דעם בלאָק.

דאָס איז געווען אַן אַכצן־יאָריקער בחור. דאָס געזעץ איז געווען, אַז איך האָב אים גערדאַרפט פאַרמסרן, אַז ער האָט זיך דאָ אַריינגעגנבעט. ווען מען כאַפּט אים ביי דעם „פאַרברעכן", ווערן מיר ביידע באַשטראָפט. אַזוי ווי ער האָט שוין געזען מיט „וועמען" ער האָט צו טאָן, האָט ער פּרובירט אָפּקויפן מיין „אַרבעטשיין". דאָס וואָלט געהייסן, איך זאָל אים פאַרקויפן מיין לעבן.

עס זיינען אַוועק טעג פון שווידערלעכע איבערלעבונגען, הונגער, פּיין, שרעק. דאָס קאַרטעלע האָב איך געהיטן ווי דאָס שוואַרצאַפּל פון אויג. כ׳האָב מיך שוין כמעט מייאש געווען, ווייל מען האָט גאָרנישט געהערט וועגן פאָרן. אָבער קעגן גורל האָב איך נישט געוואָלט גיין, נישט געוואָלט פאַרקויפן דאָס קאַרטל. די אינטואיציע האָט מיר געזאָגט: דאָס קאַרטל איז דיין רעטער. מיין אינטואיציע האָט מיך קיין מאָל נישט אָפּגענאַרט.

איין מאָל, אין דער פרי באַלד נאָך דעם אַפּעל, האָט דער אָנפירער פון „שטובנדינסט" פון אונדזער בלאָק (אַ וואַרשעווער ייד) אויסגעשטעלט אַ רייע קאַצעטלערס און אויסגעקליבן צוואַנציק, וואָס זאָלן מיט אים גיין אַרבעטן אין פּרויען־לאַגער. איך האָב מיך געריסן אַהין, אפשר וועל איך דאָרטן טרעפן אַ קרובה אָדער אַ באַקאַנטע, אָדער באַקומען נאָך אַ ביסל זופּ, אויב איך וועל דאָרטן אַרבעטן. אַזוי ווי כ׳האָב נישט געהאַט קיין פּראָטעקציע, האָט מען מיך נישט אויסגעקליבן. און דאָס איז געווען לטובה.

מיט אונדז איז געווען אַ מיטליאָריקער ייד, געלב האָט ער געהייסן, מיט זיין פערצן־יאָריקן יינגל, פינעק. אין לאָדזשער געטאָ איז ער געווען מיינער אַ שכן. ער האָט זיך אומעטום אַן עצה געגעבן. ס׳ערשטע האָט ער אין געטאָ געאַרבעט אין ברויטקראָם, שפּעטער אין אַ שפּייז־קאָאָפּעראַ־

טיוו ביז צו דער ליקווידאַציע פון געטאָ, אַזוי אַז ער מיט זיין ווייב און קינדער האָבן געגעסן צו דער זעט. דאָ אין אוישוויץ האָט ער זיך באַלד צוגעחנפעט צו דער עליטע. אַצינד האָט מען אים מיט זיין זון אויסגעקליבן, ווייל ער האָט אַזוי געוואָלט, צו גיין מיט דער גרופּע אַרבעטן אין פּרויען־לאַגער. איך האָב זיי אַלעמען מקנא געווען און איך האָב מיך געפּילט אַ שלימזל.

מען טראַנספּאָרטירט אונדז קיין דייטשלאַנד

איך ליג אַזוי אויף דער ערד לעבן מיין בלאָק, וואָרעם זיך אויף דער זון מיט נאָך קאַצעטלערס און באַדויער מיין שלימזל, וואָס מ׳האָט מיך נישט מיטגענומען אין פּרויען־לאַגער אַריין. פּלוצלינג איז אָנגעקומען שעניצקי און אויסגעשריגן אויף פּויליש מיט אַ טאָן, ווי מען זאָגט אָן אַ גוטע בשורה: „יוזש יעדזשעטשע! איר פאָרט שוין!" און הינטער אים קומען צוויי סעקרעטאַרן מיט ליסטעס אין די הענט. שעניצקי האָט געהייסן האַלטן גרייט דאָס קאַרטעלע אין דער האַנט און ער האָט גענומען אויסלייענען די נעמען. וועמען ער האָט אויסגערופן, דער האָט געמוזט צו אים צוגיין און ווייזן דאָס קאַרטל. ער האָט אויסגעלייענט געלב און זיין זון עטלעכע מאָל. זעענדיק, אַז זיי רופן זיך נישט אָפּ, האָט ער געלייענט די ווייטערדיקע נעמען. אַצינד האָב איך געזען, אַז ס׳איז פאַר מיר געווען לטובה, וואָס מען האָט מיך נישט מיטגענומען צו דער אַרבעט.

איך וואַרט מיט האַרץ־קלאַפּעניש, ער זאָל שוין אויסלייענען מיין נאָמען, אָבער איך הער נישט. ער לייענט שוין די צווייטע ליסטע, די דריטע, די פערטע און איך הער אַלץ נישט מיין נאָמען. איך טראַכט: אפשר האָבן זיי מיין נאָמען אַרויסגעוואָרפן און אַריינגעשטעלט אַ צווייטן? די מינוטן האָבן זיך פאַר מיר געצויגן ווי יאָרן. ענדלעך, ענדלעך, נאָך קנאַפּע דריי שעה, האָט ער אויסגעלייענט: „בריקס ראַכמיל!" כ׳האָב אַ געשריי געגעבן: „איך!" ער האָט פון מיר גענומען דאָס גרינע קאַרטל, פאַרגליכן מיט דער ליסטע און געזאָגט: „יאָ. שטובן־מאַלער", און מיר צוריקגעגעבן. איך בין צוריקגעגאַנגען אויף מיין אָרט מלא שימחה. אַן ערך צוויי

הונדערט נעמען האָט ער נישט אויסגעלייענט. יענע זיינען געבליבן טרויע־ריק און געקוקט אויף אונדז מיט קינאה. אונדז האָט מען באַלד אָוועק־גענומען.

געלב מיט זיין זונדל זיינען צוריקגעקומען פון דער אַרבעט. ער האָט געזען וואָס דאָ גייט אָן און געהערט, אַז מען האָט אויסגעלייענט זייערע נעמען, איז אים פינצטער געוואָרן אין די אויגן. ער איז צוגעפאַלן צום בלאָקעלטסטן מיט געבעט, ער זאָל אים העלפן. אָבער ער האָט אים גע־ענטפערט: „פאַרפאַלן! דו מוזט שוין דאָ בלייבן! איך קאָן דיר גאָרנישט העלפן". אָבער געלב האָט איינגעלייגט וועלטן. ער איז אַליין צוגעגאַנגען אין ביוראָ פון „אַרבעטסאַמט" און זיך דאָרטן אַריינגעקראָגן און מיט גרויסע שוועריקייטן האָט ער געפועלט, אַז מען זאָל אים און זיין זון אַריינ־נעמען אין דעם טראַנספּאָרט. מיר וואָלט דאָס זיכער זיך נישט איינגעגעבן.

מען האָט אונדז געפירט אין באָד און געגעבן אַ טוש. יעדערן האָט מען געגעבן: אַן אונטערהעמד, אונטערהויזן, פריש אויסגעוואַשן און פּאַשאָקן. מען האָט אונדז ווידער געמאַכט אויף דער פּלייצע אַ רויטן און אַ געלן צייכן: „יודען פערברעכער" און „פּאָליטישער פערברעכער" און אונדז צוריקגעפירט צום בלאָק 4, אָבער מען האָט אונדז אינעווייניק נישט אַריינגעלאָזט.

ווען ס'איז טונקל געוואָרן, זיינען אָנגעקומען עס־עס. מען האָט אונדז אויסגעשטעלט צו פינף אין אַ ריי און מען האָט אַרויסגעמאַרשירט פון „צע"־לאַגער. געהייסן האָט עס, אַז מען גייט צו דער באַן, אָבער מען האָט אונדז געבערענגט אין אַ צווייטן לאַגער און מיר זיינען געשטאַנען אויף אַ ליידיקן פּלאַץ, ביז עס איז פינצטער געוואָרן. דערנאָך האָט מען אונדז געפירט אויף אַ וועג צווישן צוויי לאַגערן, וואָס זיינען געווען אַרומגע־צוימט מיט עלעקטרישע דראָטן. אַזוי ווי עס איז געווען פינצטער, האָב איך גאָרנישט געזען. מען האָט דערקענט, אַז דאָ איז אַ פרויען־לאַגער, ווייל פרויען האָבן אויסגעשריגן די נעמען פון זייערע מענער און ברידער. די האָבן געמיינט: אפשר מאַרשירן זיי דאָ. איינער האָט דערקענט דאָס קול פון זיין ווייב. האָט ער זיך געפרייט: זי לעבט. מיר זיינען געגאַנגען צווישן דראָטן איבער אַ שעה. דערנאָך זיינען מיר געבליבן שטיין אויף אַ פּלאַץ, וואו עס האָבן געלויכטן אַ סך שטאַרקע פּראָזשעקטאָרן, וואָס האָבן געשטאָכן די אויגן.

נאָך אָפּשטיין אַ צוויי שעה, האָט מען אונדז אויסגעטיילט צו אַ פּערטל ברויט מיט הונדערט גראַם „פּאַשטעט", כמו לעבערוואורשט. אַלע

האָבן דאָס באַלד איינגעשלונגען. מען האָט אונדז באַפוילן אָנידער־זעצן זיך אויף דער ערד. אַצינד האָבן נאָך מער פּראָזשעקטאָרן אונדז באַלויכטן. נאָכן אָפּזיצן איבער אַ שעה צייט, האָט מען אונדז געפירט צו די וואַגאָנען.

מען האָט אונדז אַריינגעצײלט צו אַכציק מאַן אין אַ פראַכטוואַגאָן. עס איז געווען אַזאַ ענגשאַפט, אַז ס׳איז נישט געווען וואו צו זיצן. די טירן זיינען געווען צוגעמאַכט. מען האָט נישט געקענט אָטעמען. מ׳האָט זיך געבאָדן אין שווייס. דאָס איז געווען אַ צוג מיט עטלעכע טויזנט יידן, וואָס זיינען געשיקט געוואָרן פון אוישוויץ אויף אַרבעט קיין דייטשלאַנד. די היץ אין די וואַגאָנען האָט געברענט און קיין וואַסער האָט מען אונדז נישט געגעבן. דאָך האָט די פאַרמאַטערטקייט גובר געווען און מיר זיינען איינגעשלאָפן, איינגעפּרעסט איינער אין אַנדערן.

ווען מיר זיינען אויפגעקומען, איז שוין געווען טאָג. מיר זיינען שוין געווען אין דייטשלאַנד. די וואַגאָנען פון אונדזער טראַנספּאָרט זיינען אָפּ־געטשעפּעט געוואָרן אין ברוינשוויג. דאָ האָט מען אונדז אַראָפּגעלאָזט. די אַנדערע טראַנספּאָרטן זיינען געפאָרן קיין האַמבורג, האַנאָווער און אין אַנדערע ערטער.

אין אַנדערע קאַצעטן

עס האָבן אונדז אָפּגעוואַרט עס־עס־לייט מיטן אָבערשאַרפירער. עס זיינען אָנגעקומען עטלעכע לאַסטאויטאָס. מען האָט אונדז אָנגעלאָדן און געפירט אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער אַרום ברוינשוויג. עס איז אויס־געקומען דורכצופאָרן אַ גרויסן טייל פון דער שטאָט. אַלע גאַסן זיינען געווען צעבאָמבאַרדירט. עס זיינען אומעטום געלעגן אויסגעלייגט אין אָרדענונג בערג מיט פענצטערס, טירן און ברעטער פון צעשמעטערטע הייזער. די גאַנצע שטאָט איז אַ גרינער גאָרטן מיט ווענט פאַר פוסגייערס און שמאָלע וועגן צו פאָרן מיט וועלאָסיפּעדן. אומעטום זעט מען איינ־געגנג צו אונטערערדישע וואוינונגען. קיינער וואוינט נישט דאָ אין אַ הויז, נאָר אין גריבער. מען קאָכט נישט, מען אַרבעט אין די פאַב־

ריקן פון „ביסינג נאַג", וואו עס זיינען דאָ אַלגעמיינע קיכן, וואו אַלע ווערן געשפּייזט. די פאַבריקן שטעלן צו מיליטערישע לאַסטאויטאָס. צו דער דאָזיקער פירמע זיינען מיר געוואָרן צוגעשטעלט פון דער געשטאַפּאָ, וואָס האָט גענומען באַצאָלט פאַר אונדזער אַרבעט.

מען האָט אונדז געבראַכט אין אַ נאָר־וואָס אויפגעבויטן קאָנצ־לאַגער. מיר האָבן נאָך דאָ געטראָפן עטלעכע אַרבעטערס, וואָס האָבן געענדיקט אַ באַראַק. דאָס זיינען געווען געפאַנגענע איטאַליענער. איבער גאַנץ דייטשלאַנד זיינען שוין דעמאָלט נישט געווען קיין דייטשע אַרבע־טערס, אויסער זקנים. אַלע דייטשן זיינען מאָביליזירט און איבער גאַנץ דייטשלאַנד אַרבעטן שקלאַפן, געפאַנגענע אין גאַנץ איראָפּע, און קאָצעטן־שקלאַפן, אָן באַצאָלט פאַר זייער אַרבעט.

מען האָט אונדז געגעבן וואַסער צו טרינקען און מיר האָבן זיך אָנגעפּאָיעט ווי פערד און נישט געקענט שטילן דעם דאָרשט פון דער פיינלעכער היץ אין די וואַגאָנען.

דאָ, אין דעם לאַגער, זיינען מיר געווען צוויי טעג און צוויי נעכט. מיר זיינען געשלאָפן אויף „פּריטשעס". מען האָט אונדז נישט געשלאָגן. די פירמע „ביסינג־נאַג" האָט אונדז אַריינגעשיקט די זעלביקע שפּייז פון דער זעלביקער קיך, וואָס פאַר אירע אַלע אַרבעטערס. די פירמע האָט זיך גענייטיקט אין אונדזערע הענט. די געשטאַפּאָ האָט אונדז איר נאָר אויסגעבאָרגט.

דער לאַגער־עלטסטער דאָ איז אַ דייטש, אַ גלח, וואָס די נאַציס האָבן אים פאַרשיקט אין קאַצעט. ער האָט געטראָגן קאַצעטקליידער. אין די צוויי טעג האָט ער אונדז נישט צו פיל געפּייניקט. באַלד דעם ערשטן טאָג האָט ער געגעבן אַ באַפעל: „אַלע זאָלן זיין אָפּראַזירט ביז פיר נאָך מיטאָג. ווער עס וועט נישט אויספירן דעם באַפעל, וועט באַשטראָפט ווערן!"

מיר האָבן אים געפרעגט: „ווי אַזוי קענען מיר זיך אָפּראַזירן, אַז מיר האָבן נישט מיט וואָס?"

האָט ער געענטפערט: „דאָס גייט מיך נישט אָן! באַפעל — איז באַפעל!"

די האָר פון קאָפּ האָט מען אונדז טאַקע אָפּגעשוירן און די האָר פון לייב אָפּגעראַזירט באַלד דעם ערשטן טאָג אין אוישוויץ, אָבער נישט דאָס פּנים, זיינען מיר שוין געווען באַוואַקסן, זינט מען האָט אונדז אַרויסגעפירט פון לאָדזשער געטאָ. מיר האָבן צופעליק געפונען אין מיסט

עטלעכע ראַזיר־מעסערלעך, און אַ פריזירער, פּיק, האָט אונדז אַלעמען אָפּגעראַזירט.

צו מאָרגנס אין דער פרי, נאָכן פרישטיק, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ שטיקל שוואַרץ ברויט מיט אַ לעפעלע מאַרמעלאַדע און שוואַרצער ביטערער קאַווע, זיינען אָנגעקומען עטלעכע גרויסע ליידיקע לאַסט־אויטאָס מיט עטלעכע עס־עס. מען האָט אונדז אויפגעלאָדן און מיר זיינען געפאָרן. מיר האָבן נישט געוואוסט וואוהין מען פירט אונדז. מיר זיינען אַרויסגעפאָרן פון ברוינשווייג און זיך געשלעפּט אַ לענגערע צייט דורך פוסטע פעלדער. עס איז אונדז באַפאַלן אַ מורא. מיין געוועזענער קערנאָווניק אין דער פאַבריק אין לאָדזשער געטאָ, וואָס האָט זיך דאָרטן געלעבט ווי אַ מלך און וואָס האָט מיך געשטעלט אויף דער ליסטע צו שיקן אין גאַזקאַמער אַריין, איז דאָ אַצינד געזעסן איינגעפּרעסט אין ענגשאַפט, נישט ווייט פון מיר. ער האָט געזאָגט מיט שרעק: „אפשר פירן זיי אונדז אַצינד אין אַ וויסטעניש אומצוברענגען?" מיר האָבן מיט אים מסכים געווען.

נאָך איבער צוויי שעה שרעק האָבן מיר דערזען אַ יישוב. מיר זיינען אַריינגעקומען אין אַ דאָרף מיטן נאָמען וועשעלד. דאָרטן איז געווען אַ גרויסע פאַבריק, אַן אָפּטיילונג פון ביסינג־נאַג. דאָ האָט מען אויסגעאַרבעט רעדער פאַר מיליטערישע לאַסטאויטאָס. פאַר דער וועלט האָט עס געהייסן אַ „וועבעריי־פאַבריק".

מיר זיינען אַראָפּ פון די אויטאָס אין הויף פון פאַבריק. דאָ האָט שוין אויף אונדז געוואַרט דער אָבערשאַרפירער, אַ חיהשער נאַצי, מיט נאָך עס־עס־מענער. ער האָט אונדז אָפּגעציילט און געפרעגט: „ווער איז אַ פּוילישער ייד?" האָבן אַרום 90 פּראָצענט אויפגעהויבן די הענט. „ווער איז אַן אונגאַרישער ייד?" האָט אַ קליינע צאָל אויפגעהויבן די הענט. האָט ער געפרעגט: „ווער איז אַ דייטשישער יודע?" האָבן נאָר פיר אויפגעהויבן די הענט. אַ טאַטע מיט צוויי זין און אַ דאָקטער. ער האָט זיי געפרעגט: „פון וועלכע שטעט אין דייטשלאַנד?" דער פאָטער האָט געזאָגט: איך בין געבוירן אין פוילן און מיינע קינדער אין דייטשלאַנד. מיר האָבן געלעבט אין האַמבורג". דער דאָקטער האָט געזאָגט: „איך בין קיין אָסט־יודע. איך בין אַ בערלינער".

דער אָבערשאַרפירער האָט די דייטשע און אונגאַרישע יידן געוואָלט מאַכן פאַר די פירערס איבער די פּוילישע יידן. אַזוי האָבן די דייטשן אומעטום געטאָן: זיי האָבן געוואוסט, אַז די יידן פון איין לאַנד

האָבן נישט ליב די יידן פון אַ צווייט לאַנד, אַז זיי האָסן זיך ממש; די דייטשישע און אונגאַרישע יידן זיינען געווען פולשטענדיק אַסימילירט און די פּוילישע זיינען געווען פאָלקסטימלעכע יידן. די פּאָליטיק פון די נאַציס איז געווען צו שאַפן אַזעלכע באַדינגונגען, אַז יידן זאָלן זיך אַרומרייסן און איין ייד זאָל שלאָגן דעם צווייטן. אַזוי, למשל, איז געווען אין מיין בלאָק נומער 12 אין אוישוויץ, וואו זיי האָבן אַריינגעלאָזט טויזנט צוויי הונדערט יידן פון לאָדזשער געטאָ. זיי האָבן פריער איינגעשטעלט אַן אַדמיניסטראַציע פון בלויז אַסימילירטע אונגאַרישע יידן, וואָס האָבן געהאַסט פּוילישע יידן. זיי האָבן אויף אונדז געקוקט מיט ביטול און אונדז געפּייניקט. האָט ער דאָס זעלביקע געוואָלט דאָ איינפירן, אָבער ער האָט נישט געהאַט די פּאַסיקע מענטשן.

דער אָבערשאַרפירער האָט אויסגעטיילט די נעמען לויט די פאַכן, וואָס זיינען מיטגעשיקט געוואָרן פון אוישוויץ. די וואָס זיינען נישט געווען קיין מעטאַל־אַרבעטערס אָדער מעכאַניקערס האָט ער אויסגעלייענט די לעצטע און ער האָט געזאָגט: „איר וועט זיין טראַנספּאָרט־אַרבעטערס״, ד״ה, טרעגערס. מיך האָט ער אויסגעלייענט פון די לעצטע. אַזוי ווי מיין נאָמען בריקס שרייבט זיך אין פּויליש מיט אַן איפּסעלאָן, האָט ער בשום אופן נישט געקענט איבערלייענען מיין נאָמען, און האָט עטלעכע מאָל איבערגעחזרט: „ברוקי! ברוקי!״ מיין אינטואיציע האָט מיך נישט געלאָזט זיך אָפּרופן. האָט ער פאַרשטאַנען, אַז אויף ברוקיס אָרט איז דאָ געקומען אַן אַנדערער, האָט ער געלייענט די ווייטערדיקע נעמען. איך בין געבליבן שטיין צווישן די לעצטע צוועלף, צווישן אונדז עטלעכע ייגנלעך. האָט ער געזאָגט: „איר וועט אַרבעטן אין דער קיך און זויבער מאַכן דעם בלאָק״. מיין אינטואיציע האָט מיך נישט אָפּגענאַרט: די טראַנספּאָרט־אַרבעטערס האָבן צוועלף שעה אין טאָג, ביי שוידערלעכן הונגער, געמוזט הייבן די שווערסטע משא, אַראָפּלאָדן און אַרויפלאָדן אויף די לאַסטאויטאָס. זיי זיינען פאַרפּייניקט געוואָרן צום טויט. איך בין געווען זייער שוואַך און געהאַט אַ מאָגן־געשוויר, וואָלט איך שנעל אומגעקומען.

זעקס פאַר נאַכט האָט מען אונדז אַלעמען אַריינגעפירט אין פאַבריק, אויסער די, וואָס זיינען באַשטימט געוואָרן צו אַרבעטן אין קיך און ריין מאַכן דעם בלאָק. איך האָב עפּעס מורא געהאַט צו בלייבן אין לאַגער, כאָטש איך בין צוגעטיילט געוואָרן צו אַרבעטן אין קיך. איך האָב גאָרנישט געגלייבט, אַז מיר קען באַשערט זיין אַזאַ גליק: נישט צו הונגערן;

איך האָב דאָך כסדר געהונגערט די אַלע יאָרן, פון ערשטן טאָג אָן, זינט עס איז אויסגעבראָכן די מילחמה — ביז איך מיטגעגאַנגען אין פאַבריק אַריין.

אויפגענומען האָט אונדז דער הויפּטמייסטער פון דער פאַבריק: אַן עלטערער, הויכער, שלאַנקער דייטש מיט אַ לענגלעך פּנים און בלויע אויגן. מען האָט אים גערופן מייסטער וועשער. ער האָט נישט געשריגן, נאָר גערעדט שטיל און רואיק. זיין פּנים האָט געזאָגט, אַז ער איז אַ גוטער מענטש. ער האָט גענומען פון אונדז גרופּעס פון צען, יעדערן געפרעגט וואָס פאַר אַ פאַכמאַן ער איז און צוגעפירט צו די פּרייז־מאַשינען, בויער־מאַשינען און טאָקער־מאַשינען, אַוועקגעשטעלט לעבן דעם אַרבעטער, וואָס האָט באַדינט די מאַשין, און געזאָגט: „לערן אים אויס אַרבעטן אויף דער מאַשין".

די אַרבעטערס ביי די מאַשינען זיינען געווען געפאַנגענע פון אַלע לענדער אין אייראָפּע, וואָס די דייטשן האָבן אָקופּירט. דאָס זיינען געווען קוואַליפיצירטע באַלמעלאָכעס. זיי האָבן פאַרנומען די פּלעצער פון די דייטשן, וואָס זיינען מאָביליזירט געוואָרן. אַצינד האָבן מיר, יידן, גע־דאַרפט פאַרנעמען זייערע פּלעצער און זיי האָבן באַדאַרפט פאַרנעמען די פּלעצער פון די מאָביליזירטע דייטשן אין אַנדערע פאַבריקן. די דייטשן האָבן אונדז טאַקע געגעבן צוויי וואָכן צייט זיך אויסצולערנען די אַרבעט, אָבער מיר — כאָטש אויסגעפּייניקטע פון לעבן אין געטאָ און דערנאָך אוישוויץ — האָבן באַלד געכאַפּט די תורה. די דייטשע מייסטערס האָבן געשטוינט פון אונדזערע פעאיקייטן. דאָס זעלביקע די אַנדערע אַרבע־טערס, מחמת „זיי האָט מען געלערנט וואָכן לאַנג", האָבן זיי אונדז דער־ציילט.

נאָך עטלעכע טעג האָט מען זיי אַרויסגענומען פון דער פאַבריק און מיר יידן האָבן איבערגענומען די מאַשינען און אַרויסגעגעבן די זעלביקע פּראָדוקציע. עטלעכע טעג שפּעטער האָט איין ייד אַרויסגע־געבן מיט פערציק פּראָצענט מער וויפל ער האָט געמוזט — אַלע דייטשע מייסטערס האָבן דאָס באַוואונדערט. דער קאָמענדאַנט פון די עס־עס האָט אים פאַרגעשטעלט פאַר אונדז בעתן אַפּעל און געהאַלטן וועגן אים אַ רעדע, אונדז געהייסן זיך אַראָפּנעמען פון אים אַ ביישפּיל און אים באַ־לוינט מיט נאָך אַ זופּ.

איך האָב מיך נישט געאיילט צוצוגיין צום מייסטער וועשער, ווייל כ'האָב פאַרשטאַנען, אַז מען אַרבעט ביי אַ מאַשין, מוז מען אַרויסגעבן

א נאַרמע און איך בין דאָך שוואַך און קראַנק. עס שטייט אַ לאַנגע ריי מאַשינען און יעדע מאַשין נעמט איבער דאָס שטיקל פון דער מאַשין, וואָס שטייט ביי איר רעכטער זייט, און טאָמער האָט איין מאַשין נישט אויסגעענדיקט דאָס שטיקל אין צייט, בלייבן אַן אַרבעט אַלע ווייטערדיקע מאַשינען. האָב איך אַזוי אויסגעמאַרקירט, אַז ער זאָל מיך נעמען דעם לעצטן. ווען ער האָט שוין אַלע געהאַט צוגעטיילט צו אַן אַרבעט, איז ער צו מיר צוגעקומען, מיך אָנגעקוקט מיט אַ מילדן בליק און געזאָגט: „איך האָב שוין נישט קיין מאַשין פאַר איך, וועט איר פירן שפּענער".

דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל אין דער מילחמה־צייט, וואָס אַ דייטש האָט צו מיר גערעדט מענטשלעך. ער האָט מיך איבערגעגעבן צו אַן אַלטן דייטש. דער האָט מיך צוגעפירט צו עטלעכע מעטאַלענע פיר־עקיקע וועגעלעך אויף פיר רעדלעך, מיך געהייסן נעמען איינס פון זיי. איך האָב עס אָנגענומען ביים דישל, האָט ער מיך געהייסן אָוועקנעמען די מעטאַלענע „וויוכקעס" פון אַרום די מאַשינען, וואָס פאַלן אַראָפּ פון אונטערן מעסער ביים אויסשניצן די טיילן פאַר די רעדער צו די לאַסט־אויטאָס. ער האָט מיך געהייסן אָנלאָדן אַ פול וועגעלע מיט דער ווידלע (גאָפּל), וואָס איז געווען אין וועגעלע. איך האָב אַזוי געטאָן. ער איז גע־גאַנגען און איך הינטער אים מיטן וועגעלע. ער האָט מיך צוגעפירט צו אַן אָרט, וואו אָפּצולייגן די שפּענער.

מיר האָבן היינט באַקומען צו עסן פון דער פירמע „ביסינג נאַג" דאָס זעלביקע, וואָס אַלע אַרבעטערס פון דער פאַבריק, ווייל די פירמע האָט זיך אין אונדז געניי̆טיקט. מיטיק האָבן מיר באַקומען אַ געדיכטע זופּ, גע־קאָכט מיט קאָנסערווירט פלייש. איך בין שוין געווען אָפּגעוואוינט פון עסן, איבער הויפּט פון אַ פליישיק מאָלצייט, האָט עס מיך געיאָגט, און אַרויספאָרן מיטן וועגעלע האָב איך נישט געטאָרט — צו וואָס זאָל איך מיך דאָ אַרומדרייען אַ גאַנצע נאַכט? בין איך אַרויסגעגאַנגען אויפן הויף און געזאָגט צום אַלטן עס־עס־מאַן, וואָס האָט דאָ געהאַלטן וואַך מיט אַ ביקס: „הערן פאַסטן, איך האָב דורכפאַל. ביטע ערלאַובען זי מיך צו גיין שלאָפען". האָט ער מיך דערלויבט.

געשלאָפן זיינען מיר אין לאַגער עטלעכע טריט פון פאַבריק — אין אַ הויכן גרויסן זאַל, צו צוויי אויף אַ שמאָלער פּריטשע. די פּריטשעס זיינען געווען דריי־שטאָקיקע. איך בין געשלאָפן אויפן דריטן שטאָק, צוזאַמען מיט יחיאל פוקס. ער איז דערצויגן געוואָרן אין לאָדזשער „השומר הצעיר" און האָט פלייסיק גערעדט העברעאיש מיט דער ספרדי־

שער הברה. ער איז געווען פון מיטעלן וואוקס, פעסט געבויט, מיט אַן אײַזערנעם קאָפּ; האָט געהאַט אַ סך געלייענט און אַלץ געדענקט, ליב געהאַט אַ סך צו רעדן און וועגן אַלעמען אין דער וועלט: נישט נאָר פון פּאָליטיק, ליטעראַטור און קונסט, נאָר אַפילו וועגן אַלערליי אויטאָמאָבילן. שטענדיק איז ער געווען דער ראש המדברים. אין לאָדזשער געטאָ האָט יחיאל פוקס מיטן כּוח פון זיין פּאַרטיי געאַרבעט אין אַ פּאַלקס־קיך.

דאָס האָט פוקס מיר דערציילט, ווען ער האָט געזען, אַז איך קען אַפילו נישט אויפעסן די אייגע זופּ, וואָס מען טיילט צו. שטענדיק האָב איך אים געגעבן דאָס פּערטל טייל זופּ, וואָס כ'האָב איבערגעלאָזט. ער האָט געזאָגט: „אַז דו ביסט אַזאַ קליינער עסער, טאָרסטו נישט אַרבעטן אין אַ קיך". איין־און־איינציק מאָל האָט ער מיר געגעבן אַ האַלב עפּעלע, וואָס ער האָט באַקומען פון אַן אויסלענדישן אַרבעטער. איינער, יאַקובאָוויטש, האָט מיר געהאַלטן אין איין זאָגן: „פאַר וואָס גיסטו אַוועק די זופּ? איך וועל עס ביי דיר קויפן פאַר ברויט". איך האָב נישט פאַר־שטאַנען צו האַנדלען מיטן ביסל עסן. אָבער שפּעטער, ווען איך האָב צוליב מיין געשוויר אין מאַגן נישט געקענט עסן ס'שטיקל ברויט, וויל עס האָט מיך געאיבלט, האָט מיר יאַקובאָוויטש געברענגט אַ ציבעלע. פאַר דעם האָב איך אים געגעבן ס'ביסל זופּ. די ציבעלע איז פאַר מיר געווען די אמתע רפואה. עס האָט אָפּגעשטעלט דאָס איבלען און מיט דער ציבעלע האָב איך געקענט אויפעסן ס'שטיקל ברויט. פון דעמאָלט אָן האָב איך יאַקובאָוויטשן פאַרקויפט די זופּ פאַר ציבעלעס. ער פלעגט איינשטעלן זיין לעבן און זיך אַריינגנבענען אין דערבייאיקן גאָרטן און אויסרייסן ציבעלעס.

אין דער פרי האָבן מיר אין פאַבריק, פּונקט ווי די דייטשן, אָבער אָפּגעזונדערט, באַקומען: צו עטלעכע שטיקלעך טונקל ברויט, גוט אָנגעשמירט מיט מאַרמעלאַדע און שוואַרצער אומגעצוקערטער „קאַווע" פון געברענטן גערשטן; אויף מיטיק האָבן מיר באַקומען אויך דאָס זעל־ביקע וואָס די דייטשן: אַ פולן ליטער קרעפּטיקע זופּ, געקאָכט מיט קאָנסערווירט פליש; און פאַר נאַכט: ווידער צו עטלעכע שטיקלעך ברויט מיט מאַרמעלאַדע מיט שוואַרצער אומגעצוקערטער „קאַווע". מיר זיינען צו דעם צוגעפאַלן ווי אויסגעהונגערטע ווילדע חיות. מיר האָבן נאָך גוט געשפּירט דעם טעם פון שרעקלעכן הונגער אין לאָדזשער געטאָ און אין אוישוויץ.

די דייטשן האָבן טאַקע אויף אונדז געקוקט ווי אויף ווילדע חיות: צו דער משונהדיקער קליידונג האָט מען אונדז אויך אין מיטן קאָפּ, פון שטערן ביז דעם נאַקן, אויסגעשוירן אַ וועג מיט אַ מאַשינדל. פון ביידע זייטן זיינען די האָר געוואַקסן, האָבן זיי דאָס אָנגערופן „לויזע שטראַסע". דאָס האָט אונדז געמאַכט אויסזען ווי משוגעים. זיי האָבן אויך געמיינט, אַז מיר זיינען פאַרברעכערס, ווייל מיר האָבן געטראָגן קאַצעט־מונדירן און מיר זיינען דאָך געבראַנגט געוואָרן פון אוישוויץ. האָבן מיר זיי דערציילט, אַז מיר האָבן פאַר דער מילחמה געלעבט אַ נאָרמאַל לעבן און אַז מיר האָבן פיר־און־אַ־האַלב יאָר געהונגערט אין לאָדזשער געטאָ, געמוזט אַרבעטן און אַרויסגעבן פּראָדוקציע. צום סוף האָט מען אונדז געזאָגט, אַז מיר פאָרן אויף אַרבעט קיין דייטשלאַנד און מען האָט אונדז פאַרשיקט קיין אוישוויץ.

פאַר די יידן האָט מען אויסגעבויט אַ ספּעציעלע קיך. דער אָבער־שאַרפירער — אַן עס־עס־מאַן מיט אַ הויכן ראַנג — איז געקומען צום אויסטיילן מיטאָגן. דאָס איז געווען אַ שלעכטער סימן. ער איז געווען אַ חיהשער אַנטיסעמיט: ער האָט געהאַלטן אין איין זידלען די יידן. נאָך דעם אויסטיילן די זופּ, פלעגט בלייבן אַ פערטל קעסל זופּ, האָט דער בלאָקעלטסטער, הערמאַן, וואָס האָט געטראָגן אויף זיין קאַצעט־אַנצוג אַ גרינעם דריי־עקיקן צייכן — אַ סימן, אַז ער איז אַ קרימינעלער פאַר־ברעכער — אויסגעשריגן: „יונגע! ווער עס האָט שוין אויפגעגעסן, זאָל זיך שטעלן אין דער ריי נאָך ׳נאַכשלאַג׳ (צוגאָבזופּ)". עס האָט זיך באַלד געשאַפן אַ לאַנגע ריי מיט שיסל־און־לעפל אין די הענט. דאָס איז געווען אויפן פאַבריקהויף. הערמאַן האָט אויסגעטיילט צו ביסלעך זופּ אַן ערך צען מענטשן. דער אָבערשאַרפירער איז צוגעגאַנגען צו דער ריי. פון שרעק האָבן אַלע זיך באַמיט צו שטיין אין אָרדענונג. דער דייטש האָט זיך אויף זיי צעשריגן היסטעריש: „פאַרפלוכטע זאַו־יודען! צוויי מאָל ווילט איר פרעסן?! איר שטינקזעקע! שייסע! וועק פון היער! פערשווינדט!"

צו מאָרגנס האָבן מיר שוין נישט באַקומען צו עסן פון דער פירמע ביסינג נאָג, ביי וועמען מיר האָבן געשקלאַפט, נאָר פון דער קיך, וואָס איז ספּעציעל געשאַפן געוואָרן פאַר אונדז יידן. מען האָט שוין מער נישט אויסגעטיילט אויפן הויף, נאָר אין בלאָק, וואו עס זיינען געשטאַנען דריי־שטאָקיקע פּריטשעס, אויף וועלכע מיר זיינען געשלאָפן; די פּאָרציעס ברויט זיינען געווען קלענער און געמיינער און די זופּ איז פון טאָג־צו־טאָג געוואָרן פאָסנער און שיטערער.

די ווילדע חיה

דער דייטשער אויפזעער הערמאַן האָט ביים אויסטיילן די זופּ יעדערן אָנגעקוקט מיט בייזע בליקן: איינעם האָט ער געגעבן דאָס געדיכטע פון באָדעם פון קעסל, איינעם — האַלב שיטער, איינעם — בלויז וואַסער. אינעווייניק אין בלאָק האָט זיך צעשפּילט זיין סאַדיזם. ער האָט ביי יעדער מאָל אויסטיילן די זופּ אַזוי מאַנעווירט, אַז עס זאָל אים בלייבן אַ האַלבער קעסל זופּ און ער האָט אַ ביל געטאָן: „יונגען, יונגען, נאָכשלאַג!" הונגעריק זיינען דאָך אַלע געווען: האָט זיך שנעל אויסגעשטעלט אַ ריי, מיט שיסל און לעפל אין די הענט. ביי הערמאַנען האָט יעדער געמוזט אָנלעגן דאָס שיסל אויפן זוים פון קעסל און אַזוי האָט ער אַריינגעגאָסן די זופּ. עטלעכע האָט ער אַריינגעגאָסן צו ביסלעך זופּ, דערנאָך האָט ער מיט דעם אייזערנעם „טשערפּאַק" (שעפּלעפל) געשפּאָלטן קעפּ, שרייענדיק היסטעריש: „פאַרפלוכטע יודען! שייס־זעקע!"

הערמאַן און די עס־עס, וואָס האָבן אונדז געהיט, האָבן געהאַט די אויפזיכט איבער דער קיך. דער פעלדפעבל, אַ הויכער, ברייטפּלייציקער, אויסגעפּרעסענער דייטש, אַ חיהשער יידן־פיינד, האָט געהאַלטן דעם שליסל פון מאַגאַזין, וואו עס איז געלעגן די שפּייז פאַר אונדז; די עס־עס האָבן דאָ געהאַט אַן אייגענע קיך, האָבן זיי צוגעגנבעט אונדזער שפּייז פאַר זייער קיך און האָבן אויך אַהיימגעשיקט שפּייזפּעקלעך צו זייערע קרובים. זיי האָבן אויך געגנבעט פון אונדזער צוגעטיילטן שטיקל ברויט. אַזוי האָבן מיר וואָס אַ מאָל שטאַרקער געהונגערט און מיר האָבן אָבער געמוזט אַרויסגעבן די פּראָדוקציע פון די רעדער צו די מיליטערישע לאַסטאויטאָס, וואָס זיינען אַציגד געשיקט געוואָרן אויפן „אָסט"־פראָנט.

הערמאַן, וואָס האָט געהאַט די אומבאַגרענעצטע מאַכט איבער אונדז, יידישע שקלאַפן, האָט געפרעסן ווי אַ ווילדע חיה אויף אונדזער חשבון און זיך אויסגעפּאַשעט אַזוי ווי אַ בער. ער איז אויך געווען הונגעריק סעקסועל. קיין פרויען זיינען דאָ נישט געווען. עטלעכע טאַטעס איז געלונגען מיטצוגראַטעווען מיט זיך זייערע יונגע ייִנגלעך (דאָס איז געווען אַן אויסרעכענונג פון די דייטשן), די קינדער האָבן דאָ געשקלאַפט ביי די מאַשינען. געלב, ווי דערצײלט פריער, האָט דאָ מיטגעראַטעוועט זיין צוועלף־יאָריקן זון, פינעק. ער איז געווען שיין. הערמאַן האָט געהאַט אַן אָפּגעזונדערט שטיבעלע אין אַ ווינקל פון זאַל, וואו מיר זיינען געשלאָפן; אין מיטן דער נאַכט פלעגט מען הערן, ווי הערמאַן רופט שרייענדיק:

„פינעק! פינעק!‟ און פינעק האָט געמוזט צו אים קומען, אויב נישט וואָלט ער אים דערהרגעט. הערמאַן האָט שוין געזען, אַז פינעק זאָל נישט הונגערן.

דער הונגער האָט אונדז געפּייניקט אַלץ שטאַרקער, ווייל מען האָט דאָך אַפילו אונדז נישט געגעבן דעם הונגער־צוטייל, וואָס די געשטאַפּאָ האָט פאַר אונדז אַריינגעשיקט. מיר האָבן אַרויסגעגעבן די אָנגעוויזענע פּראָדוקציע, האָבן טייל דייטשע מייסטערס רחמנות געהאַט אויף זייערע אַרבעטערס און האָבן פאַר זיי געבראַנגט צוקעררייבן פון די פעלדער און אונדז געגעבן, אַז קיינער זאָל נישט זען. דער עטלעכע־זיבעציק יאָריקער דייטש, מיין אויפזעער, איז געווען אַ גרויסער אַנטיסעמיט. אַז ער האָט באַמערקט אַ ייד עסן אַ פּיצל צוקעררייב, האָט ער פאַרשריבן זיין נומער. דער נומער איז געווען אויפגעשריבן אויף אַ ווייס פּאַסיקל מיט שוואַרצער טינט, אָנגענייט אויף דער לינקער ברוסט פון פּאַשאַק. מיר האָבן געהערט צום קאָנצענטראַציע־לאַגער נויגאַמע, נישט וויט פון האַמבורג. פון דאָרטן האָט מען צוגעשיקט אַ בלעכענעם נומער פאַר יעדן, וואָס מען האָט שטענדיק געמוזט טראָגן אויף דער ברוסט, אָנגעהאָנגען אויף אַ שטריקל איבערן האַלדז. מיין נומער איז געווען 50763. דעם פאַרשריבענעם נומער פלעגט דער אַלטער דייטש איבערגעבן דעם מערדער הערמאַן.

אויף דער נאַכט, נאָכן אָפּאַרבעטן צוועלף שעה, זיינען מיר, פון טאָגשיכט, אַריינגעקומען אין בלאָק. מיר האָבן זיך אויסגעשטעלט צו פינף רייען אויפן אַפּעל. דער עס־עס־קאָמענדאַנט האָט אונדז אָפּגעציילט און איז אַוועקגעגאַנגען.

אויסגעמאַטערטע און הונגעריקע, האָבן מיר מיט אומגעדולד געוואַרט, מען זאָל אונדז צוטיילן ס׳שטיקל ברויט צו דערכאַפּן ס׳האַרץ און מען זאָל זיך קענען אַנידערלייגן, אָבער הערמאַן בילט אויס: „נומער 50641 זאָל אַהערקומען צו מיר, כדי אַלע זאָלן אים זען!‟

דער ייד איז אַרויס פון דער ריי און איז צו אים צוגעגאַנגען. ער איז געווען פון העכערן וואוקס. זיינע טריט מיט די טרעפּעס האָבן געקלאַפּט אויף דעם שטיינערנעם דיל. ער האָט געאַרבעט אויף אַ טאָקערמאַשין און אַרויסגעגעבן די פולע פּראָדוקציע. קיינער פון אונדז האָט נישט געוואוסט, וואָס הערמאַן וויל פון אים. הערמאַנס אויסגעפּאַשעט פּנים האָט איראָניש געשמייכלט. קוקנדיק דעם ייד אין די אויגן, האָט ער געפרעגט: „דו האָסט היינט געגעסן צוקעררייבן?!‟ פון גרויס שרעק

האָט דער ייד נישט געקענט ענטפערן. הערמאַן האָט געשריגן מיט רציחה: „דו שטינקזאַק! ווען מען גיט דיר אַ צוקערריב, טאָרסט דו עס נישט נעמען! בלייב דאָ!" ער איז אַריינגעלאָפן אין זיין צימער און באַלד צוריקגעקומען צו לויפן מיט אַ מעטאַלענער עלעקטרישער רער און מיט איר געשלאָגן מיט אַלע זיינע כוחות איבערן קאָפּ, פּלייצעס, הענט, פיס, בויך, ברוסט. ביי די ערשטע קלעפּ האָט דער קרבן געשוויגן, אָבער דערנאָך האָבן זיך פון די יסורים פון אים אַרויסגעריסן יאָמערלעכע געוואַלדן. ער איז אַנידערגעפאַלן אויף דער שטיינערנער פּאָדלאָגע. האָט זיך הערמאַן אַראָפּגעבויגן און אין אים אַריינגעהאַקט מיט דער רער מיט אויסרעכענונג אויף יעדן שטיקל פון קערפּער. דער ייד האָט זיך געוואָרפן אויף אַלע זייטן. הערמאַן האָט אים געשלאָגן אויפן איידלסטן אָרט: אין געשלעכט־אָרגאַן. עס האָט זיך פון יידן אַרויסגעריסן אַ יאָמער־לעכער קוויטש און ער האָט זיך איבערגעדרייט און געריטשעט זיך איבער דער גאַנצער לענג פון דער פּאָדלאָגע. הערמאַן איז אים נאָכגעלאָפן, שלאָגנדיק מיטן גאַנצן כוח נאָר אויף איין אָרט פון קערפּער — ס'איז געווען אַזאַ ספּאָרט ביי אים. דער קרבן האָט געשריגן און צוריק געריי־טשעט זיך אויף דער פּאָדלאָגע; הערמאַן האָט אים אַלץ נישט אָפּגעלאָזט. די רער האָט זיך צעבראָכן אויף דער העלפט, האָט ער אים אַצינד געשלאָגן מיט דער האַלבער רער, ביז ער אַליין איז מיד געוואָרן און נישט געקענט כאַפּן דעם אָטעם, האָט ער אים אָפּגעלאָזט. דער ייד איז דאָרטן געבליבן ליגן און יאָמערלעך געקרעכצט.

הערמאַן האָט זיך אַנידערגעשטעלט אין מיטן זאַל, אין אַ רעטאָרישער פּאָזע, און האָט געהאַלטן אַ רעדע: „יונגען, יונגען! שטינקזעקע! דאָס זעלביקע וועל איך טאָן צו יעדער איינעם פון אייך, וואָס וועט נישט זיין ערלעך! איר באַקומט גענוג צו פרעסן! איר דאַרפט נישט קיין צוקער־ריבן! איר האָט דאָ אַ סאַנאַטאָריע!"

ער איז אַריין אין זיין שטוב, אַרויסגעבראַכט אַ שיסל קאַלטע זופּ און זי צוגעטראָגן צום צעהרגעטן ייד: „נעם, עס". דער ייד האָט אויס־געשריען: „איך וויל נישט! איך וויל נישט עסן!" הערמאַן איז צוריק אַריין אין זיין שטוב.

דער קרבן האָט צו מאָרגנס אין דער פרי געמוזט זיין ביי דער מאַשין און אַרויסגעבן די אַנגעוויזענע פּראָדוקציע.

דער ייד האָט זיך צו די וואונדן צוגעלייגט קאָמפּרעסן מיט זיין אייגענער השתנה. דאָס איז געווען די איינציקע מעדיצין, וואָס ער האָט

דאָ געקענט האָבן. די רויטע וואונדן זיינען שפּעטער געוואָרן בלוי און דערנאָך שוואַרץ.

הערמאַן האָט איינגעשטעלט אַ מינהג יעדער אָוונט נאָכן אַפּעל אויסצורופן אַ נומער און אים באַשטראָפן מיט קלעפּ אָדער מיט שמיץ.

די ערשטע וואָכן

די ערשטע עטלעכע וואָכן פלעגן די יידישע נאַכטשיכט־אַרבע־טערס באַקומען אין מיטן נאַכט אַ זופּ צוזאַמען מיט די דייטשע מייסטערס, וואָס די פירמע „ביסינג נאַג" האָט אַריינגעשיקט, כדי מיר זאָלן קאָנען אַרויסגעבן די פּראָדוקציע. דער פריער דערמאָנטער יחיאל פוקס האָט געאַרבעט מיט מיר צוזאַמען נאַכטשיכט. פלעגט ער זיך אַריינשאַרן אין צימער, וואו עס פלעגן זיצן די מייסטערס אין צייט, ווען זיי האָבן אָנ־געשטעלט דעם ראַדיאָ צו הערן די נייעס. דערפאַר האָט אים געדראָט טויטשטראָף, אָבער זיין נייגעריקייט האָט באַזיגט די מורא. איין מאָל האָט אים אַן אַלטער זעלנער, וואָס מיר האָבן אים אַ נאָמען געגעבן „אברהם אבינו", געטראָפן ביי דעם „פאַרברעך", האָט ער אים געזאָגט: „איך מאַך מיך נישט וויסנדיק, אָבער טו דאָס נישט מער. ווען אַן אַנדערער וועט דיך כאַפּן ביי דעם, ביסטו קאַפּוט".

פוקסעס מייסטער פלעגט אים אויך אונטעררוקן אַן אויסגעלייענטע צייטונג. פוקס האָט זי פאַרשטעקט אונטערן העמד און ער האָט שוין געפונען אַ געלעגנהייט זי צו לייענען. ער האָט אונדז איבערגעגעבן די לעצטע נייעס, מיט זיינע אייגענע ביטחונדיקע קאָמענטאַרן. מיט דעם האָט ער מיר, און די עטלעכע, וועמען ער האָט דערציילט, ממש אַריינגע־זעצט אַ נייע נשמה.

אַזוי ווי מיר איז אויסגעקומען צו פאָרן מיטן וועגעלע איבער דער גאַנצער פאַבריק און אין יעדער אָפּטייל זיינען אויף ביידע זייטן געשטאַנען יידן, וואָס האָבן געאַרבעט ביי די מאַשינען, האָב איך מיך ביי יעדן אָפּגע־שטעלט אויף אַ ווײַלע און אים איבערגעגעבן גוטע נייעס. אויף זייערע פּנימער האָט מאָמענטאַל אויפגעשיינט אַ שמייכל פון ביטחון. אַזוי ווי

איך האָב געזען, אַז דאָס האַלט זיי אויף ביים לעבן, האָב איך אַליין אויס־געטראַכט גוטע נייעס און עס איבערגעגעבן מיינע ברידער־שקלאַפן.

פון צייט צו צייט איז אויך אין מיינע הענט אַריינגעפאַלן אַ צייטונג, אַ לאָקאַלע אויסגאַבע. יעדע שטאָט און יעדער שטעטל האָט געהאַט אַן אייגענע צייטונג: מיט די זעלביקע נייעס און מיט דער זעלביקער נאַצישער פּראָפּאַגאַנדע. אָנהייב מלחמה האָבן די דייטשן געזאָגט: „ביז די בלעטער וועלן פאַלן — וועט דער קריג זיין געענדיקט". דאָס האָט געהייסן: די מילחמה האָט זיך אָנגעהויבן האַרבסט און וועט זיך ענדיקן נאָך פאַר סוף־האַרבסט; די „יעקעס" האָבן דאָס געגלייבט. אָבער אַזוי ווי די מילחמה האָט זיך געשלעפּט לענגער, האָבן זיי אין אַלע צייטונגען געדרוקט אַ היס־טאָרישן „ראָמאַן" מיטן נאָמען „דער הונדערטיאָריקער קריג", וואָס האָט דערציילט, אַז דייטשלאַנד האָט אַ מאָל געפירט קריג הונדערט יאָר און דאָך האָט זי געזיגט; און אַ גרויסער טייל „יעקעס" האָט אַצינד אָנגעהויבן גלייבן, אַז די מילחמה וועט זיך נאָך פאַרציען לאַנגע יאָרן און זיי וועלן זיגן. מיין פאַראַרבעטער, וואָס פלעגט מיר יעדער טאָג זאָגן: „דער קריג איז באַלד פערטיק" און איז געוואָרן גוט צו מיר, האָט שוין אַצינד מיר יעדער טאָג געזאָגט: „דער קריג קען לאַנג דויערן", און ער האָט ווידער מיך געפּייניקט.

ווען איך בין פאַרטיק געוואָרן מיט דער אַרבעט אין מיין טייל פאַבריק, האָב איך מיך גענומען רייניקן אַ צווייטן טייל, כדי דייטשן, איבער הויפּט מיין פאַראַרבעטער, זאָלן מיך נישט זען ליידיק גיין, אָבער דאָס איז ביי אים אויך געווען אַן עבירה. ער איז צוגעקומען צו מיר און מיך געפרעגט: „פאַר וואָס אַרבעטסטו דאָ?" האָב איך אים געענטפערט: „איך האָב שוין דאָרט פאַרטיק געמאַכט און דאָ זיינען אָנגעלייגט פיל שפּע־נער, מאַך איך דאָ זויבער". ער האָט מיר גאָרנישט געענטפערט. ער האָט נאָר פאַרשריבן מיין נומער און איבערגעגעבן דעם בלאָקאָווע.

אין אָוונט, נאָך דעם אַפּעל, האָט דער בלאָקאָווע אויסגערופן: „נומער 50763 זאָל אַרויסטרעטן!" דאָס האָט ער געמיינט מיך. האָב איך מיך אָנגערופן: „איך!" און כ'בין אַרויס איין טריט פון דער ריי. איך האָב געפילט, אַז ס'איז אַ רחמנות אויף מיר ביי די עטלעכע הונדערט יידן, ווייל אַלע האָבן מיך געקענט ווי אַ דיכטער, ווי אַ רעציטאַטאָר און זינגער פון יידישע לידער, בעת מען ליגט אין דער פינצטער אין קעלער, בעת אַן אָנפאַל פון באָמבאַרדירערס און ווי אַ שליח פון גוטע נייעס. זיי האָבן שוין „געזען", ווי מען לייגט מיך איבער אַ באַנק און מען גיט מיר פערציק

שמיץ. די דאָזיקע וואַזשנע מלאכה טוען די דריי ברידער פֿון קאַליש, וואָס זיינען אַריינגעשיקט געוואָרן אין לאָדזשער געטאָ. איך אַליין וועל מוזן ציילן די שמיץ. טאָמער וועל איך מיך טועה זיין, וועל איך מוזן אָנהייבן פֿון ס׳ניי.

די דריי ברידער האָבן אַליין זיך געמאָלדן, מען זאָל זיי מאַכן פֿאַר אויפֿזעערס איבער אונדז. ווען מען האָט אונדז געבראַכט מיט דער באַן פֿון אוישוויץ, האָט אין מיין וואַגאָן דער עס־עס־מאַן אויסגעקליבן אַ ייד, וואָס האָט אויסגעזען קרעפֿטיק, אַז ער זאָל זיין דער אויפֿזעער איבער אונדז יידן אין דעם וואַגאָן. ער האָט זיך נישט געטאָרט אָפּזאָגן, אָבער ער האָט נישט געקענט זיך איזדעקעווען איבער אונדז. האָט דער עס־עס־מאַן אַ פֿרעג געטאָן אויפֿן הויכן קול: „ווער וויל פֿרייוויליק ווערן דער אויפֿזעער!" האָבן זיך די דריי ברידער צוגעשטעלט. איינער האָט געזאָגט: „מיר וועלן דאָס גוט מאַכן!" דער עס־עס־מאַן האָט זיי געמאַכט פֿאַר אָנפֿירערס.

ווען הערמאַן האָט אַצינד אויסגערופֿן: „וואו איז די פּראָמינענץ?" האָבן זיי זיך צוגעשטעלט. און זיי האָבן געקוקט צו דער שמייסבאַנק, גרייט זי אַנידערצושטעלן אין מיטן בלאָק. און איך האָב געטראַכט: מיין שוואַכער גוף וועט די שמיץ נישט איבערהאַלטן! איז דאָס מיין סוף? פּלוצעם האָט הערמאַן אַ געשריי געגעבן: „וואָס האָסטו געטאָן?" איך האָב געוואוסט, אַז כ׳בין קיין שום עבירה נישט באַגאַנגען, האָב איך אים געזאָגט אויף אַ רואיקן אופֿן, מיט אַן איבערצייגנדיקן טאָן: „איך האָב מער געאַרבעט ווי כ׳האָב געדאַרפֿט: ווען כ׳האָב פֿאַרטיק געמאַכט די אַרבעט אין מיין טייל, האָב איך דערנאָך ריין געמאַכט אַ צווייטן טייל — איז דאָס אַ זינד?" הערמאַן האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט: „גיין צוריק אויף דיין פּלאַץ!"

אַלע האָבן אָפּגעאָטעמט מיט פֿרייד.

* * *

די נאַכטשיכט האָט אַ סך ערגער געהאַט, ווי די טאָגשיכט. די ערשטע טעג פֿלעגט אונדז הערמאַן אויפֿוועקן איין שעה, איידער מען האָט גע־דאַרפֿט אַריינגיין אין פֿאַבריק איבערצונעמען די מאַשינען פֿון דער טאָגשיכט. מען האָט זיך אָפּגעוואַשן, מען האָט באַקומען אַ געדיכטערע זופּ, אויפֿגעגעסן, געשטאַנען אויפֿן אַפּעל, דער עס־עס־קאָמענדאַנט האָט אונדז איבערגעציילט און מען האָט אַריינגעמאַרשירט פּינקטלעך זעקס צו דער אַרבעט און געאַרבעט ביז זעקס אין דער פֿרי.

נישט שטענדיק איז עס אָבער צוגעגאַנגען אַזוי גלאַטיק. איין מאָל האָט הערמאַן אויפֿגעוועקט די נאַכטשיכט צוויי ביי טאָג און ער האָט אויס־

געבילט: „יונגען, יונגען, איר באַקומט שוין די זופּ! אויפשטיין און איינציען!" האָבן מיר זיך שנעל אָנגעטאָן מיט פרייד, כאָטש שפּעטער וועלן מיר מוזן גיין צו דער אַרבעט הונגעריקע, שטיין ביי די מאַשינען אַ גאַנצע נאַכט. הערמאַן האָט אונדז אויסגעשטעלט אין אַ ריי. איך בין געשטאַנען דער זעקסטער און „זיינע מענטשן" האָט ער אַוועקגעשטעלט די לעצטע. צווישן זיי איז אויך געווען געלב מיט זיין יינגל פּינעק. מיר איז דאָס געווען קשה. שטענדיק שטעלט ער די „פּראָמינענץ" — ווי ער האָט זיי גערופן — די ערשטע אין דער ריי און אַצינד גאָר די לעצטע?

מיר, אויסגעהונגערטע, האָבן געלעכצט, אַז מען זאָל שוין באַקומען אין די הענט אַריין די שיסל מיטן לעפל און צוגיין צום אויסטיילער ביים קעסל זופּ. דאָ האָט הערמאַן אַ פּראַל אויף געגעבן די טיר און אַ ביל געגעבן: „יונגען, יונגען, מאַרשירט אַריין! יעדער זאָל נעמען לויט דער ריי די זופּ!"

ווען מיר זיינען אַריינגעקומען, האָבן מיר געזען לאַנגע רייען שמאָלע בענק, אויף וועלכע עס זיינען געשטאַנען שיסלען זופּ אויף אַזאַ אופן: אין דער ערשטער ריי זיינען געווען האַלבע שיסלען מיט בלויז וואַסער פון דער זופּ; אין דער צווייטער ריי — דריי פערטל שיסלען בלויז וואַסער פון דער זופּ; די דריטע ריי — צו האַלבע שיסלען זופּ, פון וועלכער עס האָט אַרויסגעקוקט איין קאַרטאָפל; די פערטע ריי — האַלבע שיסלען זופּ, פון וועלכער עס האָבן אַרויסגעקוקט צווי קאַרטאָפל. וואָס אַ ווייטערדיקע ריי איז געווען אַ געדיכטערע זופּ. די לעצטע ריי איז נישט געווען קיין זופּ, נאָר אַ טשאָלנט — דאָס געדיכטע פון באָדעם פון קעסל.

אַזוי ווי מיר האָבן דאָס געזען, זיינען מיר ווי אויסגעהונגערטע ווילדע חיות געלאָפן צווישן די רייען צו כאַפּן די פולע שיסלען. מיט דעם האָבן מיר געבראָכן די דיסציפּלין און פאַר דעם האָט אונדז געדראָט, אַז מען זאָל אונדז דערשלאָגן צום טויט. ביי די הויך־אָנגעפילטע שיסלען זיינען באַלד אויסגעוואַקסן „קאַפּאָס" מיט שטעקנס אין די הענט. זיינען מיר צוריקגעלאָפן נאָך שטאַרקער צעווילדעוועט. קיינער האָט נישט גענומען קיין שיסל. הערמאַן איז געשטאַנען ביי דער טיר און געשמייכלט פון נחת. די „פּראָמינענץ" איז געשטאַנען הינטער אים. זיי מיט די „קאַפּאָס" האָבן שפּעטער אויפגעפרעסן די אַלע זופּן.

מיר זיינען צוריקגעגאַנגען אויף די פּריטשעס, אָבער פון אויפרעגונג האָבן מיר נישט געקענט שלאָפן. שפּעטער זיינען מיר געגאַנגען מיט אַ ניכטערן מאָגן אַרבעטן אַ גאַנצע נאַכט און אַרויסגעגעבן די פּראָדוקציע.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט זיך מיר איינגעגעבן ווידער אַריינצופאַלן אין דער טאָגשיכט.

ווי נאָר ס'איז צוגעפאַלן די נאַכט און מיר האָבן פאַרענדיקט די אַרבעט, האָבן מיר זיך געאײַלט צום אַפּעל צו באַקומען ס'שטיקל ברויט און זיך קענען אַנידערלייגן אויף דער האַרטער פּריטשע אויסצורוען. האָט פּלוצלונג דאָס „קינד" (אַזוי האָבן מיר גערופן די אַלאַרם־סירענע) יאָמער־לעך זיך צעוויינט. די אַליאירטע זײַנען אָנגעפלויגן באָמבאַרדירן. באַלד איז די גאַנצע עלעקטרישע ליכט אויסגעלאָשן געוואָרן און מען האָט אונדז אַראָפּגעיאָגט אין קעלער אַריין, אונטער דער פאַבריק איבער די מאַשינען. איך און יחיאל פוקס האָבן זיך שטענדיק געהאַלטן צוזאַמען. אין קעלער איז חושך ואפלה, מען קאָן ממש אָנטאַפּן די פינצטערניש. איינער זעט נישט דעם צווייטן. אַלע זיצן מיר אויף דער ערד. פוקס טאַפּט אָן מיין אָרעם. מיר הערן איבער אונדז דורכפליען אַן עסקאַדרע עראָפּלאַנען און די ערד ציטערט אונטער אונדז. „איך האָב מורא, בריקסל, — זאָגט צו מיר פוקס — אַז די דייטשן ווילן, מיר זאָלן דאָ געהרגעט ווערן אונטער די מאַשינען". איך ענטפער אים נישט, כדי נישט צו שיטן זאַלץ אויף די וואונדן.

עראָפּלאַנען רוישן נאָך שטאַרקער איבער אונדז. דאָס איז שוין אַ צווייטע עסקאַדרע. ווען עס ווערט שטיל, שלאָגט ווער פאָר: „זאָל ווער זינגען אַ יידיש ליד". און אַ צווייטער זאָגט: „מיר האָבן דאָ אַ חזן, רובין, זאָל ער זינגען". חזן רובין לאָזט זיך נישט בעטן, ער זינגט דאָס באַ־וואוסטע פאָלקסליד „וויאָ־וויאָ, פערדעלעך". זיין לירישער טענאָר און די האַרציקע טענער דרינגען אריין אין אונדזערע הערצער. עס דערמאָנט דעם נישט ווייטן אַמאָל, ווי מען האָט אין דער היים זיך פאַרווילט מיט זינגען. נישט ביי איינעם פאַלט אַ טרער.

דערנאָך בעט מען מיך: „בריקסל, זינג אַ יידיש ליד". איך לאָז מיך אויך נישט בעטן: זאָלן מיר אַלע אַ ביסל זיך פאַרגעסן אין די צרות און איך זינג: „אויפן פריפעטשיק ברענט אַ פייערל". אַצינד פאַרשטיי איך און די צוהערערס בעסער די ווערטער:

> ווען איר, קינדערלעך, וועט עלטער ווערן,
> וועט איר אַליין פאַרשטיין:
> וויפל אין די אותיות ליגן טרערן
> און וויפל געוויין.

דערנאָך רעציטיר איך „געטאָ פאַבריק 76". אַלע ווערן פאַרכאַפּט

פון שילדערן דעם ריטמישן גאַנג פון די מאַשינען און די פאַרסמטע לופט אין דער פאַבריק, דעם שרעקלעכן הונגער און די שווערע אַרבעט און די צוויי קלאַסן: קעראַוניקעס, קאָמיסאַרן, מיט די אַרבעטערס, וואָס ווערן פון זיי אויסגעניצט פאַר זייערע אייגענע אינטערעסן.

ערגעץ דאָ אין קעלער זיצט יעזשי פערסט, מיין געוועזענער קעראַוו־ניק, פון „געטאָ פאַבריק 76״, וואָס האָט מיך געשטעלט אויף דער ליסטע אַרויסגעשיקט צו ווערן פון געטאָ פאַרגאַזט צו ווערן, צוליב דער דאַזיקער פּאָעמע, ווען איך האָב זי פאַרגעלייענט אין לאָדזשער געטאָ אויפן „באַנקעט״ לכבוד דעם דריי־יאָריקן יובילייאום פון דער פאַבריק. יעדער וואָרט האָט אים אַצינד געביסן ווי שלאַנגען. עס האָט אים ווי געטאָן, וואָס עס איז אים נישט געלונגען מיך אומצוברענגען און אויך מיין ווערק, וואָס שטעלט אים און די אַנדערע געטאָ־קאָמיסאַרן צו שאַנד און צו שפּאָט.

ווען די באָמבאַרדע האָט זיך איינגעשטילט, האָבן מיר זיך אַראָפּגע־רעדט פון האַרץ. איינער האָט געזאָגט מיט צאָרן: אַ בייזע, שוואַרצע, כאָלערע זאָל זיי נעמען! די פּאַרציעס ברויט ווערן פון טאָג צו טאָג קלענער און קלענער!

האָב איך מיך אָנגערופן: „די קליינע יאָטן, וואָס אַרבעטן אין דער קיך (מיט גראָסמאַנען, דעם יונגן בונדיסט, בראש), האָבן געמאַכט יד אַחת מיטן בלאַקאָווע. פאַר ברויט קריגן זיי פּאַפּיראָסן און אַנדערע גוטע זאַכן״. דאָס האָט ווער פון דער קיך פאַרמסרט פאַר דעם בלאַקאָווע הערמאַן. נאָך אָנשטאָט בריקס, האָט ער געזאָגט פוקס. צו מאָרגנס איז הערמאַן אָנגעפאַלן אויף פוקסן, האָט אים דאָס פאַרגעוואָרפן און אים שרעקלעך געשלאָגן. פוקס האָט נישט דערציילט, אַז איך האָב דאָס געזאָגט און נישט ער. ער האָט נישט פאַרראָטן די דערציאונג, וואָס ער האָט באַקומען אין השומר הצעיר. איך האָב נישט געהאָט דעם מוט צו זאָגן הערמאַנען, אַז איך האָב דאָס געזאָגט, ווייל איך בין אַ קראַנקער און אַ שוואַכער, קוים וואָס איך לעב און כ׳וועל זיינע קלעפּ זיכער נישט איבערהאַלטן.

פוקס האָט געהאַנדלט העלדיש. איך וועל אייביק אין מיין האַרץ טראָגן אַ דאַנק, צוזאַמען מיט אַ שולדגעפיל צו יחיאל פוקסן.

מען נעמט צו אונדזערע וועש

ווען אונדזער טראַנספּאָרט איז אַרויסגעפֿאָרן פֿון אוישוויץ, האָט יעדער איינער באַקומען ריינע אונטערוועש: אַ העמד און אונטערהויזן. איך האָב די גאַנצע צייט מיך ריין געהאַלטן. די אונטערוועש איז געבליבן ווייס. מיר האָבן געמעגט טראָגן נאָר דאָס העמד, אונטערהויזן און דעם „פּאַשאַק". ווען עס איז שוין געווען שטאַרק קאַלט אין יאַנואַר, אין אַ זונטיק, ווען מען האָט נישט געאַרבעט, האָבן די דייטשן פֿאַראָרדנט: יעדער פֿון אונדז זאָל געבן זיין וועש אויסצופּאַרעווען — ס'זאָלן נישט זיין קיין לייז. זיי האָבן אין קאָרידאָר אויפֿגעשטעלט אַ פּראָוויזאָרישע „פּאַרואָוקע", צוויי קעסלען מיט הייס וואַסער. פֿיר „ביתרניקעס", דריי ברידער און זייערס אַ קוזין, וואָס זיינען געקומען פֿון קאַליש קיין לאָדזש, זיינען דאָ געווען אָנפֿירערס. דער ייִנגסטער ברודער האָט געאַרבעט אין דער קיך. זיי האָבן זיך כסדר באַרימט: „מיר זיינען ביתרניקעס', ווייסן מיר ווי אַזוי אָנצופֿירן". זיי האָבן אונדז געצוואונגען אויסצוטאָן די וועש. איך האָב מיך באַמיט אַרויסצודרייען, אָבער ס'איז מיר נישט געלונגען. די „ביתרניקעס" האָבן מיך באַצוואונגען, זיי האָבן ממש פֿון מיר אַראָפּגעריסן די וועש. ווען איך האָב זיי געוויזן, ווי ריין מיין וועש איז, האָט איינער פֿון זיי מיר געזאָגט: „איר ווייסט דאָך, אַז אייך וועלן מיר נישט באַוועלן. איר וועט צוריקבאַקומען די זעלביקע זאַכן און נאָך היינט". איך האָב זיי געגלייבט, אָבער איך האָב דעם זעלביקן טאָג עס נישט צוריקגעקראָגן. איך בין געשלאָפֿן אין „פּאַשאַק". עס האָט מיך שטאַרק פֿאַרדראָסן אויף די „ביתרניקעס" און כ'האָב מיך דערמאָנט, אַז די ייִדישע פּאָליציי אין לאָדזשער געטאָ איז אויך בעיקר רעקרוטירט געוואָרן פֿון די „ביתרניקעס". זיי האָבן דאָך געהאַט אַ ביסל מיליטערישע דרעסירונג.

צו מאָרגנס פֿאַר טאָג, שטייענדיק אויפֿן אַפּעל (ס'איז נאָך געווען פֿינצטער), האָט די קעלט געשניטן מיין לייב. ס'איז דאָך געווען חודש יאַנואַר. ווען כ'בין צוריקגעקומען אין פֿאַבריק פֿון דרויסן נאָכן אויסליידיקן אַ וועגעלע שפּענער, האָב איך געוויינט אויפֿן קול, אַזוי ווי אַ קינד, פֿון די יסורים פֿון קעלט; האָט דאָס מיין מייסטער, אַ דייטש, אַ גרויסער רשע, געזען. האָט ער מיך געפֿרעגט מיט מיטגעפֿיל: „פֿאַר וואָס וויינסטו, יונגע?" האָב איך אים געענטפֿערט: „עס איז מיר זייער קאַלט. איך טראָג נישט מער ווי דעם „פּאַשאַק" — האָב איך אויפֿגעהויבן די בלוזע און געוויזן — זיי האָבן מיר צוגענומען דאָס העמד און די אונטערהויזן

אויסגעוואַשן און נישט צוריקגעגעבן. אָן אַ העמד אויפן לייב איז קאַלט. מיין גוף איז אָפּגעשוואַכט. איך הונגער שוין איבער פינף יאָר". האָט ער מיר געענטפערט מיט מיטגעפיל: „פאַרליר נישט דעם מוט, יונגע, דער קריג קומט באַלד צו ענדע". איך האָב מיר נישט געקענט פאָרשטעלן פון דעם דאָזיקן אַנטיסעמיט צו הערן אַזעלכע טרייסטווערטער. אַ מענטש איז דאָך נישט קיין פשוטע חיה.

עטלעכע טעג שפּעטער האָבן די ברידער „ביתרניקעס" אונדז געגעבן די וועש: קיינער האָט נישט צוריקבאַקומען זיין וועש. מיר האָבן זיי געגעבן אַ שמוציק העמדל, וואָס איז קוים אויף מיר אַרויפגעגאַנגען און אַ פּאָר שמוציקע אונטערהויזן, וואָס זיינען געווען באַלייגט מיט לייז און אַזוי ברייט און לאַנג, אַז עטלעכע אַזוינע ווי איך האָבן געקענט אַריין אין זיי. עס האָט מיך אָנגעכאַפּט צו ברעכן און ס׳האָט מיך געמיגלט דאָס אָנצוטאָן, אָבער דער ווילן צום לעבן איז שטאַרק. קעלט ברענגט דעם שוואַכן גוף שרעקלעכע יסורים, האָב איך דאָס אָנגעטאָן.

פון דעמאָלט אָן האָבן די לייז מיך געביסן און געזויגן מיין בלוט טאָג און נאַכט. פון דעמאָלט אָן האָט יעדער איינער פאַרן גיין שלאָפן געלויזט זיין אונטערוועש ביים עלעקטרישן לאָמפּ, צווישן די פּריטשעס, וואָס האָט זיך געפונען אויפן צווייטן שטאָק. מען איז צוגעגאַנגען צום לאָמפּ לויט דער ריי. דאָס אָרט ביים לאָמפּ האָט מען אַ נאָמען געגעבן „לויזע-אַליי". אָבער די לייז האָבן זיך געמערט, מיך געביסן און געטרונקען מיין בלוט. די לייז זיינען שוין געקראָכן איבערן האַלדז און איבער די פּאַשאַקן. די דייטשע מייסטערס האָבן מורא געהאַט דערנענטערן זיך צו אונדז.

אַ תליה

ווען דער אַפּעל איז פאַרגעקומען אויפן הויף און די דייטשע מייס־טערס זיינען געווען דערביי, האָט דער בלאָקאָווע הערמאַן שוידערלעך גע־שלאָגן די יידן. ער האָט פון דעם געהאַט פאַרגעניגן און גלייכצייטיק געוואָלט באַווייזן ווי געטריי ער פירט אויס זיין פונקציע. דער גרעסטער טייל מייסטערס איז פון דעם נישט געווען צופרידן, אָבער זיי האָבן זיך נישט

געטאָרט אַריינמישן. זיי זיינען געווען צופרידן פון אונדזער אַרבעט, ווייל ביי די אַלע שווידערלעכע באַדינגונגען האָבן מיר אַרויסגעגעבן די גע־העריקע פּראָדוקציע.

דער צוועלף־יאָריקער מאַקסל, אַ בלאָנד, קיילעכדיק ייִנגעלע, האָט דאָ געאַרבעט ביי אַ טאָקער־מאַשין און אַרויסגעגעבן די פולע פּראָדוקציע. מען האָט אים פאַרשיקט פון לאָדזשער געטאָ קיין אוישוויץ. מיט אונדזער טראַנספּאָרט האָט מען אים מיטגעשיקט מיט אַן אויסרעכענונג: דאָס ייִנגעלע איז דאָ געווען אַ קיילעכדיקער יתום און האָט נישט געהאַט קיין שום קרוב. מאַקסל איז אַצינד געוואָרן די „געליבטע" פון דעם מערדער הערמאַן. הערמאַן האָט אים געגעבן טאָפּלטע זופּן, טאָפּלטע פּאָרציעס ברויט. מאַקסל פלעגט זיך צוקוקן, ווי הערמאַן שלאָגט און פּייניקט אונדז.

איין מאָל, ווען מיר זיינען געשטאַנען אין אַ זונטיק אויף אַפּעל, האָט הערמאַן אַ ביל געטאָן, פריילעך און וואוילעריש: „מאַקסל, קום־מאָל הער!" מאַקסל איז צו אים צוגעלאָפן מיט פרייד, אַזוי ווי אַ געטריי הינטל, ווען דער באַלעבאָס רופט אים. הערמאַן האָט אים איבערגעגעבן זיין שטעקן און געזאָגט: „מאַקס, אַצינד ביסט דו דער פירער איבער די אַלע שטינק־זעקע — וויזט ער אויף אונדז מיט דער האַנט — מאַך מיט זיי וואָס דו ווילסט!"

מאַקסל האָט נאָכגעטאָן הערמאַנען: ער האָט זיך אַנידערגעשטעלט מיט אַ פּאָזע פון אַ פירער און געפּאַכעט מיטן שטעקן, און אַזוי ווי הערמאַן האָט ער אַ באַפעל געגעבן: „אויסגלייכן, שטינקזעקע!" מיר האָבן געמוזט אויספירן זיין באַפעל. זיינען מיר געבליבן שטיין גלייך ווי אַ סטרונע. הערמאַן האָט אָנגעקוואָלן פון זיין תלמיד, געלאַכט מיט גרויס פאַרגעניגן. מאַקסל איז צוגעגאַנגען צו אַ ייד און ווידער נאָכגעטאָן הערמאַנען און זיך געמאַכט וואַזשנע מיט דעם זעלבן אָנשטעל פון זיין רבין. ער האָט אים דערלאַנגט דעם שטעקן: „נעם!" יענער האָט גענומען. מאַקסל האָט אָנגעוויזן זיין נאָענטסטן שכן און באַפוילן: „שלאָג אים!" דער ייד איז צעטומלט געוואָרן און הערמאַן האָט געקייכט פון געלעכטער. דער ייד האָט אים נישט געפאָלגט, געקוקט אויף מאַקסלען און אויף הערמאַנען אַ פאַרלוי־רענער. ער האָט אָבער געוואוסט, אַז ער מוז אויספירן דעם באַפעל, האָט ער געמאַכט זיך כלומרשט שלאָגן זיין שכן: ער האָט אים קוים אָנגערירט מיטן שטעקן. האָט מאַקסל ווידער נאָכגעטאָן הערמאַנען און אַ געשריי געטאָן: „שטינקזאַק! אַזוי אַ נאָך שלאָגט מען?! דאָס איז געשלאָגן?!" — ער האָט פון אים אַרויסגעכאַפּט דעם שטעקן און אים געשלאָגן שרייענדיק

אַן אויפגעקאָכטער: „איך וועל דיר ווייזן, ווי אַזוי מען דאַרף שלאָגן!" ער האָט אים געשלאָגן איבערן גאַנצן קערפּער. הערמאַן האָט געלאַכט אויפן הויכן קול פון גרויס הנאה. דערנאָך איז מאַקסל דורכגעגאַנגען די ריי און געשלאָגן די יידן.

איין מאָל אין דער פרי, ווען דער גלאָק האָט אונדז אויפגעוועקט און מיר זיינען אויפגעשטאַנען, האָט מען געטראָפן אַ געהאַנגענעם ייד אויף אַ שטריק צווישן די פּריטשעס. באַלד נאָך דעם אַפּעל, וואָס איז פאָרגעקומען אין זאַל, וואו מיר זיינען געשלאָפן, האָט הערמאַן אַ זאָג גע־טאָן: „יונגען, יונגען, טוט מיט אייער קאַמעראַד דאָס וואָס איר דאַרפט טאָן, איידער איר גייט צו דער אַרבעט". באַלד האָבן עטלעכע יידן, וואָס האָבן געהערט צו דער חברה קדישא, וואָס איז שנעל געשאַפן געוואָרן, אַנידערגעשטעלט אַ טיש אין טרעפּנהויז און אויף אים אַרויפגעלייגט דעם מת און אים צוגעדעקט מיט אַ שטיק פלאַנדערע. וויפל עס האָבן געקאָנט זיינען געשטאַנען אין קאָרידאָר. די רעשט איז געשטאַנען אין זאַל.

הערמאַן איז געשטאַנען אויף די טרעפּן, אַרויפצוגיין אויפן צווייטן שטאָק, אָנגעלענט אָן פּאָרענטש. איך בין געשטאַנען נאָענט צו אים און פון אים מיינע אויגן נישט אַראָפּגענומען. כ'האָב געוואָלט זען, ווי אַזוי דאָס ווירקט אויף אים.

דער חזן רובין, אַ נידעריקער, אַ געלער, האָט זיך אַנידערגעשטעלט צוקאָפּנס פון מת און מיט זיין לירישן טענאָר און מיט אַ צעבראָכן האַרץ אויסגעזונגען דעם אַלטן טראַדיציאָנעלן ניגון: „אל מלא רחמים שוכן במרומים..." דאָ, אין גרויסן און הויכן טרעפּנהויז, האָט עס געקלונגען אַזוי ווי אין אַ שול. וואָס לענגער, אַלץ האָבן מער פון אונדז געוויינט.

אַצינד האָב איך מיט טרערן אין די אויגן ספּעציעל זיך גוט איינגע־קוקט אין דעם מערדער הערמאַן. דאָס ליטורגישע געזאַנג האָט אים דער־מאָנט אין אַ קירך אויף דער פרי, אין די אַמאָליקע גוטע ציטן. ער האָט געוויינט. ווען דער חזן האָט געענדיקט און אַלע זיינען געגאַנגען צו דער אַרבעט, האָב איך אַזוי אויסגעמאַרקירט, כ'זאָל זיין לעבן הערמאַנען. אונ־דזערעביידנס פאַרטרערטע אויגן האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן. מיט טרערן אין האַלדז האָט ער צו מיר געזאָגט: „יונגע, איך האָב עס שוין פול!" ווייזנדיק מיט דער האַנט איבער זיין האַלדז. דאָס האָט מיך איבערצייגט, אַז רירנדיקע, הייליקע, מענטשלעכע מעשים קאָנען אַפילו ביי אַזאַ מער־דער דערוועקן רחמנות — דאָס העכסטע הומאַניסטישע געפיל. ניין, דער מין מענטש איז דאָך נישט קיין פּשוטע חיה.

נייע דייטשן — נייע צרות

פֿלוצלונג האָט מען הערמאַנען פֿון דאַנען צוגענומען און אויף זיין אָרט איז צו אונדז אַריינגעשיקט געוואָרן אַ דייטש מיט דעם נאָמען ווילי, אויך אַ פֿאַרברעכער מיט אַ „גרינעם ווינקל". ער איז נישט געווען אַזאַ אויסגעפּאַשעטער בער און נישט אַזאַ ווילדער טיגער ווי הערמאַן. מיט ווילין זיינען אויך מיטגעשיקט געוואָרן צוויי אויפֿזעערס איבער אונדז — דייטשן, קרימינעלע פֿאַרברעכעס, אויך מיט „גרינע ווינקלען". דער עלטערער, אַ הויכער, האָט געהייסן פֿריץ און דער יונגער האָט געהייסן זיגמונד — אַן אויסגעשולטער מערדער. מיט זיי צוזאַמען זיינען אויך אַריינגעשיקט געוואָרן צוויי רוסן און איין פּאָליאַק, וואָס האָט געהייסן קאַראָל און ער האָט זיך גוט איינגעלעבט מיט די יידן.

ביים אַרויספֿאָרן מיטן וועגעלע האָב איך מיך אָנגעטראָפֿן מיט פֿריץ און זיגמונט. האָט זיגמונט מיר געגראָדזשעט מיטן פֿינגער: „דו, שוויינהונט, איך האָב דיך אויפֿן אויג!" עס איז מיר אַדורך אַ קעלט איבער די ביינער.

און איך האָב לאַנג נישט געדאַרפֿט וואַרטן אויף זיגמונטס רציחה. די זעלביקע נאַכט זיינען פֿאַרגעקומען צוויי אַלאַרמס און מען האָט געמוזט לויפֿן אין קעלער אַריין. איך בין שוין געווען טויט־מיד. די פֿיס האָבן מיך שוין נישט געטראָגן, און ווען ס'איז געוואָרן דער דריטער אַלאַרם, האָב איך באַשלאָסן: איך וועל אַצינד נישט לויפֿן אין קעלער אַריין. וואָס וועט זיין, זאָל זיין. ווען פֿאַלן אַ באָמבע — זאָל פֿאַלן. ס'איז אַלץ איינס: דאָ, צי אין קעלער אונטער דער פֿאַבריק איבער די מאַשינען.

ווען כ'בין אַראָפּגעלאָפֿן פֿון צווייטן שטאָק, אַ שיכורער פֿון נישט שלאָפֿן, בין איך אַרונטער אונטער די טרעפּ. די עלעקטרע איז דאָך געווען אויסגעלאָשן און ס'איז געווען פֿינצטער־חושך. בין איך זיכער געווען, אַז קיינער האָט דאָס נישט געזען. אָבער באַלד האָט מיך זיגמונט געכאַפּט, מיך אָפּערגעפּירט, מיך אָנגעכאַפּט ביי ביידע אַקסלען און זיין קני אַריינגעפּרעסט דאָרטן, וואו עס ליגן מיינע נירן און מיין איבערשטן טייל קערפּער האָט ער געגעבן אַ שנעלן בייג צו זיך, כדי מיך דורכצוברעכן. פֿון גרויס ווייטיק האָט זיך ביי מיר אַרויסגעריסן אַ גסיסה־קרעכץ. זיגמונט איז געווען זיכער, אַז כ'בין שוין טויט, האָט ער מיך געלאָזט ליגן און איז אַוועק.

אין דער פֿרי, ווען די מענטשן האָבן מיך געזען, האָבן זיי זיך גע־

וואונדערט. איינער האָט געזאָגט: „דו לעבסט, מיר זיינען זיכער געווען, אַז זיגמונט האָט דיך דערהרגעט. מען האָט געהערט דיין מאוימדיקן אויסגעשריי און מען האָט געפילט, אַזוי ווי דו הויכסט אויס דיין נשמה".

איך האָב באַשלאָסן, אַז איך מוז רעדן מיט דעם דייטש: ער איז דאָך אויך אַ קאַצעטלער, אויך אַ קרבן, און ער האָט שוין דאָס צווייטע מאָל מיך געוואָלט דערמאָרדן, און סוף־כל־סוף וועט ער מיך דערהרגענען. אָט ערשט אַנומלט האָט ער מיך אַנגעכאַפּט ביים קאָפּ און מיט אַ געניטער אויסרעכענונג האָט ער מיין גאָמבע אַ זעץ געגעבן אין אַ קאַנט פון אַן אייזערנער טיר, כדי זי צעשפּאַלטן. עס האָט זיך געמאַכט אַ טיפער, ברייטער שניט אין מיין גאָמבע און עס האָט געבלוטיקט.

איך האָב אַ צייט נישט געוואוסט אין וואָס פאַר אַ געפאַר איך בין, וויל כ'האָב קיין מאָל נישט געקענט זען מיין פּנים. איין מאָל, ווען כ'בין אַרויסגעפאָרן פון דער פאַבריק מיט אַ וועגעלע שפּענער, איז געשען אַ נס: כ'בין פאַרקראָכן אַ ביסעלע ווייטער און געזען אויף דער ערד אַ צעבראָכן שטיקל שפּיגל פון לאַנגע, שמאָלע, קרומע שטיקלעך, אַזוי ווי מען מאָלט זונשטראַלן; כ'האָב גענומען דאָס ברייטסטע שטיקל שפּיגל. איך האָב נאָר געקענט זען מיין פּנים שטיקלעכווייז. ווען כ'האָב אָפּגעשפּיגלט מיין גאָמבע, איז מיר נישט גוט געוואָרן — זי איז צעשפּאָלטן און פאַרלייגט מיט מאַטעריע. טראַכט איך: איך קאָן נאָך פון דעם קריגן אַן אָנצינדונג אין גאַנצן קערפּער און „גיין אַ גאַנג".

איך האָב איינגעוויקלט דאָס קרומע פּאַסיקל שפּיגל אין פּאַפּיר און כ'בין אַריינגעגאַנגען אין לאַגער צום דאָקטער. דער דאָקטער איז געווען אַ דייטשישער ייד, וואָס איז אַריינגעשיקט געוואָרן אין לאָדזשער געטאָ מיט אַ טראַנספּאָרט יידן פון בערלין. אין געטאָ פלעגט ער נאָכטראָגן דעם קאָסטן מכשירים און מעדיצינען דעם דאָקטער פון דער גיכער הילף. אַזוי ווי מיר זיינען געווען פּוילישע יידן און ער אַ דייטשער ייד, איז ער דאָ דורך די דייטשן עולה לגדולה געוואָרן, די דייטשן האָבן אים געגעבן אַ ציווילן, טייערן גראַנאַטענעם אַנצוג, ווייסע אייבערהעמדער, גוטע וועש און גוטע שיך. ער האָט שטענדיק אויסגעזען יום־טובדיק. ער האָט געהאַט פאַר זיך אַליין אַ שטוב מיט אַ ריין בעט. לעבן דער שטוב איז געשטאַנען אַ שענקל מיט אַ ביסל מעדיקאַמענטן. אַנשטאָט העלפן די קראַנקע, האָט ער זיי פון זיך געטריבן. ער האָט באַקומען טאָפּלטע פּאַרציעס ברויט און זופּ. ער איז נישט געשטאַנען אין דער ריי. מען האָט אים אַלצדינג אַריינגעגעבן. צו דער אַרבעט האָט ער נישט געדאַרפט גיין, איז ער

געזעסן און זיך געפּאַשעט. מיט דעם האָבן די דייטשן דערגרייכט זייער ציל: קינאה און שינאה פון איין ייד צום צווייטן.

דער דאָזיקער דאָקטער איז דאָ אַהערגעקומען אַן אײַנגעדאַרטער, אַ דערשלאָגענער און אין אַ קורצער צייט איז ער געוואָרן קיילעכדיק ווי אַ פעסל און חוצפּהדיק. ער האָט אויף אונדז געקוקט, ווי אויף מיסט. ווען איך בין צו אים אַרייַנגעקומען, איז ער געלעגן אויסגעצויגן אויפן בעט און געררוט. ער האָט זיך אויף מיר צעשריגן מיט גרויס כעס: „פאַר וואָס ביסטו געקומען אין מיטן דער אַרבעט?! פאַרפלוכטער!"

„זעהען זי, הער דאָקטער — האָב איך געזאָגט מיט געבעט און הכנעה און געוויזן מיין גאָמבע — דאָס איז שוין זייער געפערלעך. העלפן זי מיר, הער דאָקטער."

„אַנטלויף! ווען דער בלאָקעלטסטער טרעפט דיך דאָ, וועט ער דיך שלאָגן צום טויט! קום מיטיקצייט! פאַרפלוכטער!" .

אַזוי ווי איך האָב מיך צו אים אַריינגעגנבעט קיינער זאָל נישט זען, אַזוי האָב איך מיך פון אים צוריק אַרויסגעגנבעט קיינער זאָל מיך, חלילה, נישט באַמערקן.

מיטיקצייט האָב איך שנעל אויפגעגעסן די זופּ און כ'בין אַריין צום דאָקטער. איך בין שוין דאָ נישט געווען דער איינציקער. מייסטע זייַנען דאָ געווען די, וואָס האָבן געאַרבעט ביי די שניצמאַשינען, ווייל זיי האָבן געהאַט צעקאַליעטשעטע פינגערס. איך בין צו צום דאָקטער:

„נו, הער דאָקטער, פאַריאַדינירן זי מיך — האָב איך אים אונטער־געשטעלט די גאָמבע — עס איז געפערלעך מיט דעם צו וואַרטן".

„איך האָב נישט קיין יאָדינע".

„זאָל זיין אַלקאָהאָל".

„יאָ, אַלקאָהאָל האָב איך".

ער האָט גענומען אַ שטיקל פּאַפּירענע וואַטע, נאַס געמאַכט מיט אַלקאָהאָל און אַן געפּיל שנעל געגעבן אַ לייג אויף דער גאָמבע. איך האָב גענומען דאָס שטיקל שפּיגעלע, אָנגעשטעלט אַזוי, כ'זאָל גוט זען די וואונד און גערייניקט מיט דער וואַטע און אַלקאָהאָל אַזוי לאַנג, ביז כ'האָב שוין נישט געזען קיין מאַטעריע. דערנאָך האָב איך געגנבעט אַ שטיק וואַטע, איינגענעצט אין אַלקאָהאָל. דאָס האָט דער דאָקטער באַמערקט און געקוקט מיט כעס. אָבער ביז ער איז צו מיר צוגעקומען האָב איך אַוועקגעשטעלט די פלאַש און בין אַנטלאָפן. איך האָב דאָס צוגעלייגט צו דער וואונד און עס האָט אַ ביסל שפּעטער געברענט, האָב איך פאַר־

שטאַנען, אויב איך פּיל שוין ווייטיקן וועט גוט זיין, וועט זיך אויס־היילן.

נאָך דעם ווי זיגמונט האָט מיך געוואָלט איבערברעכן, האָב איך געזען, אַז אָט דער אויסגעשולטער מערדער וויל מיך טייטן, איך האָב געטראַכט: דער ערגסטער מענטש האָט דאָך אויך אַ שטיקל געוויסן, מוז איך פּרוּוון רעדן צו זיין געוויסן, אפשר וועל איך אים ווייכער מאַכן. צוויי טעג נאָך דער פּאַסירונג האָב איך זיגמונטן געטראָפן אַליין. בין איך צו אים צוגעגאַנגען און אויף אַ גוטמוטיקן אופן אים געפרעגט: „זיגמונט, זאָג מיר, פאַר וואָס שלאָגסטו מיך? דו מיינסט, אַז דער קריג וועט אייביק דויערן?...”

„נאָך דעם קריג קאָנסטו מיך הענגען!”, איז ער אַריינגעפאַלן אין די רייד.

ניין, זיגמונט. נאָך דעם קריג וועל איך דיר קיין שלעכטס נישט טאָן. איך האָב מיטלייד מיט דיר, ווייל דו ביסט פאַרפירט; איך בין טאַקע אַ ייד און דו ביסט אַ דייטש, אָבער דו ביסט די זעלבע שייסע, וואָס איך, דער זעלבער קרבן — אַ קאַצעטניק. איך האָב נישט די פרייהייט און דו האָסט נישט די פרייהייט; איך בין אַן אַרבעטער און דו ביסט אַן אַרבעטער; פאַר וואָס זאָלסט דו זיין די בייטש אין די הענט פון די, וואָס האָבן דיך געשיקט אַהער? פאַר וואָס זאָלסטו מיך שלאָגן?”
זיגמונט האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן. ער איז געבליבן שטום פאַרטראַכט פון מיינע רייד.

פון דעמאָלט אָן איז ער געוואָרן אַן אַנדערער. ער האָט זיך געשעמט מיר צו קוקן אין די אויגן אַריין. ער האָט שוין מער אויף מיר קיין האַנט נישט געהויבן און אויך אויף קיינעם נישט. ער האָט אַלץ פאַר־קוקט. איך האָב מיך געפרייט, וואָס ס'איז מיר געלונגען אים צו עפענען די אויגן. ניין, דער מענטש איז דאָך נישט קיין פשוטע חיה.

היינט אין דער פרי איז דער אַפּעל פאַרגעקומען אין זאַל, וואו מיר זיינען געשלאָפן. ווען דער עס־עס־קאָמענדאַנט האָט אונדז געציילט, האָט ער אַזוי געזאָגט: „איר האָט דאָ אַ סאַנאַטאָריע. מיר עס־עס, וואָס זיי־נען דאָ, זיינען אַלטע לייט. מיר באַהאַנדלען אייך גוט. מען האָט צו אונדז אַריינגעשיקט אַ יונגן עס־עס־מאַן, ער זאָל מיך היטן. די יונגע זיינען שלעכט. היט אייך פאַר אים. פירט אייך אויף גוט. איר זאָלט נישט מאַכן שלעכט פאַר מיר און שלעכט פאַר אייך”.

דער בלאָקן־עלטסטער ווילי האָט צוגעגעבן: „איר האָט פאַרשטאַנען?" האָבן מיר אַלע אין איינעם געענטפערט: „יאַוואָל!"

האָט ווילי אַ באַפעל געגעבן: „אָפּמאַרשירן צו דער אַרבעט!"

שפּעטער, ווען כ'בין אַרויסגעפאָרן אויפן הויף מיט דעם ערשטן וועגעלע שפּענער, האָב איך געזען אַ יונגן, בלאָנדן עס־עס־מאַן מיט אַ ביקס, וואָס איז דאָ געשטאַנען אויף שמירה. ער האָט אויף מיר געקוקט, האָב איך פאַר אים אַראָפּגעצויגן ס'היטל און געזאָגט: „גוט מאָרגן". ער האָט נאָך אַלץ געקוקט אויף מיר און נישט געענטפערט. האָב איך אויסגעליידיקט ס'וועגעלע און דערמיט צוריק אַריין אין דער פאַבריק.

אַ האַלבע שעה שפּעטער, בין איך ווידער אַרויסגעפאָרן מיט אַ וועגעלע שפּענער. דער עס־עס־מאַן האָט אויף מיר געקוקט. איך האָב אויסגעלאָדן און בין צוריקגעפאָרן. אין מיטן וועג איז ער צו מיר צוגעקומען, מיך אָפּגעשטעלט און מיך געשלאָגן מיט דעם פּריקלאַד פון דער ביקס, פרעגנדיק מיט כעס: פאַר וואָס האָסטו נישט אַראָפּגענומען פאַר מיר דאָס היטל? און מיך ווידער געשלאָגן. איך בין גיך אַריינגעלאָפן מיטן וועגעלע אין פאַבריק. באַלד ביי דער טיר איז פונקט געשטאַנען מיין מייסטער. ער האָט מיך אָנגעקוקט און געפרעגט: „וואָס איז געשען? האָב איך אים גאַנצן געציטערט און עס האָט זיך פון מיר אַרויסגעריסן: „דער יונגער עס־עס־מאַן האָט מיך געשלאָגן!" ער איז באַלד אַרויס צום עס־עס־מאַן, וואָס ער האָט מיט אים גערעדט, ווייס איך נישט. ער האָט דאָס דערציילט דעם בלאָקן־עלטסטן ווילי. דער איז אַרויס צום עס־עס־מאַן און אים געזאָגט: „שלאָגן די קאַצעטלערס בין איך דאָ. דאָס איז מיין אַרבעט — נישט דיינע. אויב ער פאַרזינדיקט זיך, זאָלסטו מיר דערציילן, וועל איך אים שלאָגן".

איך האָב שוין מורא געהאַט איינער אַליין אַרויסצופאָרן מיט די שפּענער, צו זיין מיט דעם עס־עס־מאַן אויג אויף אויג. כ'האָב געהאַט אַ געפיל, אַז ער וויל מיך דערשיסן. פון דעמאָלט אָן בין איך שוין קיין מאָל אַליין נישט אַרויסגעגאַנגען פון פאַבריק.

* * *

אויף ווייַנאַכט האָבן די דייטשן אינסטאַלירט „צענטראַלע דאַמף־באַהייצונג" אין אונדזער קאַצעט. דער קאָמענדאַנט האָט אונדז געזאָגט נאָך דעם אַפּעל: „פון ווייַנאַכט אָן וועט איר סטאַביל האָבן צענטראַלע באַהייצונג. איר וועט שוין מער נישט פרירן, נאָר גוט שלאָפן". מיר האָבן זיך געפרייט. ווייַנאַכט און צו מאָרגנס ביי טאָג און ביי נאַכט האָבן זיי

געגעבן אַזוי פיל היץ, אַז מען האָט געקענט דערשטיקט ווערן. מ׳האָט אַוש נישט געקענט אָטעמען און מען האָט נישט געקענט שלאָפן. פון דער וואַרעמקייט האָבן די לייז אויפגעלעבט, שטאַרקער געריסן און געטרונקען אונדזער בלוט. צו מאָרגנס פאַר טאָג, ווען ס׳איז נאָך געווען פינצטער, האָבן מיר, דערהיצטע און דערשוויצטע, אין די דינע פּאַשאַקן, געמוזט אַרויסגיין אין דרויסן אויף אַפּעל. ס׳איז פּונקט דעמאָלט געווען אַ שטאַרקער פראָסט.

דאָס איז געווען אַן אויסרעכענונג: מיר זאָלן זיך פאַרקילן, קראַנק ווערן און שטאַרבן. אַ סך האָבן זיך צוגעקילט. יעדער אָוונט, ווען מען איז צוריקגעקומען פון דער אַרבעט דורכגעפרוירענע, האָט מען געטאַפּט די וואַסערדרערן, צי עס קומט היץ, אָבער זיי זיינען קאַלט געווען דעם גאַנצן ווינטער. דער אָבערשאַרפירער האָט פריער געברענגט אַ גרויסן ברייטן קאַסטן פאַר מתים, אים אַוועקגעשטעלט ביים איינגאַנג, וואו מיר זיינען געשלאָפן. מיט צווי וואָכן שפּעטער איז ער געקומען, ס׳ערשטע איז ער צוגעלאָפן צום קאַסטן, אויפגעמאַכט דעם צודעק און ווי אַן אָפּגעבריטער אַ געשריי געגעבן: „די זאַו־יודען קראַפּירען נישט! דאָנערוועטער!״ פאַרקילט האָבן זיך אַ סך קאַצעטלערס, אָבער קיינער איז נישט געשטאָרבן.

ס׳איז געווען קאַלט, אָבער די געהיימע נייעס פון די פראָנטן האָבן אונדז שטאַרק דערוואַרעמט. די נייעס האָט געבראַכט יחיאל פוקס פון זיין דייטשן מייסטער: לאָדזש איז פאַרנומען געוואָרן פון דער רויטער אַרמיי.

דער „אָסט״־פראָנט האָט אַנגעוואָרפן אַ שוידער אויף די דייטשן. יחיאל פוקסעס מייסטער האָט געהאַט אַ יינגל פון פופצן יאָר, וואָס האָט דאָ געאַרבעט צוזאַמען מיט אים. ער האָט מורא געהאַט, אַז מען וועט אים מאָביליזירן. האָט ער צו אים געזאָגט, בעת פוקס איז געווען דערביי: „זון מיינער, אויב זיי וועלן דיך שיקן אויפן „אָסט״־פראָנט, זאָלסטו פון דיר אַראָפּוואַרפן דעם מיליטערישן מונדיר, אָנטאָן ציווילע קליידער און זאָלסט זיך באַהאַלטן אין אַ וואַלד, אויף אַ בוידעם, אין אַן אַפּטריט, ערגעץ אין אַ לאָך, ווייל ס׳איז אַ שאָד דיין יונג לעבן, אַז דו זאָלסט דערהרגעט ווערן פאַר גאָרנישט!״ דאָס האָט מיר פוקס דערציילט און ער האָט צוגעגעבן: „אַזוי שיקט היינט אַ דייטשער פאָטער זיין זון אויפן פראָנט״. איך בין באַלד מיטן וועגעלע געפאָרן פון מאַשין צו מאַשין און איבערגעגעבן די אַרבעטערס מיט האַפּערדיקן טאָן די גוטע נייעס.

עפּיזאָדן און טיפּן

צוויי בחורים — איינער אַן אַפּטייקערס אַ זון פון לאָדזש, אַ געלער, אַ ברייטבייניקער און דער צווייטער אַ דאַרער, אויך פון לאָדזש — האָבן געמאַכט יד אחת: זיי האָבן זיך אַריינגעקראָגן דורך אַ קליין „לופטשיקל" (פענצטערל), וואָס איז געווען גאַנץ הויך, אין שפּיז־מאַגאַזין און האָבן אַרויסגעגנבעט צוויי ברייטלעך. מען האָט זיי געכאַפּט. בעתן אַפּעל האָט זיי דער קאָמענדאַנט געזידלט און געגעבן אַ גאַנצע לעקציע: „עס איז נישט שיין צו גנבענען. פאַר דעם פאַרברעכן קומט איך אויפצוהענגען! אָבער איך שענק אייך דאָס לעבן! אויב איר וועט נאָך אַ מאָל באַגיין אַ פאַרברעכן, וועל איך אייך געבן די פאַרדינטע שטראָף!" די צוויי חברה־לייט האָבן נישט געקענט גובר זיין זייער גרויסן הונגער און האָבן ווידער געמאַכט די זעלביקע קונץ. ווי אַזוי זיי האָבן זיך אַריינגעקראָגן דורך דעם לופטשיקל איז פאַר יעדן געבליבן אַ רעטעניש. דער קאָמענדאַנט האָט נישט געוואָלט, אַז דאָס זאָל דערגיין צו דער העכערער מאַכט פון עס־עס, האָט ער זיי געגעבן אַזאַ שטראָף: זיי זיינען צוויי וואָכן אַרומגעגאַנגען אין פאַבריק ביי דער אַרבעט, באַהאָנגען מיט טאָוולנע שילדן, פון פאָרנט און פון הינטן, מיט אַ גרויסער אויפשריפט: „איך בין אַ חיה".

איין און איינציק מאָל האָט מען אין אָונט, נאָך דעם אַפּעל, באַקומען צו צוויי פּאַפּיראָסן. די וואָס האָבן גערויכערט האָבן פאַר איין פּאַפּיראָס אַוועקגעגעבן די גאַנצע פאַרציע ברויט אָדער די גאַנצע זופּ — מיט איין וואָרט: דאָס לעבן. איינער פון די „ביתרניקעס" האָט אויסגעטיילט די פּאַפּיראָסן. ווען ער האָט מיר דערלאַנגט צוויי פּאַפּיראָסן, האָב איך מיך דערפרייט: כ'וועל מיר פאַר דעם פאַרשאַפן צוויי פאַרציעס ברויט. ווי דערשטוינט בין איך געוואָרן, אַז ווען כ'האָב מיך אויסגעדרייט אַוועקצוגיין, זיינען געשטאַנען צוויי „ביתרניקעס", און אַ ביסל ווייטער פון זיי דער בלאָקאָווע ווילי. איין „ביתרניק" האָט מיר אויסגעשטרעקט די האַנט און געזאָגט: „גיב מיר די פּאַפּיראָסן". האָב איך געענטפערט: „ניין! איך גיב נישט!" ער האָט געגעבן אַ קוק צו ווילין און ווילי האָט אויף מיר געגעבן אַ בייזן קוק און איך בין שנעל אַוועק.

ערשט שפּעטער האָב איך מיך באַוואונט, אַז ווילי וועט פאַר דעם אין מיר נקמה נעמען, בין איך צוגעגאַנגען צו דער קיך און כ'האָב פאַרקויפט ביידע פּאַפּיראָסן פאַר איין פאַרציע ברויט. די פּאַפּיראָסן זיינען געגאַנגען פאַר ווילין. איך האָב באַלד, קיינער זאָל נישט זען,

אויפגעגעסן די גאַנצע פּאַרציע ברויט, כדי מ׳זאָל זי מיר ביי נאַכט נישט צוגנבֿענען. איך בין טאַקע די נאַכט בעסער געשלאָפן. ווילי האָט אין מיר נישט נקמה גענומען, ווייל מען האָט אים געזאָגט, אַז כ׳האָב אַליין גע־בראַכט די פּאַפּיראָסן.

* * *

ראָזענבערג, אַ פישהענדלער פון לאָדזשער שאַבערמאַרק, האָט דאָ געאַרבעט אין דער „טראַנספּאָרט־קאָמאַנדע" ווי אַ טרעגער. די גרופּע האָט זייער שווער געאַרבעט. אַ גאַנצן טאָג האָבן זיי געשלעפּט שווערע משאות, אייזערנע טיילן אַראָפּגעלאָדן און אַרויפגעלאָדן אויף די הויכע גרויסע לאַסטאויטאָס. ביי דעם שרעקלעכן הונגער זיינען זיי געפאַלן פון די פיס, אָבער זיי האָבן געמוזט אויספירן די אָנגעוויזענע אַרבעט.

בעתן אָונט־אַפּעל איז דער קאָמענדאַנט אַריינגעקומען מיט אַ ציווילן, עלטערן דייטש. דער קאָמענדאַנט האָט אים געהייסן דורכקוקן די פינף רייען, וואָס זיינען געשטאַנען צוזאַמען. ער האָט עס געטאָן. ער האָט יעדערן אָנגעקוקט און מיטן פינגער אָנגעוויזן אויף ראָזענבערגן. דער קאָמענדאַנט האָט אים אַרויסגענומען פון דער ריי. די מעשה איז אַזוי געווען: ווען ראָזענבערג האָט אַרויפגעלאָדן רעדער, אין דרויסן, ביי דער פאַבריק אויפן אויטאָ, האָט ער געזען קעגן איבער אַ בעקעריי. ווען ער האָט פאַרענדיקט די אַרבעט, איז ער אַרויפגעגאַנגען אין בעקע־ריי און געבעטן, אַז מען זאָל רחמנות האָבן אויף אים און שענקען אַ שטיקל ברויט. דער דייטש האָט אים געגעבן אַ שטיקל ברויט. ראָזענ־בערג האָט עס איינגעשלונגען אויפן אָרט און ער האָט זיך צוריק אַריינגעגנבֿעט אין פאַבריק. שפּעטער האָט אים דער דייטש געמסרט און ער האָט אים דאָ דערקענט. דער קאָמענדאַנט האָט געהאַלטן אַ גאַנצע רעדע: „עס איז נישט שיין צו שנאָרן! איבער הויפט ווען איר האָט דאָ איבער גענוג צו פרעסן! איר האָט דאָ אַ סאַנאַטאָריע! אַ פיינע דער־ציאונגס־היים!" — און ער האָט ראָזענבערגן אַרעסטירט.

די עס־עס האָבן ראָזענבערגן געשלאָגן. דערנאָך האָבן זיי אים אַריינ־געוואָרפן אין קעלער, אונטער זייער וואוינונג. ער איז דאָרטן אָפּגעלעגן דריי מעת־לעת, אָן עסן און אָן טרינקען. שפּעטער האָבן זיי אים אַרויס־גענומען און צוריק איינגעשפּאַנט אין דער שווערער אַרבעט. ער איז קראַנק געוואָרן, נישט געוואוסט, וואָס עס טוט זיך מיט אים. אַ שטיקל צייט האָט ער געדינט ווי אַ מסור און איז גאַנץ גיך געשטאָרבן.

* * *

דער צווייטער קרבן פון דער „טראַנספּאָרט קאָמאַנדע" איז געווען בילסקי. בילסקי איז געווען אַ הויך־אינטעליגענטער מענטש. אין לאָדזשער געטאָ איז ער געווען דער דירעקטאָר פון „אַרבעטסאַמט". אַזוי ווי ער האָט אָנגעגעבן, אַז ער איז אַ בוכהאַלטער, האָט דער אָבערשאַרפירער אים געמאַכט פאַר אַ טרעגער. בילסקי האָט געהאַלטן פון „אָרגאַניזירן": פאַרשאַפן זיך עפּעס צו עסן אויף אַלע וועגן. מען האָט אים אַהערגעשיקט פון אוישוויץ מיטן צווייטן טראַנספּאָרט, האָט ער נישט געטראָגן קיין „פּאַשאַק", נאָר ציווילע קליידער. ער האָט אויך געהאַט אַ מאַנטל, האָט ער אויפגעשניטן די פּאָטשעווקע (אונטערשלאַק) אין דער מיט, כדי צו קענען באַהאַלטן עפּעס אין מאַנטל.

ווען בילסקי האָט אַרויפגעלאָדן דעם טראַנספּאָרט, אין דרויסן לעבן דער פאַבריק, איז אונטערגעקומען אַ לאַסט־אויטאָמאָביל מיט „טראָק" (לאָקשן פון צוקערריבן, נאָכן אַרויסגעצויגענעם צוקער, צו פּאַשען בהמות און חזירים). ס'איז שוין געווען שטאַרק טונקל, האָט אים דער שאָפער דערלויבט צו נעמען פון דעם „טראָק". האָט בילסקי אָנגעפּאַקט ביידע פּאָלעס פון מאַנטל.

ווען בילסקי איז צוריקגעקומען אויפן הויף פון פאַבריק, האָט דער „עלף פינגערדיקער" (אַן עס־עס־מאַן, וואָס האָט געהאַט עלף פינגערס) באַמערקט, אַז ער האָט „געשוואָלענע" פּאָלעס, האָט ער אים געכאַפּט ביי דעם „פאַרברעך". כדי דער שאָפער זאָל נישט באַשטראָפט ווערן, האָט בילסקי געזאָגט, אַז ער האָט דאָס געגנבעט. מען האָט ביי אים צוגענומען די „מציאה" און ער האָט באַקומען פופציק שמיץ אויפן נאַקעטן געזעס. געשמיסן האָט אַ „ביתרניק" און בילסקי האָט אַליין געמוזט ציילן די שמיץ. ווען ער וואָלט געמאַכט אַ טעות, וואָלט מען אָנגעהויבן אויף ס'ניי. ער איז פון דעם קראַנק געוואָרן און קירצלעך געשטאָרבן.

* * *

נאָך אַ געוועזענער בכבודיקער ייד, שטשאַראַנסקי, אַ געוועזענער לאָדזשער טעקסטיל־פאַבריקאַנט, האָט זיך נישט געקענט באַהערשן פון הונגער: אַן עס־עס־מאַן האָט געלאָזט שטיין אין קאָרידאָר, ביי דער טיר, אַ ביסעלע איבערגעשטאַנענע זופּ. איז שטשאַראַנסקי דורכגעגאַנגען, אַרויס־געכאַפּט אַ שטיקל קאַרטאָפל און אַריינגעכאַפּט אין מויל. באַלד איז אויס־געוואַקסן דער עס־עס־מאַן, ער האָט אים געזידלט און געשלאָגן. דערנאָך האָט ער אַריינגעשיט אַ פולע פויסט מיט שוואַרצן זאַלץ אין דעם ביסעלע

זופּ און מיט דעם רעוואָלווער אים געצוואונגען דאָס אויפּצועסן. דער ייד איז שוין געווען קראַנק אויף די לונגען. צו מאָרגנס איז ער געשטאָרבן.

* * *

די מעסערס פון די שניצמאַשינען זיינען געווען פון „גוס" און בלויז ביים עק פון שאַרף איז געווען שטאָל; איז ביים שניצן די אייזערנע טיילן, האָבן זיך די שאַרפן אָפּגעבראָכן, האָט מען זיי געמוזט אוועקגעבן צו פאַרריכטן. און אויב איין מאַשין איז געבליבן שטיין, האָבן שוין די ווייטערדיקע מאַשינען נישט געהאַט וואָס צו טאָן; און אַז מען האָט צוריקגעברענגט די פאַראַכטענע מעסערס, האָבן זיך די שאַרפן ווידער אָפּגעבראָכן. די דייטשן האָבן שוין נישט געהאַט קיין שטאָל און אויך נישט קיין אייזן. די שפּענער, וואָס איך האָב אַרויסגעפירט, זיינען אַצינד איבער נאַכט ברוין געוואָרן פון זשאַווער.

האָבן די יידן געזען, אַז אַצינד איז דאָ אַ געלעגנהייט צו סאַבאָטאַזשירן, האָבן טייל אַזוי געמאַכט, אַז יעדער טאָג זאָלן וואָס שנעלער צעבראָכן ווערן עטלעכע שניצמעסערס און גאַנצע אָפּטיילונגען האָבן געמוזט בלייבן שטיין אויף לאַנגע שעהן. די דייטשע מייסטערס האָט דאָס צו פיל נישט געאַרט. זיי זיינען צופרידן געווען, וויל זיי האָבן שוין געזען דייטשלאַנדס מפּלה און האָבן געוואָלט, אַז די מלחמה זאָל זיך וואָס גיכער ענדיקן.

נישט אַלע דייטשע אַרבעטערס זיינען געווען נאַציס. די געשטאַפּאָ און די עס־עס האָבן זיך נישט אַריינגעמישט אין דער אַרבעט. ס'איז נישט געווען קיין פאַרדאַכט, אַז אין דעם שטעקט אויך סאַבאָטאַזש פון די דייטשע שקלאַפן. ווען יאָ, ווער ווייסט וויפל קעפּ עס וואָלטן געפאַלן.

* * *

מאַשין ביי מאַשין האָבן געאַרבעט אַ פאָטער און אַ זון. ווען כ'בין לעבן זיי דורכגעגאַנגען מיט מיין וועגעלע, האָט דער פאָטער מיך אָפּגעשטעלט און מיך געבעטן: „חבר בריקס, רעדט מיט אים — האָט ער מיר אָנגעוויזן אויפן זון — ער איז נעבעך אַראָפּ פון זינען". איך בין צוגעגאַנגען און געפרעגט: „וואָס מאַכט איר?" האָט ער אויף מיר אָנגעשטעלט זיינע טרויעריקע אויגן און געענטפערט: „כ'האָב עס שוין צו פיל. כ'קאָן שוין מער נישט קעמפן. כ'וויל מער נישט לעבן". איך קוק אויף דעם צוואַנציק־יאָריקן בחור, כ'גלייב נישט מיינע אייגענע אויערן און זאָג אים: „דו האָסט געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין דער קאָמוניסטישער גרופּע אין לאָדזשער געטאָ, אָרגאַניזירט און דערמוטיקט די יוגנט

— און אַצינד, ווען די רויטע אַרמיי איז שוין נאָענט, פאַרלירסטו דעם ביטחון? וואָס פאַר אַ ייד ביסטו?"

— די באַפרייאונג ליגט אויף דער נאָז און דער חלף אויפן האַלדז. זיי וועלן אונדז נישט לאָזן דערלעבן די פרייהייט. מיר שטעקן אין האַלדז פון אַ טיגער. און כ'בין שוין צו שוואַך; סיי פיזיש און סיי גייסטיק פון אַזוי פיל יאָרן זיך פייניקן — גיט ער אַ מאַך מיט דער האַנט אַ רעזיגנירטער.

דער פּאַטער, וואָס דער זון איז געווען זיין טרייסט און האָפענונג, איז געוואָרן זייער טרויעריק. עס האָט מיך אָנגענומען אויףביידן אַ גרויס רחמנות. כ'האָב באַשלאָסן, אַז איינס קאָן דאָ העלפן: מען מוז זען, אַז ער זאָל צוריקגעפינען דעם ביטחון. בין איך צו אים אַרויס מיט אַ טענה: „וואָס ביסטו משוגע?! אַצינד נאָך דעם אָפּפייניקן זיך אַזוי פיל יאָרן אין געטאָ און דו ביסט אַרויס אַ לעבעדיקער פון אָוישוויץ, און ס'איז שוין סוף מילחמה, אַ ליאַדע טאָג וועלן מיר באַפרייט ווערן, פאַרלירסטו דעם גלויבן אין לעבן?! דו ווייסט דאָך וואָס פאַר אַ גרויל דער „אָסט"־פראָנט וואַרפט אָן אויף די „יעקעס"! מוט פאַרלוירן, איז אַלץ פאַרלוירן! זיי נישט פאַרצווייפלט. מיר ביידע צוזאַמען וועלן באַגריסן אונדזערע באַפרייערס! דער מערב־פראָנט איז שוין אויך נאָענט! די גאַנצע וועלט קעמפט אַצינד פאַר אונדז!" האָב איך אים אַ וואוילערישן קלאַפּ געגעבן איבער דער פּלייצע ביטחונדיק — און כ'בין אַוועק מיטן וועגעלע. דער בחור איז שפּעטער געוואָרן אַן אַנדערער. פאַרלאָרן זיין מרה־שחורה און געקעמפט מיט אַלע כוחות פאַר איבערלעבן, ווי מיר אַלע.

* * *

אַ פראַסטאַק, וויגדער, וואָס האָט געאַרבעט אין דער טראַנספּאָרט־קאָמאַנדע, איז ממש פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ווילדער חיה. ער איז געווען געזונט און שטאַרק און האָט געגזלט דאָס שטיקל ברויט פון צווייטן. ווען כ'בין געווען אין דרויסן מיטן וועגעלע שפּענער, איז צו מיר צוגעקומען אַ יונגע אוקראַאינקע, אַ שכנטע פון דער פאַבריק, און, איינשטעלנדיק איר לעבן, האָט זי מיר געגעבן אַ גלעזערנעם סלאָי מיט קאַרטאָפל־זופּ. ווי נאָר איך האָב עס גענומען אין מיין האַנט אַריין, איז וויגדער צוגעלאָפן און עס פון מיר אַרויסגעריסן. האָט זי געזאָגט: „אויב אַזוי, וועל איך אייך שוין מער נישט העלפן" — און איז אַוועק. די איינציקע זאַך, וואָס איך האָב געקענט טאָן קעגן אָט דעם רוז, איז געווען שטעלן אים אַ פראַגע: „ווי קאָנסטו אַזוי טאָן? זי האָט דאָך איינגעשטעלט

איר לעבן פאַר מיר און די זוּפּ האָט זי דאָך מיר געגעבן?" האָט ער מיר געענטפערט: „אויב איך וועל נישט טאָן אַזוי, וועל איך נישט אי־בערלעבן די מילחמה".

* * *

געווען זיינען דאָ צוויי יונגע ברידער מיט דעם נאָמען פוקס. ביידע האָבן געאַרבעט ביי מאַשינען און זיינען געקומען פון לאָדזשער געטאָ. דער יונגער האָט געמוזט הייבן שווערע אייזערנע טיילן פון רעדער צו בויערן לעכער, איז ער קראַנק געוואָרן און נישט געקענט גיין אַרבעטן, איז ער איז געבליבן ליגן אויף דער פּריטשע, וואָס איז געווען בשכנות, וואו איך בין געשלאָפן. דער קראַנקער איז געשלאָפן איבער דער פּריטשע פון ווינגדערן. ער האָט נישט געוואוסט, וואָס עס טוט זיך מיט אים. האָט ווינגדער געזען, אַז פון קראַנקנס שטרויזאַק רינט אַראָפּ אויף זיין געלעגער, האָט ער גענומען אַ האָלצערנעם שוך און האָט דעם קראַנקן מיטן גאַנצן כוח געגעבן עטלעכע זעץ איבערן קאָפּ: „דו הורנזון! דו ווערסט באַפּישן מיין געלעגער?!" דער קראַנקער איז באַלד געפאַלן אַ טויטער. עס האָט מיך פאַרקלעמט ביים האַרצן און איך האָב מיך צעוויינט.

ווינגדער איז געווען הויך, ברייטביינינג און קרעפּטיק, בלויז גשמיות. ער האָט פאַרמאָגט אַלע מעלות איבערצולעבן די מילחמה אונטער די נאַציס. דערצו האָט ער נאָך געהאַט די „מעלה", וואָס אַלע וועגן זיינען געווען פאַר אים כשר, סיי אין געטאָ, סיי אין קאַצעט. האָט ער טאַקע איבערגעלעבט. נאָך דער מילחמה איז ער אַוועק קיין לאָדזש און פאַר־קויפט הייזער פון די אויסגעהרגעטע יידן.

צוריק אין ברוינשווייגער לאַגער

דעם 21סטן מערץ, 1945, האָט מען אונדז אויפגעוועקט פאַר טאָג אַזוי ווי יעדער טאָג: מיר האָבן געהאַט דעם אַפּעל, באַקומען דאָס שטיקל ברויט מיט דער כלומרשטער קאַווע. דער בלאָקאַווע ווילי האָט אונדז געהייסן בלייבן אין בלאָק, ווייל די פאַבריק איז געשלאָסן. מיר האָבן באַקומען די מיטאָגזופּ און אין אָוונט דאָס שטיקל ברויט מיט אַ ביסל

מאַרמעלאַדע און מען האָט אונדז געהייסן גיין שלאָפן. צו מאָרגנס אין דער פרי, נאָכן אַפּעל און נאָכן שטיקל ברויט מיט קאַווע, זיינען אָנגעקומען עטלעכע גרויסע לאַסטאויטאָס פון אונדזער פירמע „ביסינג נאַג״ און מען האָט אונדז צוריק צוגעשטעלט צו דער עס־עס אין קאָנצענטראַציע־לאַגער פון ברוינשווייג. דאָ איז געווען אַן אַנדערער טראַנספּאָרט לאָדזשער יידן פון אוישוויץ, וואָס דער פריער־דערמאָנטער הערמאַן, זייער בלאָק־עלטסטער, האָט אַ העלפט פאַרפייניקט צום טויט.

אַ טאָג שפּעטער האָט הערמאַן געמאָלדן: „ווער עס וויל, זאָל צוגיין צום מאַגאַזין, וועט ער קריגן מערן און צוקעררייבן״. צום מערסטן זיינען געגאַנגען יינגלעך. הערמאַן איז פּלוצעם געוואָרן אַזוי גוט, ווייל מען האָט ממילא געהאַלטן ביים ליקווידירן דעם לאַגער. ער האָט זיך אָבער אַוועק־געשטעלט אין מיטן וועג מיט אַ שטעקן און די צוריקגייענדיקע מיט אַ מערל אָדער צוקעררייב האָט ער געשלאָגן און געהרגעט. אַזוי איז דאָס צוגעגאַנגען עטלעכע שעה, ביז מען האָט זיך אויסגעשטעלט אין דער ריי ביים אויסטיילן די זופּ.

ביי דער ריי איז געשטאַנען דער לאַגער־עלטסטער, אַ דייטשער גלח, אָנגעטאָן אין אַ ריינעם קאַצעטן־אָנצוג פון בלויע און ווייסע פּאַסן מיט אַ רויטן און גרינעם ווינקל ביים נומער אויף אַ ווייס שטיקל לייוונט (רויט — פּאָליטישער פאַרברעכער און גרין — קרימינעלער פאַרברעכער) און ער האָט גענוי אָבסערווירט יעדער איינעם פון אויבן ביז אונטן אַראָפּ. ביי איינעם האָט ער דערזען, ווי אונטערן אָרעם פון מאַנטל איז ווי אָנגעשוואָלן, האָט ער אים אַרויסגענומען פון דער ריי און געפרעגט: „וואָס האָסטו דאָ באַהאַלטן?״ דער ייד, אַ צום־טויט דערשראָקענער, האָט אויפגעקנעפּלט דעם מאַנטל (ער האָט נישט געהאַט קיין קאַצעט־מונדיר) און האָט אַרויס־גענומען אַ ספר. דער גלח האָט זיך צעשמייכלט גיפטיק: „איך האָב פאַרשטאַנען, וואָס פאַר אַ קאָנטראַבאַנדע דו פאַרשטעקסט״.

דאָס איז געווען איינער אַ ר׳ צבי פון אונגאַרן, אַ תלמיד־חכם, אַ שוואָגער פון די דריי ברידער אָרטאָדאָקסישע רבנים מייזליש אין בודאַ־פּעשט.

ר׳ צבי און איך זיינען געשלאָפן אויף איין פּריטשע. ווען ער האָט נאָר געהאַט אַ געלעגנהייט, האָט ער אַריינגעקוקט אין ספר. די פּריטשע איז געווען אין אַ ווינקל ביי צוויי ווענט, אַזוי אַז קיינער האָט דאָס נישט געזען אויסער מיר. דעם ספר האָט ער אַרויסגעשמוגלט פון אוישוויץ.

עס האָט אים געדראָט אַ שווערע שטראָף. נאָר אַזוי ווי דאָס איז

געשען אין מיטן ליקווידירן דעם לאַגער, האָט דער גלח אים נאָר געשראָקן און צוגענומען דעם ספר. עס קען זיין, אַז ער האָט געזען, אַז ר׳ צבי איז אַזוי שוואַך, אַז ער וועט סיי־ווי־סיי נישט איבערלעבן — און ער האָט טאַקע נישט איבערגעלעבט: דעם באַנטסטן אוונט איז ער געשטאָרבן.

באַלד נאָך דעם אויסטיילן די זופּ האָט מען יעדער איינעם צוגע־טיילט אַ פערטל קילאָ צוקער און מען האָט ליקווידירט דעם מאַגאַזין. נאָכן אויסטיילן דעם צוקער איז אָנגעקומען דער אָבערשאַרפירער, אַן אמתער נאַצי־כוליגאַן. ער האָט באַפוילן זיך אויסצושטעלן צו פינף אין אַ ריי. ער האָט געזאָגט, אַז מיר האָבן צו גיין אין גאַנצן איין האַלבע שעה און באַפוילן צו מאַרשירן.

ווען מיר זיינען אָנגעקומען אין טייל ברוינשוויג, וואו עס זיינען נאָך געשטאַנען הייזער און מענטשן האָבן זיך צוגעקוקט, האָט דער אָבער־שאַרפירער, וואָס איז געגאַנגען נאָ שפּיץ, באַפוילן: „זינגען!״ הערמאַן מיט די אַנדערע דייטשן, די פאַרברעכערס, האָבן אָנגעהויבן זינגען און מיר האָבן מיטגעזונגען דאָס מאַרשליד, וואָס מען האָט אונדז אויסגעלערנט ווען אונדזער קאָנצענטראַציע־לאַגער בויגאָמע, בכדי די צוקוקערס זאָלן מיינען, אַז אונדז איז גוט און וואויל.

אַרום און אַרום זיינען געווען לאַגערן, גרעסערע און קלענערע. דאָס האָט מען געזען פון די אַרומגעצוימטע שטחים מיט שטעכלדראָט. עס זיינען אונדז אַ קעגן געקומען געפאַנגענע אַמעריקאַנער זעלנערס, וואָס מען האָט געפירט אין אַ פאַרקערטער ריכטונג. איינער פון זיי האָט שטיל געזאָגט: „שלום״. אַ צווייטער האָט געזאָגט: „שמע ישראל״. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז צווישן די געפאַנגענע זעלנערס זיינען דאָ יידן.

ס׳איז געוואָרן פינצטערלעך. מיר זיינען אָנגעקומען אין אַן אָרט, וואו עס האָבן זיך געצויגן ברייטע פעלדער פון ביידע זייטן. ווילי איז אויס־געוואַקסן לעבן אונדז און געזאָגט: „יונגען, באַהאַלט אייך אין רינשטאָק!״ „וואוהין גייען מיר?״ האָט מען אים געפרעגט. האָט ער געענטפערט: „אין הימל אַריין!״

מיר גייען שוין עטלעכע שעה. מיר פאַלן שוין פון די פיס. דער אָבער־שאַרפירער האַלט אין איין אָפּנאַרן אונדז: שוין נאָך צען מינוט גאַנג, נישט מער. עסקאַדרעס אַליאירטע עראָפּלאַנען זיינען עטלעכע מאָל אַריבער־געפלויגן איבער אונדזערע קעפּ, אָבער זיי האָבן נישט געוואָרפן קיין באָמבעס.

אין לאַגער וואַטענשטאַט

אין מיטן נאַכט זיינען מיר אָנגעקומען אין לאַגער וואַטענשטאַט. אין נייעם לאַגער האָט מען אונדז אַריינגעיאָגט אין אַן אַרומגעצוימטן פּלאַץ, באַפוילן זיך אויסצוטאָן אין גאַנצן נאַקעט און דאָס אָנטועכץ לאָזן ליגן. דערנאָך האָט מען אונדז אַריינגעטריבן אין אַ באַראַק. ביי דער טיר איז געשטאַנען אַ דייטש און אונדז געציילט און ער האָט אַ סך פון אונדז געשלאָגן מיט אַ שטעקן.

צו מאָרגנס אין דער פרי האָב איך דערוואָרט מיין אָנטועכץ, אָבער איך האָב עס נישט באַקומען. איך האָב מיך איינגעהילט אין דער גרויער קאָלדרע, וואָס יעדער פון אונדז האָט געקראָגן פאַרן שלאָפן, און כ׳בין אַרויס פון באַראַק, ווי אַנדערע האָבן עס געטאָן. דאָ האָט מען מיך געכאַפּט צו טראָגן טויטע.

ס׳איז דאָ געווען אַ הפקר־וועלט. עס איז שוין אַפילו נישט פאַרגעקומען קיין אַפּעל, ד״ה, מען האָט שוין אונדז אַפילו נישט אָפּגעציילט. איך האָב געזען, אַז טייל מענטשן פון אונדזער טראַנספּאָרט גייען שוין אָנגעטאָן אין מלבושים. האָב איך מיך אַרויסגעדרייט פון טראָגן די טויטע און כ׳בין געלאָפן צום פּלאַץ, וואו מיר האָבן נעכטן ביי נאַכט געמוזט איבערלאָזן דאָס אָנטועכץ. אויס מורא האָב איך גיך געכאַפּט וואָס עס איז מיר געקומען אין די הענט אַריין און כ׳האָב מיך אָנגעטאָן.

קיין עסן האָבן מיר דאָ נישט באַקומען. דאָ איז געווען אַ שטיקל „קאַפּאָ" אַ ציגיינער (כ׳ווייס נישט, ווי אַזוי דעם ציגיינער האָט זיך איינגעגעבן אַרויסצודרייען פון טויט. די ציגיינערס האָבן די נאַציס נישט גענומען אויף אַרבעט, נאָר זיי אַלע אומגעבראַכט), וואָס האָט אָנגעפירט מיט אַרבעטערס ביים גראָבן אַ גרוב. בין איך צוגעגאַנגען און אים געזאָגט: „איך וויל אַרבעטן, נאָר זאָלסט מיר געבן פאַר מיין אַרבעט אַ זופּ". האָט ער מיר צוגעזאָגט. איך האָב געאַרבעט פלייסיק. עס זיינען אַוועק אַ עטלעכע שעה, האָב איך אים געזאָגט: „גיב מיר די זופּ". האָט ער זיך געמאַכט ווי געפּגרט. אַ פּאָר שעה שפּעטער האָב איך ווידער דערמאָנט די זופּ, האָט ער זיך ווידער געמאַכט נישט וויסנדיק. דער הונגער האָט מיך געפּייניקט, דער קאָפּ האָט מיר שרעקלעך ווי געטאָן, דער שפּאַדל איז מיר ממש פון די הענט געפאַלן. האָב איך ריזיקירט און בין נעלם געוואָרן פון דער אַרבעט און אַוועק צו מיין באַראַק.

לעבן מיר איז געלעגן אַ יונגער מענטש אויף אַ פּריטשע און גע־

גוססט. אונטער זיין פריטשע זיינען געשטאַנען זיינע האַלצענע שיך מיט לעדערנע כאַליעוועס. איך בין כמעט באָרוועס. ס׳איז חודש מערץ און ס׳איז נאָך קאַלט. דאָס פעלט מיר נאָך — אַ פאַרקילונג. האָב איך באַשלאָסן, איידער אַ צווייטער זאָל ירשענען די שיך, זאָל איך זיי צונעמען. כ׳האָב מיך נישט אָוועקגערוקט פון אָרט. איך האָב געקוקט אויף זיין פנים און געהיט די שיך. ווי נאָר ער האָט אויסגעהויכט די נשמה, האָב איך מיט שאַנד פאַר מיר אַליין גענומען די שיך און כ׳האָב זיי אָנגעטאָן.

אין וואַטענשטאַט זיינען געווען קאַצעטלערס פון גאַנץ אייראָפּע, אָבער געליטן פון אַנטיסעמיטיזם האָבן מיר נאָר פון די רוסן. אַפילו די פּאָליאַקן האָבן אונדז נישט געטשעפּעט, שוין אָפּגערעדט פון די בעלגיער און האָ־לענדער. דאָס זיינען אַלץ געווען יונגע רוסן, געבוירענע נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, דערפאַר האָב איך מיינע אייגענע אויגן נישט געגלייבט. איך האָב אַלץ געמיינט, אַז זיי קומען פון אוקראַאינישן טייל, וואָס איז גע־ווען אונטער דער הערשאַפט פון דער אַנטיסעמיטישער סאַנאַציע אין פּוילן. עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז זיי קומען כמעט אַלע פון אַרום מאָסקווע. ווער פון זיי עס האָט געזען אַ ייד, האָט ער געשריען: „זשיד, יעבו טוואָיאַ מאַטש!״

די רוסן האָבן באַקומען די זעלביקע פּאַרציע ברויט וואָס מיר יידן. ווי נאָר מיר האָבן באַקומען דאָס שטיקל ברויט, האָבן זיי עס אַרויס־געריסן פון אונדזערע הענט. ווען עס איז פאָרגעקומען אַן אַלאַרם, און באָמבעס זיינען געפאַלן, און די באַראַקן האָבן געציטערט — זיינען די רוסן אַרונטער אונטער די טישן און בענק און האָבן זיך געצלמט. איך האָב מיך געוואונדערט: אַט דאָס איז די מאַרקסיסטיש־לעניניסטישע דערציאונג? זיי האָבן דאָך געזאָגט: „רעליגיע איז אָפּיום פאַרן פאָלק״?

אין דעם קאָנצענטראַציע־לאַגער וואַטענשטאַט זיינען געווען טויזנטער שקלאַפן פון גאַנץ אייראָפּע. זיי האָבן געאַרבעט אין דער גיגאַנטישער אַמוניציע־פאַבריק פון די „הערמאַן גערינגס ווערקע״ אויף אַ שטח פון אַ פּאָר צענדליק קילאָמעטערס. מען האָט אַהערגענומען עטלעכע צענדליק פון אונדזער טראַנספּאָרט. איינער האָט דערציילט: „די פאַבריק ווערט כמעט נישט באָמבאַרדירט. די אַליאירטע עראָפּלאַנען קומען צו פליען און וואַרפן אַ מאָל אַראָפּ אויף דער פאַבריק אַ קליינטשיק באָמבעלע, וואָס רייסט אָפּ אַ שטיקל דאַך״. האָט מיין חבר פוקס געזאָגט: „מסתמא געהערן „הערמאַן גערינגס ווערקע״ צו איינעם פון די אַלי־אירטע. געשעפט איז געשעפט.״

אין אינדערפרי האָט אונדז הערמאַן געמאָלדן: „יונגען, איר פאָרט אַוועק. מיר גייען באַלד צו דער באַן. דער לאַגער ווערט ליקווידירט".
און דער מערדער האָט צוגעגעבן, אָראַטאָריש: „יונגען, יונגען, מוט פאַרלוירן, אַלץ פאַרלוירן. יעדע מינוט קענען מיר באַפרייט ווערן!"

אַ שעה שפּעטער האָט מען אַלע אָפּטיילונגען פון דעם לאַגער וואַטענשטאַט אויסגעשטעלט צו פינף אין אַ ריי, אָבער די יידן באַזונדער. מיר האָבן אַלע בראש פון משוגענעם הערמאַן מאַרשירט צו דער באַן. מיר זיינען געגאַנגען דורך פוסטע פעלדער אַן ערך דריי-פיר קילאָמעטערס, ביז מען איז צוגעקומען צו דער באַן און געבליבן שטיין. באַלד האָט הערמאַן אויף אַ פריילעכן אופן געמאָלדן: יונגען, צוריק אין לאַגער! און ער האָט אָנגעהויבן זינגען דאָס קאַצעטן-ליד פון לאַגער נויגאַמע:

„אין נויגאַמע, נישט ווייט פון האַמבורג,
צוויי הונדערט טויזנט יונגע מענער".

ווען מען איז צוריקגעקומען אין לאַגער, האָט הערמאַן געזאָגט: יונגען, יונגען, איך גלייב, אַז דער קריג איז שוין געענדיקט.

מיר יידן האָבן קאָמענטירט: אַז די באַן גייט שוין נישט, איז טאַקע אַ סימן, אַז ס'איז שוין אויס מילחמה.

מען האָט אויסגעטיילט די זופּ. דאָס מאָל האָט מען געגעסן מיט אַן אַנדער געפיל, מיט האָפענונג, אַז אָט-אָט און מיר ווערן אויסגעלייזט פון די צרות.

מען האָט נאָך נישט באַוויזן אַוועקצושטעלן די ליידיקע שיסלען, האָט הערמאַן אַ שריי געגעבן: „יונגען, יונגען, איינטרעטן! צו פינף אין אַ ריי!" מיר האָבן אויסגעפירט זיין באַפעל און ער האָט אַ ריטשע געטאָן: "אָפּמאַרשירן! לינקס, צוויי, דריי, פיר! לינקס, צוויי, דריי, פיר!" ער איז געגאַנגען אין שפּיץ.

פאַר אונדז און הינטער אונדז האָבן מאַרשירט: רוסן, פּאָליאַקן, האָלענדער, בעלגיער און פראַנצויזן. ווען מען איז צוגעקומען צום צוג, האָט יעדער ייד מורא געהאַט צו זיין מיט די רוסן צוזאַמען אין אַ וואַגאָן. איך האָב מיך צוריקגעהאַלטן פון אַריינגיין אין צוג. כ'האָב מיך געשאַרט אויף צוריק. ווען כ'האָב געזען, אַז אַלע רוסן זיינען שוין אין די וואַגאָנען, בין איך אַריין אין אַ וואַגאָן, אָבער כ'בין באַלד צוריק אַראָפּ, ווייל אויף דער פּאָדלאָגע איז געווען אָנגעשאָטן צעמענט מיט קאַלך, וואָס פון דעם האָט מען געקענט דערשטיקט ווערן.

אַזוי איז געווען אין אַלע וואַגאָנען. קיין עס-עס-לייט זיינען דאָ

נישט געווען, האָט מען אויפגעהויבן פון דער ערד קורצע ברעטער און גיך־גיך אַרויסגעשאָרט דורך דער טיר פון וואַגאָן דעם צעמענט און קאַלך. אָבער וויפל האָט מען געקענט אויסריייניקן? ס'איז נאָך געבליבן גענוג אויף די ברעטער און אין די שפּאַלטן צווישן די ברעטער, אַז עס זאָל אונדז פאַרשאַטן צום געזונט.

מיר זיינען געפאָרן אַ גאַנצע נאַכט. צו מאָרגנס זיינען מיר געבליבן שטיין. מען האָט אויסגעקוקט אויף עסן, אָבער קיינער האָט נישט געבראַכט. מיר זיינען ווידער געפאָרן און ווידער איז דער צוג שטיין געבליבן. יעדער מאָל האָט מען אַרויסגעטראָגן געשטאָרבענע פון די וואַגאָנען. מען האָט אונדז נישט געגעבן נישט קיין ברויט און נישט וואַסער. דעם פינפטן טאָג איז מען געבליבן שטיין הינטער וויטענבערג. דאָ זיינען געווען אַ סך רעלסן מיט אַ סך פראַכטצוגן. מען האָט דערלויבט אַרויסצוגיין פון די וואַגאָנען. זיינען אַ סך אַרויס זיך פאַרשאַפן עפּעס עסן. די מענטשן האָבן דערזען אַן אָפענעם וואַגאָן מיט קאַרטאָפל, זיינען זיי אים באַפאַלן ווי די פליגן. צווישן זיי איז אויך געווען דער פּאַליאַק קאַראַל פון עלזאַס לאַטערינגען. האָט דער יונגער עס־עס־מאַן, וואָס האָט נאָך פון פריער געהאַט אַ האַרץ אויף אים און געוואָלט נקמה נעמען, דאָס מאָל אויסגענוצט די געלעגנהייט און אים דערשאָסן.

דעם זעקסטן טאָג האָבן די עס־עס אויסגעקליבן אַן אָנפירער אין וואַגאָן, אַריינגעגעבן גאַנצע מיליטערישע ברייטלעך פאַר פיר מאַן אַ ברויט. דער אָנפירער האָט צעפּערטלט די איינקילאָדיקע ברייטלעך און אויסגעטיילט. אין וואַגאָן איז שוין אַצינד געווען גרוימער, ווייל אַ סך זיינען אויסגעשטאָרבן, אָבער מען האָט שוין אויפגעהערט אַרויסצונעמען די טויטע. מיינע שכנים אין וואַגאָן האָבן זיך געטיילט מיטן אָנטועכץ פון אַ דערביי־ליגנדיקן מת. איינער האָט פון אים אַראָפּגעצויגן די שקאַרפּעטקעס, אַ צווייטער האָט גענומען זיין מאַנטל. איך האָב געוואַרט אויף זיין פאַרציע ברויט. דער טויטער איז געווען אַן אַכצן־יאָריקער בחור פון לאָדזש.

נאָך זיבן מעת־לעת שלעפּן זיך הין און צוריק, איז דער צוג געבליבן שטיין אין אַ וואַלד און מען האָט אונדז אַרויסגענומען פון די וואַגאָנען. די טויטע זיינען געבליבן אין די וואַגאָנען. מיר זיינען געגאַנגען אַרום צוויי קילאָמעטערס און מיר זיינען אַריינגעקומען אין לאַגער ראַווענסבריק.

דאָ זיינען געווען אַ סך באַראַקן און אַרום איין באַראַק זיינען געלעגן

הונדערטער טויטע און גוססדיקע קאַצעטלערס. צו די האָט מען אַנידער־געלייגט די פאַרחלשטע פון הונגער פון אונדזער טראַנספּאָרט. ווען מען וואָלט זיי געגעבן אַ ביסל וואַסער מיט אַ שטיקל ברויט, וואָלטן זיי אויפגעלעבט. צווישן די זיינען געווען וולאַדעק פיין און בילסקי, דער דירעקטאָר פון אַרבעטסאַמט אין לאָדזשער געטאָ.

ראַווענסבריק איז געווען אַ גרויסער קאָנצענטראַציע־לאַגער פאַר פרויען מיט אַ סך אָפּטיילונגען.

פון איין אָפּטייל האָבן זיי אַרויסגעפירט די פרויען־קאַצעטלערינס און אונדז אַריינגעפירט אַהין.

פאַר נאַכט האָט זיך צו אונדז אין באַראַק אַריינגעשאַרט פון פרויען־לאַגער אַ יונגע יידישע פרוי פון לאָדזשער געטאָ, ווי אַזוי זי האָט דאָס געמאַכט, ווייס איך נישט. עס האָט שוין געהערשט קיין פולע דיס־ציפּלין אין דעם לאַגער. זי האָט געהערט, אַז דאָ זיינען געקומען יידן, וואָס זיינען געווען אין לאָדזשער געטאָ, האָט זי גערעכנט, אפשר געפינט זיך דאָ איר מאַן. איך האָב געקענט זי, איר מאַן און אויך זיינע עלטערן. האָב איך איר געזאָגט: „אייער מאַן איז בכלל נישט געשיקט געוואָרן פון אוישוויץ מיט אונדזער טראַנספּאָרט”. זי האָט דערציילט, אַז איר טראַנספּאָרט פון אוישוויץ איז געשיקט געוואָרן אין אַן אַמוניציע־פאַבריק הינטער האַנאָווער, די פאַבריק איז אָפּגעשטעלט געוואָרן, האָט מען זיי אַריינגעשיקט קיין ראַווענסבריק. יעדער האָט זי געפרעגט: אפשר איז דאָ מיט איר זיינס אַ קרובה, אַ ווייב, אַ שוועסטער, אַ מאַמע. איך האָב זי געפרעגט: איז אפשר דאָ מיט אייך רעגינאַ זאַיאָנץ? האָט זי געענטפערט: ניין.

רעגינע איז געווען די פרוי פון מיין חבר, דעם קונסטמאָלער דוד זאַיאָנץ, וואָס האָט געצייכנט די הילע פון מיין ערשט ביכל לידער „יונג־גרין־מאַי”. ער איז אַנהייב מלחמה אַוועק קיין רוסלאַנד. זי איז נישט מיטגעפאָרן, ווייל זי האָט געזאָגט: „איך וויל נישט מיטפאָרן, ווייל כ׳גלייב נישט סטאַלינען מיט דעם „רויטן היטל”.

רעגינע איז געווען אַ וואונדערלעכע שיינהייט. זי האָט געשטאַמט פון אַ חסידישער היים אין שטעטעלע פיאַנטקע. ווען זי איז געלאָפן אין געטאָ אַריין, האָט זי אַראָפּגעטראָגן די קעלער עטלעכע צענדליק אייל־בילדער און אַקוואַרעלן פון איר מאַן. זי איז מיט מיר צוזאַמען געפאָרן אין איין וואַגאָן נאָך אוישוויץ. נישט ער און נישט זי זיינען געבליבן לעבן.

פון „שווייץ" אין אַ טויטלאַגער

עס האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג: יידן וועט מען שיקן קיין שווייצאַריע. מען האָט געגעבן אַ באַפעל, אַז אַלע יידן זאָלן זיך אויס־שטעלן צו פינף אין אַ ריי. האָט מען באַלד אויסגעפירט דעם באַפעל. אַ דייטש אַ „קאַ־פּאָ" (קאַמעראַדן־פּאָליציי) האָט אונדז געוויזן, ווי אין פּרויען־לאַגער שטייען ווייסע אויטאָס פון „רויטן קרייץ", און ער האָט געזאָגט מיט קינאה: „די יידישע פרויען וועלן פאָרן מיטן „רויטן קרייץ" קיין שווייצאַריע".

די יידן האָט מען נאָך עטלעכע מאָל איבערגעציילט און געגעבן אַ באַזונדערן באַראַק. שפּעטער האָט מען אונדז אויסגעטיילט פּעקלעך שפּייז פון „רויטן קרייץ". האָט מען זיך צוגעכאַפּט צום עסן. אַ סך טויט־אויס־געהונגערטע פון אונדז האָבן זיך צוגעכאַפּט צו די פאַרשיידענע קאָנ־סערוון־פּושקעס און שאָקאָלאַד. מען האָט פאַרגעסן, אַז דער מאָגן איז שוין אָפּגעוואוינט פון אַזעלכע שפּייזן, האָבן טאַקע אַ סך באַקומען אַ געפערלעכן שילשול און אַ טייל זיינען אויך געשטאָרבן.

נאָך מיטאָג האָט מען די יידן געהייסן זיך אויסשטעלן אין דרויסן צו פינף אין אַ ריי. מען האָט אונדז געזאָגט: „איר פאָרט קיין שווייצאַ־ריע". מען האָט אונדז אויסגעטיילט צו פערטלעך ברויט פון פינף און צוואַנציק דעקאַ און מיר האָבן אָפּגעמאַרשירט צו דער באַן. אַציננד האָבן אונדז געפירט אַנדערע עס־עס־לייט, „בעסערע" — אַ גאַנצער פּראַכטצוג נאָר פאַר יידן. עס איז נישט געווען אויסגעשאָטן קיין כלאָר אויף דער פּאָדלאָגע, איז דאָס טאַקע געווען אַ סימן פאַר אונדז, אַז מען פירט אונדז אין דער שווייץ און אַז מיר זיינען שוין פריי.

מיר זיינען געפאָרן אַן ערך אַ האַלבע שעה און עס האָט זיך צו אונדז דערטראָגן אַ געזאַנג פון „התקוה". באַלד האָט מען אויפגערוקט דעם טויער פון דרויסן פון אונדזער וואַגאָן און עס איז אַריינגעקומען אַ ייד אין ציווילע קליידער מיט געלע לאַטעס אין פאָרעם פון אַ מגן־דוד, מיט אַ שוואַרצער אויפשריפט „יודע". ער האָט באַלד אָנגעהויבן אַ דרשה אין אַ פּרעכטיקן דייטש: ברידער, יידן! איר זענט שוין פריי! מען פירט אייך קיין שווייצאַריע אויסצובייטן אויף פאַרוואונדעטע דייטשע סאָלדאַטן. נישט נאָר איר לײדט, אויך די דייטשן ליידן. דאָ פאָרט מיט אייך אַ דייטשער זעלנער — ווייזט ער אָן אויף דעם עס־עס־מאַן, וואָס היט אונדז מיט אַן אָנגעלאָדענער ביקס — ער ליידט אויך, ער איז אויך ווייט פון זיין הויז, פון זיין פאַמיליע, ער איז אייערס אַ קאַמעראַד, איר האָט באַ־

קומען פּעקלעך און ער האָט גאַרנישט. טיילט זיך מיט אים חבריש: גיט אים ציגאַרעטן, שאָקאָלאַד און אַנדערע שפּייז. איר פאָרט אין אַ לאַנד, וואו עס איז נישטאָ קיין מילחמה. דאָרטן וועט איר האָבן פון אַלעם גוטן.

נאָר עטלעכע האָבן דעם עס־עס־מאַן געגעבן שאָקאָלאַד און פּאַפּי־ראָסן. ער האָט דאָס גערן גענומען. די רעשט האָבן געטראַכט: וואָס, זיך טיילן מיט אונדזערע מערדערס?

און דער ייד האָט מיט פרייד אויסגעשריגן: „איר זענט שוין פריי! זינגט די „התקוה"!"

אונדזערע הערצער זיינען געוואָרן אָנגעפילט מיט פרייד און עס האָט זיך פון אונדז אַרויסגעריסן אַ געזאַנג פון ביטחון:

כל עוד בלבב פנימה

נפש יהודי הומיה...

דאָס זעלביקע יידל איז אַריין אין נאָענטסטן וואַגאָן. ער האָט דאָרטן מסתמא געהאַלטן די זעלביקע רעדע און באַלד האָט מען אויך פון דאָרטן געהערט זינגען די „התקוה". מיר האָבן געהאַט אַלע סימנים, אַז מיר פאָרן קיין שווייץ: מיר האָבן באַקומען פּעקלעך, דער צוג איז מיט בלויז יידן און די עס־עס־לייט זיינען צו אונדז גוט און באַגייען זיך מיט אונדז גאַרנישט ווי מיט קאַצעטלערס. זיינען מיר דאָך, הייסט עס, פריי. זיי פירן אונדז ביז שווייצאַריע און גיבן מסתמא אַכטונג, עס זאָל אונדז קיין שלעכטס נישט געשען. די נאַכט איז צוגעפאַלן און מיר זיינען איינ־געשלאָפן מיט גרויס האָפענונג.

צו מאָרגנס פרי איז דער צוג נאָך אַלץ געפאָרן. איך האָב אַרויס־געקוקט דורכן אָפענעם פענצטערל, כ'האָב געזוכט די שווייצאַרישע אַלפּן. עפּעס אַ באַרג האָב איך יאָ געזען. האָב איך געטראַכט: מסתמא זיינען מיר שוין נאָענט צו דער שווייצאַרישער גרענעץ.

מיטאָגצייט איז דער צוג געבליבן שטיין אין מיטן אַ פעלד. די טירן זיינען געווען אָפן, זיינען מיר אַרויס פון די וואַגאָנען. ווער וועט דאָס אַציינד אַנטלויפן אין אַ מידבר, בעת מען פאָרט קיין שווייצאַריע? מיר זיינען אַלע געווען דורשטיק פון עסן די קאָנסערוון פון די פּעקלעך און קיין וואַסער איז נישט געווען. האָב איך מיך געלאָזט אין פעלד אַריין זוכן וואַסער. דער אינסטינקט האָט מיר אונטערגעזאָגט: דריי דיך אויס. האָב איך אַזוי געטאָן און האָב דערזען: לעבן דער באַן צילט אויף מיר אַן עס־עס־מאַן מיט אַ ביקס. האָב איך גיך אויפגעהויבן די הענט און אַזוי אַ נאָך בין איך צו אים צוגעגאַנגען. ער האָט מיך געפרעגט: „זוכסטו

וואָסער?" האָב איך אים געענטפערט: „יאָ". ער האָט אַראָפּגעלאָזט די ביקס. די עס־עס האָבן מסתמא געהאַט אַן אָנזאָג אונדז נישט צו שיסן. אָבער מיך האָט געוואונדערט: אויב מיר זיינען שוין פריי, פאַר וואָס האָט ער מיך געוואָלט שיסן, ווען כ'בין געגאַנגען זוכן אַ טרונק וואָסער? מיר זיינען צוריק אַריין אין די וואַגאָנען. דער צוג איז געפאָרן. פאַר נאַכט האָט זיך דער צוג אָפּגעשטעלט און אָנשטאָט שווייצאַריע, האָט מען אונדז אַריינגעפירט אין טויטלאַגער וועבעלין, נישט ווייט פון לודוויגסלוסט.

אין וועבעלין זיינען נישט געווען קיין קרעמאַטאָריעס און נישט קיין גאַזקאַמערן, אָבער מען האָט דאָ געבראַכט קאַצעטלערס פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן, ס'רוב פראַנצויזן און רוסן, אויסצושטאַרבן. עס זיינען דאָ געווען באַראַקן אָן פּריטשעס און אָן פּאָדלאָגעס. מיר זיינען געלעגן אויף דער הוילער ערד, אויפן זאַמד, ס'זיינען נישט געווען נישט קיין טירן און נישט קיין פענצטערס, נאָר לעכער. מען האָט נישט באַקומען נישט קיין זופּ און נישט קיין וואַרעם וואַסער, נאָר איין מאָל אַ טאָג אַ שטיקל ברויט. מתים זיינען געלעגן לעבן די באַראַקן אָנגעלייגטע אַזוי ווי לופּעס האָלץ, הויך ביז איבערן דאַך.

ליגנדיק אויף דער הוילער ערד עטלעכע טעג, איז דעם ערשטן מאַי 1945, פאַר נאַכט, געקומען אַ באַפעל: „אויסשטעלן זיך אין דרויסן לעבן באַראַק! איר וועט גיין צו דער באַן, איר פאָרט אַוועק." איך האָב זיך קוים דערשלעפּט צו דער ריי. פאַרן אָפּמאַרשירן האָבן זיי אונדז געגעבן שטיקלעך ברויט.

בעת מיר זיינען שוין געפאָרן, האָבן מיר דערזען אַן עראָפּלאַן, דער זעלביקער איינמאָטאָריקער עראָפּלאַן, וואָס האָט געקרייזט זייער הויך איבער אונדז, בעת מען האָט אונדז געציילט פאַרן גיין צו די וואַגאָנען. דאָס איז געווען אַן אַמעריקאַנער טיפפליער. דער עראָפּלאַן האָט זיך אַראָפּגעלאָזט נידעריק און אַריינגעוואָרפן אַ באָמבקע אין לאָקאָמאָטיוו. אַזוי האָט שוין דער צוג נישט געקענט זיך רירן פון אָרט.

אין דער פרי איז געקומען דער עס־עס־אָפיציר און געהייסן עפענען די וואַגאָנען. אונדז האָט ער באַפוילן צוריקגיין אין לאַגער אַריין.

ווען מיר זיינען שוין ווידער געלעגן אויף דער פייכטער פּאָדלאָגע אין באַראַק, איז איינער פון די אונדזעריקע אַרויסגעקומען און פריידיק געמאָלדן: די עס־עס טוען זיך איבער אין ציווילע קליידער און זיי אַנטלויפן.

מיר ווערן באַפרייט

עס הערן נישט אויף די ידיעות, אַז מיר זײַנען באַפרייט, אָבער איך גלייב נאָך אַלץ נישט. איך געדענק נאָך גאַר גוט, ווי די דײַטשן האָבן געזאָגט, אַז זיי פירן אונדז קיין שווייצאַריע, אַז מיר זײַנען שוין פרײַ — און האָבן אונדז דאָ אַהער אַרײַנגעפירט צו קראַפירן. אויב אַפילו דאָס איז אמת, האָב איך שוין נישט קיין כוח אויפצונעמען די באַפרייאונג.

איך האָב געחלומט וועגן דעם מאָמענט אויפצונעמען די פרייהייט מיט פרייד און נקמה צו נעמען פון מײַנע פּײַניקערס. אָבער די עס־עס, וואָס האָבן אונדז געפּײַניקט, האָט מען איבערגעוואָרפן אין אַנדערע ערטער און די עס־עס, וואָס האָבן די אַנדערע געפּײַניקט, האָט מען איבערגעוואָרפן צו אונדז. און אין די לעצטע טעג האָבן זיי זיך געמאַכט פאַר צדיקים און אַצינד זײַנען זיי אין גאַנצן אַנטלאָפן אין ציווילע קליידער — טאָ אין וועמען זאָל איך נקמה נעמען? און ווי זאָל איך נקמה נעמען, אַז כ'האָב אַפילו נישט קיין כוח אויפצונעמען די פרייהייט?

אַט רעדט צו אונדז מיט אַ געזונטער שטים אַן אויסגעפרעסענער, וואָס האָט אונדז אויסגעטיילט די זופּן: „חברים, די רויטע אַרמיי האָט אונדז באַפרייט! מיר זײַנען שוין פרײַ! חברים, וואָס עס איז געווען, מוז מען פאַרגעסן! אַצינד הייבט זיך אָן אַ נײַ לעבן!"

ווער עס האָט געהאַט כוח צו גיין האָט פאַרלאָזט דעם לאַגער. אויף מאָרגן בין איך אַרויס פון לאַגער. אויפן וועג האָב איך געזען ציווילע דײַטשן אײַלן צוריק אַהיים מיט זייער אינווענטאַר. טויזנטער דײַטשע זעלנערס ווערן געפירט פון אַמעריקאַנער זעלנערס. האָב איך געטראַכט: אַך, ווען איך קאָן אַצינד אָן זיי נקמה נעמען! איך בין צו צו איין זעלנער און מיר געהייסן געבן זיין מיליטערישע מענאַשקע. האָט ער זיך אויף מיר צעשריגן מיט רוגזה און גרייט געווען זיך צו וואַרפן אויף מיר. אַן אַמעריקאַנער זעלנער האָט דאָס צוגעזען, האָב איך געמיינט, אַז ער וועט זיך פאַר מיר אָננעמען, אָבער ער האָט זיך נישט אָנגערופן. בין איך אַוועק און געטראַכט: ניין, די דײַטשן האָבן נישט פאַרשפּילט די מלחמה, מיר ייִדן, האָבן פאַרשפּילט, מיר האָבן געליטן און געבליבן די שולדיקע.

דעם צווייטן טאָג נאָך דער באַפרייאונג זײַנען אַרײַנגעקומען די ערשטע „שוואַלבן" אונדז אָנזאָגן, אַז מיר זײַנען שוין באַפרייט. דאָס זײַנען געקומען בעלגישע זעלנערס מיט אַן אָפיציר אויף אַ לאַסטאויטאָ.

אַלע זײַנען מיר צוגעלאָפֿן און זיי אַרומגערינגלט. דער אָפֿיציר האָט זיך אויפֿגעשטעלט אויפֿן אויטאָ און צו אונדז גערעדט אין דײַטש: איר זענט שוין פֿרייע מענטשן. די אַליִיִרטע אַרמיי האָט אײַך באַפֿרײַט. מיר ווייסן, אַז איר האָט אַ סך געליטן. מיר וועלן אײַך אויסבאָדן, אויסקליידן, געבן צו עסן, די קראַנקע היילן אין שפּיטאָלן. וויפֿל נאַציאָנאַליטעטן זענט איר דאָ? זאָל יעדער זינגען זײַן נאַציאָנאַלן הימן!"

די ערשטע האָבן געזונגען די פֿראַנצויזן — די "מאַרסיליעזע". דערנאָך: די בעלגיער, די האָלענדער, די פּאָליאַקן. צום סוף האָט דער אָפֿיציר געזאָגט: "די יידן זאָלן זינגען זייער נאַציאָנאַלן הימען!" און עס האָט זיך פֿון אונדז יידן אַרויסגעריסן די "התקוה". איך האָב געזונגען און געוויינט מיט טרערן.

אין עטלעכע טעג אַרום האָבן מיר פֿאַרלאָזן דעם קאָנצענטראַציע־לאַגער וועבעלין. מיר זײַנען געפֿאָרן דורך פֿעלדער און דערפֿער, ביז מיר זײַנען אַרײַנגעקומען אין שטאָט לודוויגסלוסט. מען האָט אונדז אַראָפּגעלאָזט לעבן אַ פֿינפֿשטאָקיקער געביידע, וואו מען האָט אונדז אײַנגעקוואַרטירט.

צווישן אונדז זײַנען געווען אַ סך שוואַכע און קראַנקע. די דאָקטוירים, וואָס זײַנען געבליבן לעבן פֿון קאַצעט, האָבן אונדז געהיילט. איין דאָקטער איז געווען פֿון לאָדזשער געטאָ.

נאָכן אָפּליגן דריי טעג אויף דער הוילער פּאָדלאָגע, האָבן געפֿאַנגענע דײַטשע זעלנערס אַרײַנגעברענגט שטרוי און אויסגעשפּרייט אויף די פּאָדלאָגעס. איך האָב מיך עפּעס צעלאַכט: ווער דאַרף שטרוי? אויף דער בלויזער פּאָדלאָגע איז שלעכט? ס'איז דאָך אַ מחיה: ס'איז נישט האַרט, ס'איז נישט נאַס, ס'איז נישט אויפֿן הוילן זאַמד. עטלעכע טעג שפּעטער האָט מען געבראַכט בעטן, האָב איך ווידער געלאַכט: משוגע! ווער באַדאַרף בעטן? אויפֿן שטרוי איז שלעכט? ס'איז דאָך אַ מחיה. עטלעכע טעג שפּעטער האָט מען אַרויסגענומען דאָס שטרוי פֿון די בעטן און אַרײַנגעלייגט מאַטראַצן מיט ליילעכער און קישעלעך און אַפֿילו אַ קאָלדרע. האָב איך זיך ווידער צעלאַכט: באמת משוגע! ווער באַדאַרף די אַלע נאַרישקייטן?

אויסער דיזענטעריע האָבן זיך אַרײַנגעכאַפּט צווישן אונדז בויכטיפֿוס און פֿלעקטיפֿוס. צווישן די טיפֿוס־קראַנקע איז אויך געווען יוסף קאָונער, באַוואוסטער לאָדזשער קונסטמאָלער, וואָס האָט געהאַט אַן אויסשטעלונג אין אָקטאָבער־נאָוועמבער 1940 אין לאָדזשער געטאָ, צוזאַ־

מען מיט דעם לאָדזשער קונסטמאָלער יצחק ברוינער. אין אָט דער אויס־שטעלונג האָבן זיך שוין געפונען חורבן־בילדער פון יידן, וואָס ווערן געטריבן אין געטאָ אַריין.

קאָוונער איז געווען זייער שעפעריש אין לאָדזשער געטאָ. ער האָט איבערגעלאָזט אין געטאָ אַריבער טויזנט אַקוואַרעלן. אַזוי האָט ער מיר דערציילט. דער גאַולייטער איבערן נייעם רייך (לאָדזש האָט געהערט צום נייעם רייך) האָט באַשטעלט ביי קאָוונערן אַ בילד פון דער בריק, וואָס האָט פאַרבונדן דעם גרעסערן מיטן קלענערן טייל געטאָ אויף דער זגיערזשער גאַס פון אַלטשטאָט און יידישער גאַס. דער גאַולייטער האָט אים צוגעזאָגט: ער וועט הייסן אים געבן אַ ברויט פון צווי קילאָ, ווען ער וועט פאַרענדיקן דאָס בילד. איך האָב געזען דאָס בילד, ווען ער האָט שוין אויף דעם געהאַט געאַרבעט אַ האַלב יאָר, און ס'איז נאָך אַלץ נישט פאַרטיק געווען. דאָס איז געווען אויף אַ לייוונט פון אַרום צווי מעטער די לענג און איין מעטער די ברייט, אין איילפאַרב מיט גרויע און בלוי־גרויע שאַטירונגען, געמאָלן נישט מיט אַ פענדזל, נאָר מיט אַ שטאָלן שפּאַכלעלע.

יצחק ברוינערן האָט מען אין אוישוויץ געשיקט אין גאַזקאַמער.ביידנס בילדער האָט מען אָפּגעפונען נאָך דער מילחמה אויפן אָרט פון לאָדזשער געטאָ. זייערע קונסטשאַפונגען זאָלן האָבן אַריינגענומען געוואָרן אין מוזעאום פון יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט אין וואַרשע.

קאָוונערן האָט דער דאָקטער פון לאָדזשער געטאָ אַרויסגעריסן פון טיפוס. ער האָט זיך שפּעטער באַזעצט אין שוועדן.

מען האָט אויף אונדז אַלעמען געשפּריצט מיט „די.די.טי.״ און די לייז זיינען אַוועקגעקומען. געשפּריצט האָט מיט אַ האַנטמאַשינדל אַ געפאַנגענער דייטשער זעלנער. האָט אים איין קראַנקער געפרעגט: איז דאָס אַ דייטשער אויסגעפינס? האָב איך אים געענטפערט: „ניין! דאָס איז אַן אַמעריקאַנער אויסגעפינס, די לייז איז אַ דייטשע המצאה!״

די אַמעריקאַנער האָבן געוואָלט וואָס גיכער פאַרמאַכן דעם שפּי־טאָל. זיי האָבן אָבער קיינעם נישט געצוואונגען מיט כוח דאָס צו טאָן. איין טאָג האָב איך זיך דעצידירט: אַוועקפאָרן. איך מיט נאָך עטלעכע הונדערט קראַנקע אויף לאַנגע לאַסטאויטאָס זיינען דעם זעלביקן טאָג אָנגעקומען אין אַ גרויסן לאַגער אין לינענבורג, וואָס איז געווען די הויפּטשטאָט אין דער ענגלישער זאָנע.

אַזוי ווי איך בין געווען אַ פּוילישער בירגער, האָט מען מיך צו

מאָרגנס אַריינגעפירט אין שפּיטאָל פאַר די פּאָליאַקן. ווי נאָר איך האָב אויפגעעפנט די טיר, האָט אַ יונגער פּאָליאַק מיך מיט בייזער „באַגריסט": „דו לעבסט נאָך?!" ער האָט דערקענט, אַז איך בין אַ ייד. עס איז מיר געוואָרן נאָך ביטערער אויפן האַרצן. דאָס האָט נאָך מיר געפעלט — צו זיין צווישן פּאָליאַקן.

לעבן מיר איז געלעגן אַן עטלעכע צוואַנציק־יאָריקער רוס. האָב איך גערעכנט, אַז ער מוז זיכער זיין אַ יידן־פריינד, ווייל ער האָט מיר דערציילט: „איך בין געבוירן אין דער רעוואָלוציע, כ'האָב געהערט צו די „פּיאָנערן", דערנאָך צום „קאָמסאָמאָל", שפּעטער בין איך געווען אַ מיט־גליד פון דער פּאַרטיי. כ'בין געווען אַ דירעקטאָר פון אַ פאַבריק..."

— ווי אַזוי קומסטו קיין דייטשלאַנד? — האָב איך אים געפרעגט.

— כ'בין געווען אין מיליטער, האָט דער גערמאַן מיך געפאַנגען, אין זיין מאַמען אַריין! — האָט ער געענטפערט.

— האָבן די יידן העלדיש געקעמפט קעגן די נאַציס? — האָב איך אים געפרעגט.

— וואָס? די יידן? אַ ייד נעמט אַ וואַליזקע מיט דאָלאַרן און ער באַ־האַלט זיך ערגעץ אין סיביר. די יידן ביי אונדז אין רוסלאַנד פאַרנעמען די בעסטע פּאָסטנס: אַ ייד איז אַ דאָקטער, אַן אינזשינער, אָדער אַ בוכ־האַלטער, אָדער אַ וויסנשאַפטלער, אָדער אַ דירעקטאָר, אין זייער מאַמען אַריין!

עס איז מיר געוואָרן פינצטער אין די אויגן, הערנדיק אַזעלכע רייד פון אַ רעוואָלוציאָנערן קאָמוניסט.

טאָג און נאַכט האָט מען דאָ גערעדט קעגן יידן. איין שגץ, אַ פּאָליאַק, אַן אָפּגעשוואַכטער פון הונגערן, האָט דערציילט: „ביי אונדז אין שטעטל איז געווען אַ ייד מיט אַ לאַנגער באָרד, האָט ער געהאַנדלט מיט מילך. יעדער פאַרטאָג און יעדער פאַרנאַכט איז ער געגאַנגען מיט צוויי גרויסע קאַנען אין דאָרף אַריין נאָך מילך. ער האָט געמוזט זען, ווי אַזוי מען מעלקט אויס די קו. אויפן וועג האָט ער זיך געמאָדליעט (געדאַוונט, געמיינט: געזאָגט תהילים). איין פאַרנאַכט האָב איך מיט נאָך עטלעכע כלאָפּצעס אָפּגעוואַרט דעם זשיד און מיר האָבן אים געכאַפּט. מען האָט אים צוגעפירט צום טייך און איך האָב אים געזאָגט: זשידזשע, צלם דיך און זאָג, אַז דו האָסט ליב דעם פּאַן יעזוס און אַז ער איז דיין גאָט, אויב

נישט וועלן מיר דיך דאָ דערטרינקען. דער זשיד האָט נישט געפאָלגט, האָבן מיר אים אָנגעכאַפּט און אים אַריינגעלאָזט אין טיפן טייך. מיר האָבן אים אָנגעהאַלטן און איך האָב אים געזאָגט: זאָגסט צי נישט? אויב נישט דערטרינקען מיר דיך! און ער האָט נישט געזאָגט. וואָס אַ זשיד איז!"

* * *

איך בין נאָך אָפּגעזעסן אין ליבענבורג עטלעכע וואָכן. איך האָב אויך דאָ, שוין נאָך דער באַפרייאונג, געהאַט קאַלטס און וואַרעמס. אויסער דער „שיינער" געזעלשאַפט פון די פאַרשידענע אַנטיסעמיטישע לאַגערניקעס, בין איך נאָך אַלץ געווען אָפּגעשוואַכט פון הונגער און נישט געקומען צו זיך פון די קראַנקייטן. אָבער סוף־סוף איז דאָך געקומען דער גליקלעכער טאָג: נאָך פאַרשיידענע גילגולים דאָ און אין אַנדערע לאַגערן בין איך אָנגעקומען קיין שוועדן, וואו עס האָט זיך אָנגעהויבן פאַר מיר אַ ניי לעבן אין אַ פרייערער וועלט.

ביבליאָגראַפֿיע

ביבליאָגראַפיע*

ווערק

1. אויף קידוש השם און אַנדערע דערציילונגען

מיט א הקדמה פון ד"ר א. מוקדוני. ניו־יאָרק, ירחמיאל בריקס בוך־קאָמיטעט, מיט דער מיטהילף פון דוד איגנאַטאָוו ליטעראַטור־פאָנד, 1952. 144 זז'.

צווייטער טייל: 1. א בריוו פון מאַני לייב. 2. א קאַץ אין געטאָ. 3. בערעלע אין געטאָ.

צווייטע אויפלאַגע: ניו־יאָרק, 1953, מיט א וואָרט פון מחבר.
דריטע פאַרבעסערטע אויפלאַגע: ניו־יאָרק, 1954.
פערטע אויפלאַגע: ניו־יאָרק, 1956.

איבערזעצונגען:

על קידוש השם. ספורים. תרגם מאידית אלחנן אינדלמן. מבוא מאת דב סדן. דיוקן המחבר מאת רפאל סויאר. ניו־יורק, תש"ל—1970. 176 זז'.

די דערציילונגען „ברלה בגיטו" און „דין־תורה עם ריבונו של עולם" זיינען איבערגעזעצט פון עקיבא שטראוס.

The Sanctification of God's name, see No. 6.

2. געטאָ פאַבריק 76 („כעמישע אָפפאַל פערוווערטונג")

פּאָעמע. ניו־יאָרק, ירחמיאל בריקס בוך־קאָמיטעט, מיט דער מיטהילף פון „יוסף וווינעצקי־פאָנד" ביים יידישן פ.ע.נ.־קלוב, תשכ"ז—1967. 56[8], 55 זז'.

יידיש און ענגליש. ענגליש טיטלבלאַט:

Ghetto Factory 76 (Chemical waste conver-

---

* די ביבליאָגראַפיע איז באַאַרבעט בלויז אויפן סמך פון די פאַרבליבענע פאַרצייכענונגען פון מחבר, אויסער עטלעכע נייע פּאָזיציעס וועגן זיין טויט.

sion). Poem. Translated from Yiddish by Theodor Primack and Eugen Kullmann, with a forword by Isaac Bashevis Singer.

מיט מעלאָדיעס צום מחבר דריי פּאָעמעס: צווייגן, נישט פאַר־צווייפלען, דו אַ נענופאַר.

3. **די וואָס זיינען נישט געבליבן**

דערציילונגען. ניו־יאָרק־תּל־אביב, ירחמיאל בריקס בוך־קאָמיטעט, מיט דער מיטהילף פון יידישן פ.ע.נ.־קלוב, 1972. 133 זז'.

4. **יונג גרין מאַי**

(לידער). לאָדזש, 1939. 46 זז'.

5. **די פּאַפּירענע קרוין**

נאָוועלע. צווייטער טייל [פון] דער „קייסער" אין געטאָ, מיט אַ הקדמה פון פּראָפ' נחמן בלומענטאַל; מיין קרעדאָ, עסיי. ניו־יאָרק־תּל־אביב, ירחמיאל בריקס בוך־קאָמיטעט, מיט דער מיט־הילף פון יידישן פ.ע.נ.־קלוב, 1969. 199 זז'.

6. **אַ קאַץ אין געטאָ**

זע נומ' 1.

איבערזעצונגען:

חתול בגטו

ספּור. תרגם מאידית אלחנן אינדלמן. תדפּיס מתוך „הדואר". ניו־יורק, תשכ"ו—1966. 90 זז'.

בסוף: „לחנים לשירי־העם שבספּור „חתול בגטו".

A cat in the Ghetto. Four novelettes. Translated from the original Yiddish by Dr. Morris Engel, with an introduction by Sol Liptzin and preface by Irving Howe [with a letter by Eleanor Roosevelt]. New York, Bloch Publishing Company, 1959. 160 p.

Includes also: A cupboard in the Ghetto; Sanctification of God's name; Berele in the Ghetto.

At the end: Folk-melodies to the folksongs in "A cat in the Ghetto."

7. דער „קייסער" אין געטאָ

נאָוועלע. מיט אַ הקדמה פֿון ב. י. ביאַלאָסטאָצקי. ניו־יאָרק, ירחמיאל בריקס בוך־קאָמיטעט, מיט דער מיטהילף פֿון „יוסף ווינעצקי־פֿאָנד", 1961. 247 זז'.

צווייטע אויפֿלאַגע: ניו־יאָרק, 1963.

פֿראַגמענטן פֿון ווערק, איינצלנע דערציילונגען און לידער

8. די אַנטלויפֿערס

8א. פֿון גסיסה צום לעבן

(8, 8א:) מעמוארן פֿון געטאָס און קאַצעטן.
ניו־יאָרק, 1975. 272 זז'.

9. אויפֿן מאַרק אין לאָדזשער געטאָ

„לעבנס פֿראַגן", תל־אביב, אַפּריל 1958; „יום־טוב בלעטער", יאָהאַנעסבורג, אַפּריל 1966.

10. אַזוי האָט עס זיך אָנגעהויבן

„זאַמלונגען", נ"י, נומ' 48, 1971. זז' 15־23.

11. איך אַנטלויף [פֿון „אַנטלויפֿערס"]

„פֿאָלק און וועלט", נ"י, אַפּריל־מיי, 1971, זז' 6־11;
„יום־טוב בלעטער", יאָהאַנעסבורג, ראש־השנה־נומער תשל"ב.

12. אין אַ פּאַרטיזאַנער... אין אַ פֿאַרטיערניע

„לעבנס פֿראַגן", תל־אביב, אַפּריל־מיי, 1959.

13. אין געפֿאַנגען־לאַגער ביי די דייטשן [פֿון „אַנטלויפֿערס"]

„אויפֿן שוועל", נ"י־מעקסיקע, מאַרץ־אַפּריל, 1973.

14. אין די טעג פון פחד און קדושה

„פּאָלק און וועלט", נ"י, אַפּריל 1959, זז' 28-31;
„קענעדער אָדלער", מאָנטרעאָל, אַפּריל 16, 1959;
„דער מאָמענט", מאָנטעווידעאָ, אַפּריל 28, 1959;
„דרום־אַפריקע", יאָהאַנעסבורג, מאַרץ־אַפּריל, 1969, ז' 8-10.
„אונזער וועג", פּאַריז, סעפּט' 1972.

15. אין טירצוכט

„היימיש", תּל־אביב, נומ' 40.

16. אין יתומים־הויז אין געטאָ

„פּאָלק און וועלט", נ"י, מיי 1963, זז' 5-9;
„קענעדער אָדלער", מאָנטרעאָל, ערב ראש השנה תשכ"ד.

17. אין לאַגער פּאָדגוזש [פון „אַנטלויפערס"]

„אויפן שוועל", נ"י־מעקסיקע, מאַרץ־יוני, 1971, זז' 15-17.

18. אין לאָדזשער געטאָ

„דער אמעריקאַנער", נ"י, יאַנ' 9, 1959, זז' 12-13.

19. אין קאָשמאַר [פון „אַנטלויפערס"]

„דער אמעריקאַנער", נ"י, יאַנ' 9, 1959, זז' 12-13.

20. אַן אַלטע דיכטערין אין געטאָ [וועגן מרים אולינאָווער]

„פּאַרויס", מעקסיקע, אַפּריל 1962, זז' 6-9.

21. דער אַלטער רבי

„טאָג", נ"י, אַפּריל 15, 16, 1951.

22. אַלטער שנור פון לאָדזשער געטאָ

„אַלגעמיינער זשורנאַל", נ"י, סעפּט' 13, 1974.

23. אַלייען [ליד]

„אינדזל", לאָדזש, פעב' 1937.

24. אַנטלויפֿערס

„זאמלונגען", נ"י, נומ' 52, 1972, זז' 46-57.
„דרום־אפריקע" יאָהאַנעסבורג, מערץ־אַפּריל, 1973, זז' 5-8;
דאַרטן, מיי־יוני, 1973, זז' 18-20.

25. בערעלע אין געטאָ

„קינדער זשורנאַל", נ"י, נאָוו' 1946;
„די יידישע צייטונג", בוענאָס איירעס, מאַרץ 14, 21, 31, 1947;
„אויפֿסניי", פּאַריז, אַפּריל 1947;
„אונזער שטימע", פּאַריז, אַפּריל 5-10, 1967.
„אַרגענטינערביימעלעך", בוענאָס איירעס, מיי 13, 1947;

26. ברויט

„אונזער צייט", נ"י, יוני 1959.

27. גוסטאַווס סוף

„זאמלונגען", נ"י, הארבסט 1969, זז' 116—121.

28. געטאָ־ און קאָנצענטראַציע־לאַגער לידער

[ווי לאַנג נאָך? ווער זאָל דיך טרייסטן? זיבן און צוואַנציק;
אַ נאַצי געטאָ־טיפּ; קאַצעטן; עס מאַרשירט די באַפרייונגס־אַרמיי;
וווהין?]

„יידישע קולטור", נ"י, אַפּריל 1970, זז' 9-11.

29. געטאָ־פֿאַבריק (כעמישע אָפּפֿאַל־פֿערוווערטונג)

„אונזער צייט", נ"י, אַפּריל־מיי, 1960, זז' 55-58;
„יידישע קולטור", נ"י, דעצ' 1966, זז' 43-48.

30. געפֿאַנגען ביי די דייטשן (אַ געפֿאַנגענער ביי די דייטשע באַנדיטן) [פֿון „אַנטלויפֿערס"]

„דער וועג", מעקסיקע, מיי 26, 1970;

„פאָלק און וועלט", נ"י, אויג'-סעפט' 1971, זז' 34-31;
„אונזער וועג", פּאַריז, אפּריל 14, 1972.

31. **דער געפאַנגענער** [ליד]

„טאָג", נ"י, סעפּט' 19, 1951.

32. **גערטנער אין געטאָ** [מיט אַ לענגערער נאָטיץ פון רעדאַקציע]

„מאָרגן-פרייהייט", נ"י, אפּריל 15, 1959.
דו אַ נענופאַר [ליד]
„יידישע קולטור", נ"י, אפּריל 1966, ז' 59.

33. **Du a Nenufar.** Muzyka: Wiliam Gunter.
"Nasz Glos", dodatek do "Folks Sztime", Warszawa, Aug. 13, 1966.

34. **די וואָס זיינען נישט געבליבן**

„יידישע קולטור", נ"י, נומערן 5—9, סעפּט'-נאָוו', 1971.

35. **דריי געטאָ לידער**

„פאָרווערטס", נ"י, אפּריל 1974.

36. **דורך-אָרץ פאַר דעם „קייסער"**

„דער שפּיגל", בוענאָס איירעס, אָקט' 1954, זז' 8-9.

37. **הושענא רבה אין אוישוויץ**

„דער אמעריקאנער", נ"י, סעפּט' 30, 1953;
דאָרטן, סעפּט' 26, 1958.

38. **די העלדישע מאַמע פון אוישוויץ**

„פאָרווערטס", נ"י, אפּריל 2, 1949.

39. **וואוהין?** [ליד]

„זאמלונג פון קאצעט און געטאָ לידער", געזאמלט פון זאמי פעדער. בערגען-בעלזען, 1946.

40. ווער? [ליד]

„נייוועלט", תל־אביב, דעצ' 21, 1945.

41. „זאַנדער"־פּאָליציי

„דרום־אפריקע", יאָהאַנעסבורג, מאַרץ־אַפּריל, 1969. ז' 11.

42. זכור—געדענק!

„פאָרווערטס", נ"י, אַפּריל 14, 1974.

43. חבר גוסטאַוו

„אויפן שוועל", נ"י־מעקסיקע, מיי־יוני, 1967, זז' 11־12.

44. חבר זיידע

„אונזער צייט", נ"י, אַפּריל־מיי, 1956, זז' 54־57.

45. חנוכה אין לאָדזשער געטאָ

„טאָג מאָרגען־זשורנאַל", נ"י, דעצ' 9, 1966;
„נייע יידישע צייטונג", מינכן, דעצ' 17, 1971;
„אונזער וועג", פּאַריז, דעצ' 25, 1971;
„יום־טוב בלעטער", יאָהאַנעסבורג, חנוכה־נומער, תשל"ב.

46. אַ טראַגעדיע צוליב איין לאָקש

„אילוסטרירטע ליטעראַרישע בלעטער", בוענאָס איירעס, מערץ־אַפּריל, 1958.

47. ליטעראַטן אין געטאָ

„אונדזער וועג", נ"י, מיי־יולי, 1963.

48. אַ ליטעראַרישער אָוונט אין יתומים־הויז אין געטאָ

„קענעדער אָדלער", מאָנטרעאָל, אַפּריל 29, 1962;
„פאָלק און וועלט", נ"י, אַפּריל־מיי, 1962, זז' 24־28.

49. ליטעראַרישער אָוונט אין לאָדזשער געטאָ

„אפריקאַנער יידישע ציטונג", יאָהאַנעסבורג, ראש־השנה תשכ"ג, זז' 76־79.

50. דער לעצטער וועג

„לעבנס פראַגן", תל־אביב, מערץ־אפריל, 1970.

51. מיט מרדכי געבירטיג אין צייט פון מלחמה

„נייע פרעסע", פאַריז, סעפט' 18, 1970.

52. מיטאָג פוּיזע

„אידישער קעמפער", נ"י, מערץ 10, 1950.

53. מיין זיידעס עסצימער (אַ קאַפּיטל פון „די וואָס זיינען נישט געבליבן)

„יידישע קולטור", נ"י, מערץ 3, 1972, זז' 52־58.

54. מען כאַפּט אויף אַרבעט

„דאָ!", מאָנטעווידעאָ, אָקט'־נאָוו', 1961, זז' 17־18.

55. נישט פאַרצווייפלען [ליד]

„נייוועלט", תל־אביב, דעצ' 21, 1945;
„יידישע קולטור", נ"י, אפריל 1966, ז' 59;
„סינדער זשורנאַל", נ"י, יאַנ' 1968.

56. Niszt farcwejflen. Muzyka: Wiliam Gunter.

."Nasz Glos", dodatek do "Folk-Sztime", Warszawa, March, 9, 1968.

57. עלעקטרישע ליכט

„די יידישע פאָסט", מעלבורן, אפריל 10, 1964.

58. **פורים אין געטאָ**

„דער אמעריקאַנער", נ"י, מערץ 20, 1959;
„דער טאָג מאָרגען זשורנאַל", נ"י, מערץ 13, 1968;
„אונזער וועג", פּאַריז, מערץ 12, 1971.

59. **פאַר וואָס האָסטו אונדז געשיקט צום טויט?**

„פאָלק און וועלט", נ"י, אַפּריל 1964, זז' 14-20;
„קענעדער אָדלער", מאָנטרעאָל, סעפּט' 4, 1964, זז' 13-15.

60. **פאַרצווייפלונג**

„זאַמלונגען", נ"י, האַרבסט 1963, זז' 89-94.

61. **פון גסיסה צו לעבן**

„יידישע קולטור", נ"י, נומ' 4, 1973, זז' 45-50;
דאָרטן, נומ' 5, זז' 49-55; דאָרטן, נומ' 10, זז' 51-55;
דאָרטן, נומ' 3, 1974, זז' 21-24.

62. **צווייגן** [ליד]

„נייוועלט", תל־אביב, דעצ' 21, 1945;
„יידישע קולטור", נ"י, אַפּריל 1966, ז' 59.

63. **Cwajgn. Muzika: Wiliam Gunter.**
"Nasz Glos", dodatek do "Folks Sztime", Warszawa, Aug. 27, 1966.

64. **אַ קאַץ אין געטאָ**

„דער טאָג", נ"י, אָקט' 23, 25-31, 1949;
„נייע פּרעסע", פּאַריז, יוני 15 — אויג' 2, 1968.

65. **קאַצעטן** [ליד]

„זאַמלונג פון קאַצעט־און געטאָ־לידער", געזאַמלט פון זאַמי פעדער, בערגען־בעלזען, 1946.

66. קידוש השם [אויף קידוש השם]

„נייע יידישע צייטונג", מינכן, אָקט' 16, 1953;
„דאָ!", מאָנטעווידעאָ, אַפּריל 1960.

67. דער „קייסער" אין געטאָ [אונטער פאַרשיידענע „קעפּ"]

„אונזער צייט", נ"י, יולי־אויג', 1954, ז' 38־39;
„דער אידישער זשורנאַל", טאָראָנטאָ, יאַנ' 1, 1956;
„אונזער וועג", שיקאַגאָ, מערץ 1958;
„יום־טוב בלעטער", יאָהאַנעסבורג, ראש־השנה נומער תשי"ט;
„פאָלקס שטימע", ווארשע, נומ' 52, 1961;
„פריילאַנד" פּאַריז, אָקט'־נאָוו', 1961.
„לעבנס־פראַגן", תל־אביב, אַפּריל־מיי, 1965;

68. קינדער אין אוישוויץ

„ארגענטינער ביימעלעך", בוענאָס־איירעס, מערץ־אַפּריל, 1955.

69. אַ קינדערשפּיל אין געטאָ

„קינדער זשורנאַל", נ"י, אַפּריל 1968;
„מיר זיינען דאָ", [רעד'] יוסף קעידזש, מאָנטרעאָל [1973], ז' 98.

70. רבקהלעס קידוש השם (די העלדישע ריווקעלע אין אוישוויץ)

„פאָרווערטס", נ"י, דעצ' 6, 1949;
„דער אידישער זשורנאַל", טאָראָנטאָ, סעפּט' 30, 1953;
„צוקונפט", נ"י, נאָוו' 1972, ז' 365־366;
„יום־טוב בלעטער", יאָהאַנעסבורג, סעפּט' 1974;
„אונזער וועג", פּאַריז, סעפּט' 30, 1974.

71. אַ שאַנק אין געטאָ

„יום־טוב בלעטער", יאָהאַנעסבורג, אַפּריל 1958.

72. שמחת תורה אין היטלערישן קאָנצענטראַציע־לאַגער

„טאָג מאָרגען זשורנאַל", נ"י, אָקט' 3, 6, 1969.

73. **שמחת תורה אין מיין שטעטל**

„טאָג מאָרגען־זשורנאַל”, אָקט׳ 12, 1971.

74. **„שפּערע” (די „שפּערע” אין לאָדזשער געטאָ)**

„זאַמלונגען”, נ״י, זומער 1963, זז׳ 80־87;
„פאָלק און וועלט”, נ״י, אַפּריל 1968, זז׳ 22־26;
„קענעדער אָדלער”, מאָנטרעאַל, אַפּריל 26, 1968;
„מאָרגן פרייהייט” (מיט אַריינפיר־וואָרט פון רעדאַקציע), נ״י, סעפּט׳ 8, 12, 1972.

איבערזעצונגען

75. **בכי הלבבות, המתרגם: יהושע טן־פּי.**

„מן המצר קראתי”, העורך: משה פּרגר, ירושלים, תשט״ו, ע׳ ע.

76. **דין־תורה עם רבונו של עולם, המתרגם: עקיבא שטרוים.**

„הדואר”, נ״י, כ״ט אלול, תשכ״ג.

77. **חתול בגיטו, המתרגם: אלחנן אינדלמן**

„הדואר”, נ״י, כ״ט כסלו, תשכ״ה.

78. **ילדי הגיטו**

„החינוך”, תל־אביב, תשרי תשכ״ב.

79. **על קידוש השם, המתרגם: אלחנן אינדלמן**

„הדואר”, נ״י — י״א טבת, תשכ״ח; י״ח טבת; כ״ה טבת; ג׳ שבט; י׳ שבט; א׳ אדר; ח׳ אדר; ט״ו אדר; כ״ב אדר; ז׳ ניסן; כ״ח ניסן.

80. **פורים בגטו הנצי, המתרגם: עקיבא שטרוים.**

„הדואר”, נ״י, י״ב אדר, תש״ך.

81. **ראש השנה בימי ההשמדה של גטו לודז, המתרגם: עקיבא שטרוים.**

„הדואר", נ"י, כ"ט אלול, תשכ"ג.

82. **שידה בגיטו**

„הדואר", נ"י, כ'ה ניסן, תש"ל;
„על המשמר", תל־אביב, ט' תשרי, תשל"א (תרגום שמשון מלצר).

83. **Angen,**

"Folkvilian", Stockholm, Aug. 30—Sept. 5, 1946.

84. **Un armadio nel ghetto**

"Almanacco Letterario Bompiani" 1961, Milano, 1961, p. 108-111.

85. **Artists in the Ghetto**

"Reconstructionist", N. Y., June 19, 1970, p. 21-27.

86. **Berele in the Ghetto**

"The Jewish Quarterly", London, autumn 1955, p. 32-35; "Jewish Spectator", N. Y., February 1955, p. 15-18; "The Jewish Standard", Toronto-Montreal, 1956.

87. **Bjorn i gettot**

"Judiska Hem", Stockholm, April 1949, p. 121-126.

88. **Bread**

"Jewish Currents", N.Y., April 1967, p. 9-11;

"Canadian Jewish Outlook", Toronto, March-April 1971, p. 7-8.

89. **A cat in the Ghetto,** translated by S. Morris Engel.

"The Atlantic Advocate", New Brunswick, Nova Scotia, March 1961, p. 23, 24, 26-28, 30, 31, 33-35, 37-40.

90. **A cat in the Ghetto,** translated by Joseph Leftwich.

"Yisroel", edited by Joseph Leftwich, London-New York, 1963, p. 576-588.

91. **Children of the Lodz Ghetto**

"Jewish Spectator", N.Y., April 1963, p. 12-15.

92. **Closet in the Ghetto,** translated by Ada Fogel.

"Jewish Frontier", N.Y., July 1959, p. 17-20.

93. **A cupboard in the ghetto**

Anthology of Holocaust literature, ed. by J. Glatstein (and others). Philadelphia, 1969, p. 102-108.

94. **The "king" of the Ghetto**

"The Jewish Chronicle", London, May 25.

95. **Kredens**

"Expres Ilustrowany", Lodz, June 23, 1964.

96. **The last journey**

"Reconstructionist", N.Y., July 1967, p. 18-24.

97. **Lille Bieni in gettot**

"Folkvilian", Stockholm, June 17-23, 1948.

98. **Lille Bjorn i gettot**

"Ny Dag", Stockholm, June 19, 1948.

99. **Rattikbladen**

"Folkvilian", Stockholm, Dec. 2-8, 1948;
"Ny Dag", Stockholm, Dec. 4, 1948.

100. **Rivkale's Kidush Hashem**

"Jewish Spectator", N.Y., June 1956, p. 19-20;
"Freeland", N.Y., July-Sept., 1958, p. 10-11;
"Kol Herut", Dublin, 1962, p. 110-111.

101. **Un ropero en el ghetto**
"Tribuna Israelita", Mexico, April 1961, p. 7-10.

102. **Sanctification,** translated by S. Morris Engel.

"The Atlantic Advocate", New Brunswick, Nova Scotia, April 1961, p. 27, 28, 31, 33, 35, 36, 38-42.

103. **Tobche the teacher of the Ghetto**

"Kol Herut", Dublin, 1963, p. 121-125; "Reconstructionist", N.Y., June 12, 1964, p. 18-21.

104. **Two poems**

[Do not despair; twigs]
"Jewish Currents", N.Y., April 1970, p. 15.

טעאַטער און פילם

1. רעצענזיעס

105. אלמגור, דן

החסיד מסתמר — תסריטן בהוליבוד.
[וועגן שמעון ווינסעלבערגס „חלונות הרקיע", באַזירט אויף „אַ קאַץ אין געטאָ"].
„מעריב", תל־אביב, סעפּט' 1964.

106. בן, פיליפּ

חתול בגיטו, קומדיה בברודוויי
„מעריב", תל־אביב, נאָוו' 11, 1964.

107. גם ליהודים יהודים משלהם

„מעריב", תל־אביב, דעצ' 1965.

108. העליון, יעקב

חתול בגיטו מוצג בפראג
„מעריב", תל־אביב, יאַנ' 17, 1971.

109. הר־גיל, שרגא

כיצד להיות תסריטן מצליח ויהודי ירא־שמיים כאחד
„מעריב", תל־אביב, יולי 20, 1970.

110. טעאַטראַלאָוו, י. [יצחק פערלאָוו]

אַן אָפּערעטע פון ירחמיאל בריקס [וועגן „אויף קידוש השם"]
„פאָרווערטס", נ"י, פעב' 27, 1970.

111. טרום, אַלתר

יידישע פּיעסן האָבן דערפֿאָלג אין צוויי שוועדישע טעאַ־
טערן [וועגן „אַ קאַץ אין געטאָ"]

„לעצטע נייעס", תל־אביב, יאַנ' 26, 1970.

112. סווערדלין, נ.

עס האָט געלוינט

„דער טאָג", נ"י, מיי 4, 1951.

113. פּעסעל, יעקב

אַ פּיעסע וועגן לאָדזשער געטאָ אין קעניגלעכן דראַמאַטישן
טעאַטער [„אַ קאַץ אין געטאָ"]

„אונזער וועג", פּאַריז, אָקט' 31, 1969.

114. פרידלנדר, נילי

מחזה יהודי „חתול בגיטו" [חלונות השמים של וינסלברג]
מוצג על בימת תיאטרון ידוע בשטוקהולם
„מעריב", תל־אביב, דצמבר 18, 1969.

115. שמולעוויטש, י.

די יידן אין שוועדן [אויך וועגן דער פאָרשטעלונג „אַ קאַץ
אין געטאָ" אין שטאָקהאָלם]
„פאָרווערטס", נ"י, יאַנ' 17, 1970.

116. Almaz, Michael

Black humor.
"The Jewish Quarterly", London, Summer 1964, p. 47.

117. Brim, Herb

Across the city desk.
"Heritage", Los Angeles, May 16, 1963.

118. **Heyman, Viveka**

"Katten i gettot".

"Judisk Kronika", Stockholm, Oct.-Nov. 1967, p. 167.

119. **M. U. S.** [Morris U. Schappes]

A play worth production.

"Jewish Currents", N. Y., May 1964, p. 33.

120. **Moore, Ward** and **Penny, Raylijn**

The Windows of Heaven.

"The Jewish Exponent", Los Angeles, Aug. 14, 1964, p. 3.

121. **N. B.**

"A cat in the Ghetto".

"Jewish Chronicle", London, March 27, 1964.

122. **Rochmis, Doroty H.**

Of Fans and Friends.

"The California Jewish Voice", Los Angeles, Oct. 4, 1963, p. 10.

123. Making an amend.
ibid. Dec. 12, 1969, p. 5.

124. **Wincelberg, Shimon**

The Windows of Heaven, based on "A cat in the Ghetto".

"Gambit", London, p. 19-84;
"Midstream", N. Y., Dec. 1962, p. 44-64.

2. נאָטיצן

125. „אַ קאַץ אין געטאָ", אויפגעפירט אין לאָנדאָן
„מאָרגן פרייהייט", נ"י, אפריל 10, 1964.

126. „אַ קאַץ אין געטאָ" אויף טעלעוויזיע אין ענגלאַנד
„טאָג מאָרגען־זשורנאַל", נ"י, אפריל 16, 1964.

127. אַלוועלטלעכער דראַמע־פעסטיוואַל אין ישראל עפנט זיך מיט דראַמאַטיזירטן ווערק „אַ קאַץ אין געטאָ"
„טאָג מאָרגען־זשורנאַל", נ"י, מיי 12, 1965.

128. „אַ קאַץ אין געטאָ" אין די סקאַנדינאַווישע טעאַטערס
„פאָלקס שטימע", וואַרשע, אויג' 9, 1969.

129. „אַ קאַץ אין געטאָ" אויפגעפירט מיט גרויס דערפאָלג אין שוועדן
„נייע פרעסע", פאַריז, נאָוו' 29, 1969.

130. Animal-like existence of human beings.
"The Stage", London, March 26, 1964.

131. Katten i gettot"
"Lilla scenen", Stockholm, 1969/70.

אַרטיקלען פון י. בריקס

132. ב. י. ביאַלאָסטאָצקי
„פרייע אַרבעטער שטימע", יאַנ' 1, 1954.

133. „גרויסער יידישער ווערטערבוך פון דער יידישער שפּראַך"
„ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט", נ"י, אָקט' 29, 1954;

„קענעדער אָדלער", מאָנטרעאָל, מערץ 12, 1955;
„די שטימע", מעקסיקע, מערץ 12, 1955.

134. **אַ דיכטער פון לאָדזשער געטאָ — אַלתר שנור**

„פאָרווערטס", נ"י, אָקט' 15, 1950;
„דער שפיגל", בוענאָס איירעס, יוני 1951.

135. **„די וואַנט"**

„פרייע ארבעטער שטימע", אפריל 1, 1961.

136. **וועגן אומגעקומענע יידישע שרייבערס און קינסטלערס**

„די צוקונפט", נ"י, אויג' 1946. זז' 597-598;
„די פרעסע", בוענאָס איירעס, סעפט' 11, 1946.

137. **וועגן חורבן געדענקטאָג**

„אויפן שוועל", ניו־יאָרק־מעקסיקע, יאנ'־פעב' 1963.

138. **וועגן יידישן טעאַטער און ראַדיאָ אין אַמעריקע**

„ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט", נ"י, דעצ' 14, 1951.

139. **ווערטער געשאַפן אין לאָדזשער געטאָ**

„די צוקונפט", נ"י, יולי־אויג' 1947, זז' 402-404;
„אונטערוועגנס", ציילסהיים, סעפט' 26, 1947;
„אונדזער לאָדזש", בוענאָס־איירעס, סעפט' 1954.

140. **דער טאָגבוך פון אַנאַ פראַנק**

„דער טאָג", נ"י, נאָוו' 7, 1959.

141. **דאָס יידישע קולטור־לעבן אין שוועדן**

„קולטור און דערציאונג", נ"י, יאנ' 1947.

142. **אַ יידישער קונסטאָוונט אין שטאָקהאָלם**

„אונזער שטימע", פאריז, דעצ' 11, 1946.

143. ימים נוראים אין די פינצטערע יאָרן (אַ קאַפּיטל זכרונות)

„אילוסטרירטע וועלטוואָך", תל־אביב, כ"ה אלול, תשל"ג.

144. די ימים נוראים ביים אָנהייב פון צווייטן וועלטקריג (אַ קאַפּיטל זכרונות)

„טאָג מאָרגען־זשורנאַל", נ"י, סעפּט' 23, 1966.

145. יעקב גלאַטשטיינס „אַ גוטע נאַכט, וועלט"

„היינט", מאָנטעווידעאָ, אָקט' 18, 1971.

146. „מיין טאַטנס בית־דין שטוב"

„אילוסטרירטע ליטעראַרישע בלעטער", בוענאָס איירעס, נומ' 100, 1963, זז' 3, 33.

147. מיין קרעדאָ (ווי אַזוי שרייבן וועגן חורבן)

„קענעדער אָדלער", מאָנטרעאָל, נאָוו' 19, 20, 1962.

148. מרים אולינאָווער

„פאָרווערטס", מערץ 9, 1950;
„קענעדער אָדלער", מאָנטרעאָל, מערץ 2, 1953.

149. דער פאָלקסזינגער יאַנקעלע אין לאָדזשער געטאָ

„פאָרווערטס", אויג' 27, 1950.

150. פאָלקסזינגערס אין לאָדזשער געטאָ

„פאָרווערטס", נ"י, יולי 11, 1950.

151. די פאַלשע מטבע (וועגן דער באַציאונג פון די אַמעריקאַנער יידן צו די ניי־געקומענע פּליטים)

„פרייע ארבעטער שטימע", נ"י, יוני 9, 1950.

152. **פיינער אויפטו פון „פּאָלקסבינע" (וועגן „פרינץ ראובני" פון דוד בערגעלסאָן)**

„פרייע ארבעטער שטימע", נ"י, פעב' 1, 1968.

153. **קאַמף אין לאָדזשער געטאָ**

„מאָרגן פרייהייט", נ"י, סעפט' 22-25, 27, 1974.

154. **How to write churban literature**

"The way we think", a collection of essays from Yiddish, translated by Joseph Leftwich. New-York-London, 1969, v. 2, p. 487-494.

155. **"Judiska Vetenskapliga Institut—Yivo"**

"Judiska Hem", Stockholm, Mars 1949, p. 74-80.

156. **Nabra ordur mitt gettolexikon**

"Prisma", Stockholm, 1949. No. 5.

157. **The spiritual resistance in the Ghettos.**

"Herzl Institute Bulletin", N. Y., April 29, 1973.

בריוו און אינטערוויוען

(כראָנאָלאָגיש)

158. **אַ בריוו פון אַ געראַטעוועטן יידישן שריפטשטעלער**

„פאָרווערטס", נ"י, אויג' 1945.

159. **אַ בריוו צו ה. שישלער**

„אפריקאנער יידישע צייטונג", יאָהאַנעסבורג, מערץ 29, 1946.

160-61. דיכטער ירחמיאל בריקס אין אַמעריקע [אינטערוויו]

„פאָרווערטס", נ"י, אַפּריל 4, 1949.

162. פּאָליטיק פאַרגוואַלדיקט דאָס געוויסן (אַרום די דייטשע געלטער)

„ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט", נ"י, יאַנ' 1955;
„די שטימע", מעקסיקע, פעב' 2, 1955;
„נייע יידישע צייטונג", מינכן, פעב' 25, 1955;
„אויסטראַלישע יידישע נייעס", מעלבורן, מערץ 25, 1955.

163. אַ בריוו צו מאָרים שוואַרץ וועגן „די ברידער אשכנזי"

„קענעדער אָדלער", מאָנטרעאָל, דעצ' 12, 1955.

164. אַ בריוו [צו ב. צ. גאָלדבערג]

„טאָג מאָרגען־זשורנאַל", נ"י, מיי 21, 1956 (אין ב. צ. גאָלד־בערגס „אין גאַנג פון טאָג")

165. אַ בריוו [צו יעקב גלאַטשטיין]

„טאָג מאָרגען־זשורנאַל", נאָוו' 4, 1956 (אין י. גלאַטשטיינס „פּראָסט און פּשוט")

166. אַ ווייגעשריי צום יידישן פאָלק [קעגן ישראלס געווער־האַנדל מיט דייטשלאַנד, אונטער פאַרשיידענע „קעפּ"]

„פאָרווים", מעקסיקע, 1959;
„מאָרגן פרייהייט", נ"י, אָקט' 6, 1959;
„נייע פּרעסע", פּאַריז, אָקט' 12, 1959;
„נייע פּרעסע", פּאַריז, אָקט' 24, 1959;
„פרייל אַנד", פּאַריז, נאָוו' 1959;
„פרייע אַרבעטער שטימע", נ"י, דעצ' 1, 1959.

167. [אַ בריוו פון ז. ווענדראָף]

„טאָג מאָרגען־זשורנאַל", נ"י, יוני 17, 1960.

168. **אַ בריוו פון יונגן פּראָזע־שרייבער ירחמיאל בריקס**

יצחק וואַרשאַווסקי אין „פאָרווערטס", נ"י, יולי 1960.

169. **[אַ בריוו צו חיים ליבערמאַן]**

אין ח. ליבערמאַנס אַרטיקל „יידישע פּירערשאַפט", „פאָר־ווערטס", מיי 7, 1962.

170. **[אַ בריוו פון אַ יידישן לייענער אין מאָסקווע]**

אין ב. צ. גאָלדבערגס קאָלום, „טאָג מאָרגען־זשורנאַל", דעצ' 3, 1962.

171. **בעל „החתול בגטו" מדבר על ספרו ועבודתו**

שרגא הר־גיל אין „מעריב", אויג' 8, 1969.

172. **אַ בריוו פון אַלכּסנדר בעלאָוסאָוו**

„יידישע קולטור", נ"י, מערץ 1971, זז' 54־57.

173. **אַ בריוו פון עליע שעכטמאַן**

„יידישע קולטור", נ"י, מערץ 1974, ז' 24.

174. Encounter with creativity, an interview.

"Herzl Institute Bulletin", N.Y., Dec. 1964, p. 2 and 8.

175. Yiddish author interviewed, by Bella Svea Bryks.

"The Observer", N.Y., Oct. 1967.

אַרטיקלען וועגן י. בריקס

176. אַלמאַזאָוו, ש.

אין יידישן ברעיל-אינסטיטוט פאַר בלינדע.

„מאָרגן־פרייהייט", מערץ 13, 1973, זז' 5־6.

177. אַקסעלראָד, י. ח.

מען מוז לערנען מיט יידישע קינדער דעם חורבן שלישי.

„אונזער וועג", פאַריז, מערץ 2, 1973.

178. באַראַבאַן, אברהם

די שאַפונגען פון ירחמיאל בריקס.

„יידישע צייטונג", תל־אביב, מערץ 13, 1970.

179. בלומענטאַל, נחמן

ירחמיאל בריקס.

„החינוך", תל־אביב, תשרי תשכ"ב.

180. בלומענטאַל, נחמן

געשיכטע אין אַ קינסטלערישער פאָרם.

„יידישע קולטור", נ"י, יאַנ' 1, 1969, זז' 52־53.

181. גאָלדבערג, אַ.

די געטאָ־טעמע אין דער יידישער ליטעראַטור.

„סאָוויעטיש היימלאַנד", מאָסקווע, נומ' 4, 1969, זז' 1־7.

182. גאָלדבערג, בן־ציון

געטאָ־ליטעראַטור.

„טאָג מאָרגען־זשורנאַל", נ"י, נאָוו' 9, 1964.

183. גאָלדבערג, בן־ציון

פון דער פאַסט.

„טאָג מאָרגען־זשורנאַל", נ"י, נאָוו' 8, 1965.

184. **גערשמאַן, י.**

שמועסן אין מאָסקווע מיט יידישע שרייבערס.

„מאָרגן פרייהייט", נ"י, יאַנ' 1, 1963.

185. **גרין, בער**

ווי דאָס פאָלק האָט געשאַפן לידער אין די געטאָס און לאַגערן.

„מאָרגן פרייהייט", נ"י, אַפּריל 21, 1963.

186. **האַלפּערן, ברוך**

דער נייעסטער נומער „זאַמלונגען".

„מאָרגן פרייהייט", נ"י, אויג' 4, 1963.

187. **הורוויץ, מאיר**

ירחמיאל בריקס אין אַ דייטשישן שפּיטאָל.

„איבערלעבונגען פון אַ יידישן פּאַראַשוטיסט", נ"י, 1948, ז' 276.

188. **וואָלפע, דוד**

י. בריקס — טרויער־דערמאָנער פון לאָדזשער געטאָ.

„דרום־אַפריקע", יאָהאַנעסבורג, מאַרץ־אַפּריל, 1969, זז' 19-16.

189. **וואָלף־יאַסני, אַ.**

י. בריקס, צו זיין באַזוך אין ישראל.

„לעצטע נייעס", תל־אביב, אַפּריל 6, 1961.

190. **ווינאָגראַד, עלען**

י. בריקס, דער מענטש און שרייבער.

„לשון און לעבן", לאָנדאָן, יוני־יולי, 1964, זז' 32-31.

191. וינצלברג, שמעון

מסע לשבדיה.

„פנים אל פנים", ירושלים, אָקט' 30, 1970. זז' 10-11.

192. זאַק, אברהם

יידישע אַנטאָלאָגיע „חורבן".

„פאָרווערטס", נ"י, יוני 21, 1970.

193. זינגער, ש. ד.

וועגן שרייבער און ביכער.

„אונדזער וועג", נ"י, אפריל 1966, זז' 12-14.

194. חייט, אהרן

י. בריקס, צו זיין באַזוך אין לאַנד.

„יידישע צייטונג", תל־אביב, סעפט' 25, 1970.

195. טאַמבור, וואָלף

ביכער פון ירחמיאל בריקס.

„צייטשריפט פונעם רומענישן רעליגיעזן יידנטום", בוקארעשט, סעפט' 1, 1973.

196. כנען, חביב

ירחמיאל בריקס מנציח גטו לודז'.

„הארץ", תל־אביב, אָקט' 5, 1970.

197. לאַנדאַו, חיים

דאָס לאָדזשער געטאָ אין די שריפטן פון ירחמיאל בריקס.

„ישראל שטימע", תל־אביב, נאָוו' 12, 1969.

198. **לעיעלעס, א.**

דאָס קול פון דאָרטן.

„טאָג מאָרגען־זשורנאַל", נ"י, נאָוו' 18, 1945.

199. **לפיד, שולמית**

יצירה ספרותית כתוספת לספר התפלה.

„מעריב", תל־אביב, אָקט' 20, 1972, ז' 39.

200. **מוקדוני, א.**

ליטעראַרישע נאָטיצן.

„מאָרגען־זשורנאַל", נ"י, אָקט' 28, 1951.

201. **מיילעכאָוויטש, ל.**

די קאָמאַנדע „קאַנאַרע" אין אוישוויץ און די נישט באַרעכ־טיקטע באַשולדיקונגען.

„נייע פרעסע", פּאַריז, אויג' 9, 1967.

202. **סאַנדלער, פיליפ**

אין דער ענגלישער יידישער פרעסע.

„קולטור און לעבן", נ"י, סעפּט'־אָקט' 1967, ז' 24.

203. **עלבערג, שמחה**

אַ רעליגיעזער ייד וועגן גאָט־אויפשטאַנד.

„טאָג מאָרגען־זשורנאַל", נ"י, יוני 5, 1959.

204. **פיעקאַזש, חיים**

כתיבה בצל זכרונות השואה.

„הצופה", תל־אביב, סעפּט' 17, 1970.

205. פוקס, חיים לייב

„לאַדוש של מעלה", תל־אביב, 1972, זז' 51, 55, 270, 309, 313.

206. פינקעלשטיין, י.

אַ גרויסער אוצר.

„מאָרגן פרייהייט", נ"י, אָקט' 10, 1972.

207. פרענקל, באָרווין

טראַגישע חורבן־ליטעראַטור וואָס ווערט פּאַרמינערט דורך שלעכטער פּאָעזיע.

„אונזער שטימע", פּאַריז, פעב' 24, 1968, זז' 3-4.

208. קאַלמאַן, יהודית

פראַנצויזישע קאָלאַבאָראַטאָרן יודענראַטלערס.

„נייע פּרעסע", פּאַריז, יולי 4, 1969.

209. ראַוויטש, מלך

ירחמיאל בריקס און זיין בייטראַג צו דער יידישער ליטעראַטור.

„קענעדער אָדלער", מאָנטרעאָל, פעב' 2, 1953.

210. ראַוויטש, מלך

די שאַפונגען פון ירחמיאל בריקס.

„דער וועג", מעקסיקע, פעב' 7, 1953;
„די פּרעסע", בוענאָס איירעס, מערץ 3, 1953;
„לעצטע נייעס", תל־אביב, אַפּריל 17, 1953;
„אויסטראַלישע יידישע נייעס", מעלבורן, אויג' 7, 1953.

211. ראָנטש, י. א.

אַ שפּאַציר איבער די געצעלטן פון גוטע פריינט.

„מאָרגן פרייהייט", נ"י, דעצ' 5, 1972.

212. שטערן, שלום

דערציילונגען, לידער און ליטעראַטור־קריטיק אין נייעם נומער „זאַמלונגען".

„מאָרגן פרייהייט", נ"י, מערץ 29, 1959.

213. ———

אַ נומער „זאַמלונגען".

„מאָרגן פרייהייט", נ"י, פעב' 16, 1964, זז' 5, 10.

214. ———

רייכער אינהאַלט פון נומער 34 „זאַמלונגען".

„מאָרגן פרייהייט", נ"י, אַפּריל 3, 1966.

215. ———

„זאַמלונגען" — אַ ליטעראַרישע היים.

„מאָרגן פרייהייט", נ"י, יוני 20, 1971.

216. ———

אָן אָנהייב וואָס איז גוט.

„מאָרגן פרייהייט", נ"י, יולי 1, 1973.

217. ———

אַ יזכור־נומער נאָך אונזער חורבן.

„מאָרגן פרייהייט", נ"י, יולי 29, 1973.

218. שפּיגל, ישעיהו

בעלעטריסטישע געטאָ־כראָניק.

„ישראל שטימע", תל־אביב, יאַנ' 1, 1975.

נעקראָלאָגן

219. [לייט־אַרטיקל]

ירחמיאל בריקס.

„יידישע קולטור", נ"י, אָקט' 1974.

220. אויפן טויט פון ירחמיאל בריקס.

„יידישע קולטור", נ"י, נאָוו' 1974, זז' 54־57.

(פון סאָל ליפּצין, לאה און יעקב ראָטבוים, זאַמי פעדער, מלך ראַוויטש, א. וו. ווערטהיים)

221. ראַוויטש, מלך

ירחמיאל בריקס ז"ל.

„היינט", מאָנטעווידעאָ, נאָוו' 5, 1974.

222. Beritini, K. A.

Piewca Getta Lodzkiego.

"Nowiny" i "Kurier", Tel-Aviv, June 2, 1961.

223. Fenson, Melvin

Must it be Red Buttons?

"The Jewish Post", Winnipeg, May 12, 1955.

224. Frances, Jane

Terror in Hitler's Europe

"The Jewish News", Newark, Jan. 29, 1960.

225. Jacobowsky, C. Vilh

"A cat in the Ghetto".

"Judisk Tidskrift, Stockholm, No. 2, 1960, p. 71-72.

226. **Janzon, Ake**

Rachmil Bryks arg.

"Svenska Dagbladet", Stockholm, Jan. 11, 1970.

227. **Josephson, Lennart**

I vantan pa forintelse.

"Sydsvenska Dagbladet", Malmo, Oct. 18, 1969.

228. **Jovins, Ben**

Stories from the Nazi death camps.

"Daily Hebrew Journal", Toronto, Nov. 9, 1953.

229. **Kohn, Moshe**

Bryks.

"The Jerusalem Post", Jerusalem, June 30, 1961.

230. **Leftwich, Joseph,** ed.

"Yisroel", New York-London, 1963, p. 15.

231. **Liptzin, Sol**

"A history of Yiddish literature".

Middle Village, 1972, p. 435-436.

232. **Nachum, Daniel**

Eloquent poetry.

"Morgn Freiheit", N. Y., July 21, 1968.

233. **Stern, William**

The view from here.

"The Call", N.Y., July 5, 1969.

234. **Waxman, Meyer**

"The history of Jewish literature", London-New York, v. 5, 1960, p. 77.

235. **Yerushalmi, Chaim**

A Jewish Press profile.

"The Jewish Press", N.Y., Aug. 1971, p. 38.

אַרטיקלען וועגן איינצלנע ווערק

1. אויף קידוש השם

236. **אַסטור, מיכאל**

„אויף קידוש השם".

„פריילאַנד", פּאַריז, מערץ 1959.

237. **אַשעראָוויטש, מ.**

דער מאָטיוו פון קידוש השם אין דער ליטעראַטור.

„פאָרווערטס", נ"י, דעצ' 21, 1952.

238. **באַשעוויס, יצחק**

„קידוש השם".

„פאָרווערטס", נ"י, אָקט' 18, 1953;
„קאַנאַדער נייעס", טאָראָנטאָ, נאָוו' 27, 1953.

.239 בערגער, ישעיה

„אויף קידוש השם".

„יום־טוב בלעטער", יאָהאַנעסבורג, נומ' 63, 1971.

.240 בערגער, לילי

כדי נישט צו פאַרגעסן.

„יידישע שריפטן", וואַרשע, דעצ' 1962.

.241 בערלינער, יצחק

„אויף קידוש השם".

„יידישע שריפטן", וואַרשע, דעצ' 1962.

.242 גאָלדבערג, בן־ציון

פון נעכטן ביז מאָרגן.

„דער טאָג", נ"י, פעב' 21, 1953.

.243 גאָרדין, אבא

„על קידוש השם".

„הדואר", ניו־יאָרק, י"ג סיון, תשט"ו.

.244 גראָבאַרד, ב.

לאָדזש און אוישוויץ.

„צוקונפט", נ"י, אַפּריל 1954, ז' 188.

.245 דאָמבאַנקעוויטש, ל.

גסיסה און אומקום פון לאָדזשער געטאָ.

„אונזער וואָרט", פּאַריז, נומ' 45, 1953.

.246 האַו, אירווינג

אַ בוך וואָס מען קען ניט פאַרגעסן.

„אונזער שטימע", פּאַריז, דעצ' 6-7, 1958.

247. וואַרשאַווסקי, יצחק [באַשעוויס, יצחק]

דערפאַרונג און פעאיקייט.

„פאָרווערטס", נ"י, מערץ 9, 1952.

248. וויינפּער, ז.

התלהבותדיק מיט העכסטן ברען.

„יידישע קולטור", נ"י, יאַנ' 1953.

249. ווינד, בערנאַרד

„קידוש השם".

„דער אידישער זשורנאַל", טאָראָנטאָ, אָקט' 11, 1953.

250. יאַסני, וואָלף

„קידוש השם".

„לעצטע נייעס", תל־אביב, דעצ' 11, 1953.

251. יפה, מרדכי

קידוש השם.

„הבוקר", תל־אביב, כ"ח תשרי, תשט"ז;

„לעבנס פראַגן", תל־אביב, אפּריל־מיי, 1957.

252. לאַנדאַו, חיים

„על קידוש השם" בעברית.

„על המשמר", תל־אביב, יולי 10, 1970.

253. ליפּצין, סאָל

אַ בוך, וואָס מאָנט און וואָרנט.

„טאָג מאָרגען־זשורנאַל", נ"י, אָקט' 2, 1959.

254. דער לעבעדיקער [חיים גוטמאַן]

פון ליטעראַרישן יאַריד.

„טאָג מאָרגען־זשורנאַל", נ"י, יוני 13, 1954;

דאָרטן, יאַנ' 30, 1955.

255. מוקדוני, א.

„געדענקט אוישוויץ", „אויף קידוש השם".

„דער מארגען־זשורנאל", נ"י, דעצ' 28, 1952;
„אונזער היינט", תל־אביב, יאנ' 28, 1953;
„אפריקאנער יידישע צייטונג", יאהאנעסבורג, אויג' 14, 1953;
„נייע יידישע צייטונג", מינכן, סעפט' 23, 1953;
„דער אידישער זשורנאל", טאראנטא, אקט' 14, 1953.

256. מלאַטעק, יאָסל

און דו זאָלסט דערציילן דיין זון.

„פאָרווערטס", נ"י, אפריל 20, 1969.

257. מעסטל, יעקב

ירחמיאל בריקס' „אויף קידוש השם".

„יידישע קולטור", נ"י, יוני־יולי 1955, זז' 53־54.

258. נחמן לייב [ראַזאַף, ל.]

„אויף קידוש השם".

„זיין", נ"י, נומ' 2, 1954.

259. פערסקי, דניאל

„אויף קידוש השם".

„טאָג מאָרגען־זשורנאל", נ"י, אפריל 19, 1953;
„קאנאדער נייעס", טאָראָנטאָ, נאָוו' 6, 1953.

260. פיינבערג, מילדרעד

(דבורה לאה מברכת על הנרות באושוויץ, ציור, מבוסס על הסיפור „קידוש השם".)

„ניב", נ"י, נאָוו' 1963.

261. פרענקל, באָרווין

פון ביכער טיש.

„אונזער שטימע", פּאַריז, פעב' 3, 1953.

262. קאַזדאַן, ח. ש.

פון אונזער חורבן־ליטעראַטור.

„אונזער צייט", נ"י, אַפּריל 1953.

263. קראַוועץ, נ.

„על קידוש השם".

„אונזער וועג", שיקאַגאָ, טבת תשי"ז.

264. ראָנטש, י. א.

אַ בוך דערציילונגען וועגן אָשוויענטשים.

„מאָרגן פרייהייט", נ"י, דעצ' 7, 1952.

265. ראַפּאָפּאָרט, יהושע

דערציילונגען פון גיהנום.

„פרייע אַרבעטער שטימע", נ"י, אַפּריל 10, 1953;
„די יידישע פּאָסט", מעלבורן, יוני 19, 1953.

266. ראַפּאָפּאָרט, יהושע

פון אַ קריטיקערס טאָגבוך.

„די יידישע פּאָסט", מעלבורן, יאַנ' 22, 1954.

267. רייזען, אברהם

„אויף קידוש השם".

„קענעדער אָדלער", מאָנטרעאָל, פעב' 16, 1953;
„דער אידישער זשורנאַל", טאָראָנטאָ, אָקט' 4, 1953;
„קאַנאַדער נייעס", טאָראָנטאָ, אָקט' 23, 1953.

268. רייזען, אברהם

אן אָפּענער בריוו וועגן „אויף קידוש השם".

„דאָס יידישע וואָרט", וויניפּעג, מיי 6, 1955.

269. שטאַרקמאַן, משה

בוך פון יידישער קדושה און גבורה.

„פאָלק און וועלט", נ"י, מיי־יוני, 1969, ז' 13.

270. שישלער, הערש

„אויף קידוש השם".

„לשון און לעבן", לאָנדאָן, יוני 1953;
„דרום־אפריקע", יאָהאַנעסבורג, יולי, 1953;
„ארבעטער וואָרט", פּאריז, דעצ' 18, 1953.

271. שלום, ש. [שטערן, ש.]

וועגן „אויף קידוש השם".

„טאָג מאָרגען־זשורנאַל", נ"י, פעב' 14, 1954.

272. שמן, נ.

קידוש השם אין אוישוויץ.

„דער אידישער זשורנאַל", טאָראָנטאָ, אפּריל 17, 1955;
„דער אמעריקאַנער", נ"י, דעצ' 16, 1955.

273. Howe, Irving

A book to remember.

"Freeland", N. Y., July-Sept. 1958, p. 9-10.

2. געטאָ פאַבריק 76

274. שולמאַן, אברהם

פאַרצייכענונגען פון א לייענער.

„אונזער שטימע", פאַריז, אָקט' 21, 1967.

275. [Editor]

Browsing.

"Jewish Currents", N. Y., Oct. 1968.

276. Slomovitz, Philip

Dramatic Lodz Ghetto poem.

"The Jewish News", Detroit, May 10, 1968.

277. Steinberg, Alan A.

Poignant work about Jewish catastsrophy.

J. W. B. Circle, New York, Nov. 1968.

3. די וואָס זיינען נישט געבליבן

278. בן־צבי [נ. סיגאַלאָווסקי]

נייע ביכער.

„אונדזער אייגן וואָרט", נ"י, מערץ 1974, זז' 56־57.

279. שטאָק, צבי

איז געקומען דער אַנטרונענער.

„אידישער קעמפער", נ"י, יוני 15, 1973, ז' 7־8;

„אונזער וועג", פאַריז, מערץ 22, 1974, זז' 3־4.

280. שטערן, שלום

א יידיש שטעטל אין פוילן ערב חורבן.

„מאָרגן פרייהייט", נ"י, אפּריל 8, 1973.

281. שלעווין, בנימין

די וואָס זיינען נישט געבליבן.

„נייע פּרעסע", פּאַריז, דעצ' 22, 1974.

4. יונג גרין מאַי

282. פּעטשעניק, ל. מ.

ירחמיאל בריקס

„מאַזאָוושער וואָכנבלאַט", לוויוויטש, יולי 1939.

5. פּאַפּירענע קרוין

283. באַראַבאַן, אברהם

„די פּאַפּירענע קרוין".

„יידישע צייטונג", תל־אביב, נאָוו' 28, 1969.

284. דאָמאַנקעוויטש, ל.

דאָס לעצטע דערשינענע בוך פון י. בריקס.

„אונדזער וואָרט", פּאַריז, יאַנ' 15, 1970;
„יום־טוב בלעטער", יאָהאַנעסבורג, שבועות־נומער תש"ל.

285. פריד, י.

אין יאָמערטאָל פון לאָדזשער געטאָ.

„זאמלונגען", נ"י, זומער 1969, זז' 74־76.

286. קוטשינסקי, מאיר

„ארבעטער־וואָרט", פּאַריז, אַפּריל 25, 1969.

6. אַ קאַץ אין געטאָ

287. איוואַן, וואָלף־הערש

אַ שרייבער וואָס האָט זיין וועג געפונען.

„לעצטע נייעס", תל־אביב, אויג' 7, 1959.

288. אַלרואי, יוסף

מעשה בחתול.

„הארץ", תל־אביב, אַפּריל 22, 1966.

289. ברודם, אברהם

חתול בגטו.

„מאזנים", תשכ"ו, ז' 263.

290. ברתיני, ק. א.

חיים ומוות בעולם סגור.

„מעריב", מיי 26, 1961.

291. גראַנט, פרידריך ס.

אנטישמים חייבים לקרוא ספר זה.

„יום־טוב בלעטער", יאָהאַנעסבורג, ראש השנה תשכ"ג, 1962;
„חרות", תל־אביב, אויג' 27, 1963.

292. דײַמאָנדשטיין, ב.

וועגן אַ קאַץ אין געטאָ.

„ליטעראַרישע העפטן", טאַנגאַ, קאַליפאָרניע, יולי־דעצ', 1958, ז' 26.

293. האָרן, י.

קעץ נאָכן שטורם.

„די אידישע צייטונג", בוענאָס איירעס, מערץ 1, 1953.

294. כרוסט, יוסף

ממד חדש בתיאור השואה.

„חרות", תל־אביב, מיי 26, 1961.

295. לאַנדראַו, חיים

סיפורים על גיטו לודז'.

„על המשמר", תל־אביב, אויג' 22, 1969.

296. לוי־ליסנר, הינדע

„חתול בגיטו".

„הצופה", תל־אביב, אויג' 12, 1966.

297. דער לעבעדיקער [חיים גוטמאַן]

אויפן ליטעראַרישן יריד.

„דער מאָרגען־זשורנאַל", דעצ' 17, 1950.

298. לעיעלעס, א.

וועגן אַ קאַץ אין געטאָ.

„דער טאָג", נ"י, אויג' 19, 1950.

299. מאַרק, בער

צווישן לעבן און טויט.

„איקוף"־אלמאנאך, נ"י, 1961, ז' 78.

300. ניגער, ש.

וועגן „אַ קאַץ אין געטאָ".

דער „טאָג", נ"י, מערץ 5, 1950.

301. **פרידלענדער, יוסף**
מספרי השואה.

„למרחב", תל־אביב, אפריל 15, 1966.

302. **פריליך, י.**

שמועסן וועגן ליטעראַטור.

„אונדזער וועג", נ"י, אָקט' 15, 1953.

303. **קאַלמאַן, יהודית**

„אַ קאַץ אין געטאָ".

„נייע פּרעסע", פּאַריז, יוני 9, 1968.

303. **קליגער, נוח**

בני־אדם וחתול — בגיטו.

„ידיעות אחרונות", תל־אביב, נאָוו' 11, 1970.

305. **ראַוויטש, מלך**

וועגן פּאַראַייביקן און טאָגצייטונגען.

„קענעדער אָדלער", מיי 23, 1950.

306. **ראַפּאָפּאָרט, יהושע**

די מעטאַמאָרפאָזע פון ירחמיאל בריקס „אַ קאַץ אין געטאָ".

„די יידישע פּאָסט", מעלבורן, אַפּריל 5, 1963;
דאָרטן, אויג 7, 1964.

307. **ראַפּאָפּאָרט, יהושע**

„אַ קאַץ אין געטאָ".

„אונזער וועג", פּאַריז, אַפּריל 17, 1970.

308. **שולמאַן, אברהם**

„אַ קאַץ אין געטאָ".

„אונזער שטימע", פּאריז, מערץ 19, 1955.

309. **שולמאַן, אברהם**

נייער גילגול פון ירחמיאל בריקס „אַ קאַץ אין געטאָ".

„אונזער שטימע", פּאריז, יאַנ' 8, 1963.

310. Appel, John, J.

A corner of the Nazi hell in Lodz and Auschwitz.

"The J. W. B Circle", New York, March, 1960.

311. Grant, Frederic C.

Hell on earth.

"The Churchman", Hartford, July, 1962.

312. Harris, Monte

"A cat in the Ghetto".

"Tel Hai Kol Herut", Dublin, Nov. 20, 1960, p. 35.

313. Horowitz, David

"A cat in the Ghetto".

"The Western Jewish News", Winnipeg, April 11, 1963, p. 23.

314. Kabakoff, Jacob

Life in Lodz Ghetto.

"In Jewish Bookland", N. Y., Feb. 1967, p. 3.

315. **Knox, Israel**

"A cat in the Ghetto".

"CALL", New York, Nov. 1959.

316. **Litvinoff, Emanuel**

Recounting the horror.

"The Jewish Chronicle", London, Jan. 1, 1960.

317. **Tredlin**

"A cat in the Ghetto".

"Tradition", New York, Sept. 1960.

318. **W. D. T.** [W. David Terrer]

From Ghetto to crematorium.

"Jewish Affairs", Johannesburg, Jan. 1960.

319. **Wallenrod, Reuben**

Rachmiel Bryks' "A cat in the Ghetto".

"Books Abroad", Norman, Oklahoma, 1960.

320. **Weinman, Jack W.**

Stories by a survivor of Auschwitz.

"Jewish Currents", N. Y., April 1960.

7. דער „קייסער" אין געטאָ

.321 **איאַלטי, חנן**

„אידישער קעמפער", נ"י, אפּריל 72, 1962, זז' 9-10.

322. בערנשטיין, מרדכי וו.

דער קייסער איז טאקע נאקעט, אבער...

„דא!", מאנטעווידעא, מיי 1962.

323. גלאטשטיין, יעקב

דער „קייסער" אין געטא".

„טאג מארגען־זשורנאל", נ"י, יאנ' 28, 1962.

324. ווארשאווסקי, יצחק [באשעוויס, יצחק]

צוויי דאקומענטן פון אידישער פיין.

„פארווערטס", מערץ 19, 1961.

325. יאקובאוויטש, מארקוס

ווען טראגיזם פון לעבן ברענגט צו הומאר.

„היינט", מאנטעווידעא, יוני 27, 1962, זז' 5־8.

326. מינץ, מ.

„דער „קייסער" אין געטא".

„אייגנס", תל־אביב, נאוו'־דעצ' 1964, זז' 12־13.

327. צוקער, פאניע

רומקאווסקי און זיין קעניגרייך.

„זאמלונגען", נ"י, נומ' 23, 1961.

328. ראוויטש, מלך

אויטאביאגראפישער ראמאן פון לאדזשער געטא.

„קענעדער אדלער", מאנטרעאל, נאוו' 13, 1961;
„די פרעסע", בוענאס איירעס, אפריל 29, 1962.

329. ראַפּאָפּאָרט, יהושע

פון אַ קריטיקערס טאָגבוך.

„די יידישע פּאָסט", מעלבורן, מיי 12, 1961.

320. שאַטאָן, חננאל

דער „קייסער" אין געטאָ".

„דער פרייער געדאַנק", פּאַריז, נאָוו' 1963, זז' 17-18.

331. שווארצבוב, חיים

ה„קיסר" בגטו ליצמנשטדט.

„אומר", תל-אביב, יולי 28, 1961.

332. שטערן, שלום

דער שוידער פון גרויזאַמער ווירקלעכקייט.

„וואָכנבלאַט", טאָראָנטאָ, אויג' 7, 1969.

333. **D. Az.** [Dina Abramowitz]
Der Keyser in Geto.
Britanica Book of the Year 1962, p. 372.

334. **Dori M.** [Monte Harris]
"The King of the Ghetto".
"Kol Herut", Dublin, 1962, p. 123-124.

335. **Liptzin, Sol**
Despair and hope of Ghetto denizens.
"Jewish Bookland", N. Y., Feb. 1962, p. 3.

גלאָסאַר *

אָפּיציִנע — אַ דאַכשטיבל; אַנדערע זאָגן: הינטערשטער פליגל פון אַ געביידע.

אַראַפּניק — אַ שווערע נאַגייקע.

ביבולע, ביבולקע — פּאַפּיראָסן־פּאַפּיר.

געמזענע (שיך, שטיוול) — דינער, ווייכער לעדער, געמאַכט פון שעפּסענע אָדער הירשענע פעלן.

דענקע — אַ פּערטל לבנהדיקער דאַשעק פון אַ היטל.

וויבקעס — מעטאַלענער אָפּפאַל פון אַ מאַשין, מעטאַלענע שפּענער.

טאַמפּאָן — אַ פאַרשטאָפּער; צונויפגעפּרעסטע מאַרלע (גאַזע) אין אַ גאַזמאַסקע צו פילטרירן די לופט.

טרעפּעס — הילצערנע שיך; ליטווישע יידן האָבן עס גערופן קלומפּעס.

יאַבצוק, יאַביצאַק, יאַפּצאָק — טשאָלנט פון צעריבענע קאַרטאָפל.

כאַש — אין אַ שבת־אייוועלע. ניט אויפגעקלערט.

נאָגעוויצעס — ניט אויפגעקלערט.

פּאַראָבעק — באַטראַק, געדונגענער פויער ביי אַ פּריץ צו טאָן ערד־אַרבעט.

פּאַשאַק — געשטרייפטע מלבושים פון טורמעניקעס, קאַצעטניקעס.
די קאַצעט־מלבושים זיינען ס׳רוב געווען געשטרייפט אין ווייסע און בלויען פּאַסן אין דער לענג.

פּופּלער, פּופּליאָק — פּרעסער, זולל־וסובאַניק.

---

* טייל טייטשן אויסגעפונען ביים לאָדזשער פענמענטש גרשון פּאָגעל, טייל — ביי אונדזערע פילאָלאָגן.

פיעגעס — זומער־שפּרענקלעך.

פלאָנדעקע — ברעזענטענער איבערדעק.

פּריטשע — נאַרע אין קאַזאַרמעס, איינע איבער דער אַנדערער; געלעגער פון ברעטער.

פשיגוב (פּויליש) — טייל פון פוס, וואו מען פאַרשנורעוועט די שיכבענדלעך.

צאָפּע — אַ טשעפּיק.

קאַמעניצעס — העכערע געמויערטע הייזער.

קאַשטאַנען־קלייסטער — קאַשטאַנען־קליי.

קיעראָווניק — דירעקטאָר, אָנפירער.

שאַמאָט — אַ ספּעציעלער סאָרט ציגל, וואָס האַלט אָן היץ, גענוצט אין שבת־אייוועלעך.



י. בריקס ביים שרייבן

דעם מחברס אייניקלעך מישקעט און שרית

אינהאַלט

1. אַריינפיר — סאַל ליפּצין — — — — — — — 7
2. מיין הייליקער חוב — הינדע בריקס — — — — 10
3. אַ פּאָר באַמערקונגען — בערל כהן — — — 11

די אַנטלויפערס

1. אַזוי האָט זיך עס אָנגעהויבן — — — — — — — 13
2. אַנטלויפערס — — — — — — — — — — 21
3. קאַשמאַר פון גאַז — — — — — — — — — 27
4. איך אַנטלויף — — — — — — — — — 33
5. מיר לויפן קיין וואַרשע — — — — — — — — 39
6. איך לויף צוריק קיין לאָדזש — — — — — — 49
7. אין דייטשער געפאַנגענשאַפט — — — — — 63
8. רויב, פייניקונגען, רציחות — — — — — — 71
9. מען פירט אונדז קיין דייטשלאַנד — — — — 74
10. אַרויסגעפירט פון לאַגער — וואוהין? — — 88
11. אין לאַגער קאַביעזשין — — — — — — 109
12. איך ווער באַפרייט פון געפאַנגענשאַפט — 114
13. אין סקאַרזשיסק — אויף נייע צרות — — 119
14. אין קאַלושעק — — — — — — — — — — 129

15. מיר קומען אָן קיין לאָדזש — — — — — — — 135
16. באַגעגעניש מיט מרדכי געבירטיג — — — — 142
17. באַזוך ביי יוסף וואולף — — — — — — — — 151

פון גסיסה צום לעבן

1. דעפּאָרטירט קיין אוישוויץ — — — — — — — 159
2. מען טראַנספּאָרטירט אונדז קיין דייטשלאַנד 164
3. אין אַנדערע קאַצעטן — — — — — — — — 166
4. די ווילדע חיה — — — — — — — — — — — — 174
5. די ערשטע וואָכן — — — — — — — — — — 177
6. מען נעמט צו אונדזער וועש — — — — — — — 183
7. אַ תליה — — — — — — — — — — — — — 184
8. נייע דייטשן — נייע צרות — — — — — — 187
9. צוריק אין ברוינשווייגער לאַגער — — — — — 198
10. אין לאַגער וואַטענשטאַט — — — — — — — 201
11. פון „שווייץ" אין אַ טויטלאַגער — — — — — 206
12. מיר ווערן באַפרייט — — — — — — — — — 209

ביבליאָגראַפיע — — — — — — — — — — — — — 215
גלאָסאַר — — — — — — — — — — — — — — — 263

In memory
of my
unforgettable husband

Rachmil Bryks

Irene Bryks

THE FUGITIVES

*

FROM AGONY TO LIFE

by

RACHMIL BRYKS

New York, 1975